ש. באַסטאָמסקי און מ. הײמסאָן

# דאָס נײַע װאָרט

## מוסטערן פאַר ליטעראַטור־װיסנשאַפט

כרעסטאָמאַטיע פאַר די העכערע קלאַסן פון דער פאָלקסשול

צװײטער באַנד

## ליריק

פאַרלאַג
„די נײַע ײדישע פאָלקסשול“
װילנע

אלע רעכט אין אלע לענדער פארבא-
האלטן די מחברים פאר זיך.

4A-
4322i
Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1941:9863

S. Bastomski i M. Chaimson

# „Dos naie Wort"

# Liryka

Wypisy żydowskie na klasę starszę

1923.

געזעצט אין די דרוקערייען פון ש. פ. גארבער און צ. ש. א.

דרוקעריי ש. פ. גארבער, ווילנע, זאוואלנע 25 .

Druk. F. Garbera, Wilno Zawalna, ul. 25

געזען האָב איך יידישע ווערטער, ווי פּייערלעך קליינע,
ווי פּייערלעך קליינע,

ווי פונקען, געצויגן פון פינסטערן אַרץ.

געפילט האָב איך יידישע ווערטער, ווי טייבעלעך ריינע,
ווי טייבעלעך ריינע...

די טייבעלעך וואָרקען און וואָרקען אין האַרץ...

מאָטאָ צו מ. קולבאַקס זאַמלונג „שירים״.

# פאַרשײדענע ליר׳שע מאָטיװן.

## פאָלקסלידער.

### װיג־ליד.

כ׳האָב דיך, מײן קינד, שלאָפן געלײגט,
זאָלסטו מיר שלאָפן געזונטערהײט!
געזונטערהײט זאָלסטו מיר ליגן,
און איך װעל דיר זינגען און איך װעל דיך װיגן.
שלאָף, מײן קינד, שלאָף, מײן קינד,
דו זאָלסט מיר לעבן און זײן געזונט!

אַז כ׳װאָלט געהאַט דעם קײסערס אוצרות מיט זײן גאַנצער מלוכה,
װאָלט דאָס גאָר ניט זײן בײ מיר אַזוי גרויס ניחה,
װי דו ביסט בײ מיר ניחה, מײן ליכט, מײן שײן!
אַז איך דערזע דיך, מײן איך — די גאַנצע װעלט איז מײן!
שלאָף, מײן קינד, א. אַ. װ.

אַלע בריליאַנטן און אַלע אַנטיקן
קענען דאָך מײן האַרץ אַזוי פיל ניט דערקװיקן,
װיפיל דו טוסט דערקװיקן, מײן ליכט, מײן שײן,
מיט דיר, דוכט זיך מיר — די גאַנצע װעלט איז מײן!
שלאָף, מײן קינד, א. אַ. װ.

װען איך טו מיך אַמאָל װעגן דיר פאַרקלערן,
דאַכט זיך מיר, איך זע די זון מיט די שטערן,
װען דו מיט דײן געלעכטער טוסט צו מיר רײדן,
עפענען זיך פאַר מיר די טירן פון גן־עדן.
שלאָף, מײן קינד, א. אַ. װ.

דער טאַטע האָט דאָס קינד ניט געלערנט װאָס גאָט האָט געבאָטן,
װעט מען אים אויף יענער װעלט ברענען און בראָטן;
און דו, מײן ליב קינד, מיט דײן צדקות זאָלסט זיך מיען
דײן טאַטן פון גהינום אַרויסצוציען.
שלאָף, מײן קינד, א. אַ. װ.

די טירן פון גן־עדן װעלן אָפן שטײן,
אַז איך װעל אויף יענער װעלט דאַרפן גײן,
דו װעסט דאָך זײן אַ פרומער און אַ גוטער,
װעט מען זאָגן: לאָזט אַרײן דעם צדיקס מוטער!
שלאָף, מײן קינד, א. אַ. װ.

דו האָסט שוין, מיין קינד, דיינע אייגעלעך פאַרמאַכט,
ווי די שיינע זון גייט אונטער פאַרנאַכט.
זאָלסט זיי ווידער עפענען פון דיין זיסער רו
ווי די שיינע זון גייט אויף אינדערפרי.
שלאָף, מיין קינד, א. אַ. וו.

דו שלאָפסט שוין, מיין קינד, וועסט שוין רויִק ליגן,
כ׳גיי שוין אַוועק, גענוג דיך שוין וויגן,
און דער גוטער מלאַך זאָל דאָ שטיין ביי דיין וויגל,
ער זאָל דיך דאָ היטן, באַשיצן מיט זיין פליגל.
שלאָף, מיין קינד, א. אַ. וו.

פון דער זאַמלונג פון י. ל. כהן.

---

* *
*

דאָס קינד ליגט אין וויגעלע מיט אויסגעוויינטע אויגן,
די מאַמע ליגט אויף דרערד די פיס אויסגעצויגן.
ניטאָ קיין מאַמע,
ניטאָ קיין נחמה!

דאָס קינד ליגט אין וויגעלע און חלשט זויגן,
די מאַמע ליגט אין קבר מיט שאַרבנס אויף די אויגן.
ניטאָ קיין מאַמע,
ניטאָ קיין נחמה!

ווער וועט דיך, מיין קינד, קושן און גלעטן,
ווער וועט דיך, מיין קינד, דאָס וויגעלע אויסבעטן?
ניטאָ קיין מאַמע,
ניטאָ קיין נחמה!

ווער וועט דיך, מיין קינד, פוצן און צירן,
ווער וועט דיך, מיין קינד, אין חדר אַוועקפירן?
ניטאָ קיין מאַמע,
ניטאָ קיין נחמה!

ווער וועט דיך, מיין קינד, מאַכן פאַר אַ מענטשן,
ווער וועט דיך, מיין קינד, אונטער דער חופה בענטשן?
ניטאָ קיין מאַמע,
ניטאָ קיין נחמה!

אין דעם יתומס וויגעלע האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַ פייער,
ווי אויפן פרייען פעלד אין דעם שטרוי פון אַ שייער.
ניטאָ קיין מאַמע,
ניטאָ קיין נחמה!

אַז מע וועט אויספּאָרן מיט שיפן פיל ימען,
וועט מען ניט געפינען דיין איינציקע מאַמען!
ניטאָ קיין מאַמע,
ניטאָ קיין נחמה!

פון דער זאמלונג פון ש. גינזבורג און פ. מאַרעק.

---

* *
*

איז געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע
איבער אַלע ימען,
לאָזט געריסן מיין טייערן טאַטן
מיט מיין ליבע מאַמען.

איז געפלויגן דער גאָלדענער פויגל
איבער אַלע גראָבן.
לאָזט געריסן מיין טייערן זיידן
מיט מיין ליבע באָבען!

איז געפלויגן די גאָלדענע פּאַווע
איבער אַלע פעלדער,
האָט זי פאַרלוירן די גאָלדענע פעדער
אין די פרעמדע לענדער.

ניט אַזוי די גאָלדענע פעדער,
ווי די פּאַווע אַליין,
ניט אַזוי דער פרעמדער זון,
ווי די טאָכטער אַליין.

ווי עס איז ביטער, מיין ליבע מוטער,
אַ פייגעלע אָן אַ נעסט, —
אַזוי איז ביטער, מיין ליבע מוטער,
ביי שווער און שוויגער אויף קעסט!

ווי עס איז ביטער, מיין ליבע מוטער,
אַ וואַסער אָן אַ פיש, —
אַזוי איז ביטער, מיין ליבע מוטער,
אַז מ׳זיצט ביי אַ פרעמדן טיש!

ווי עס איז ביטער, מיין ליבע מוטער,
אַ פייגעלע אָן אַ זאַמד, —
אַזוי איז ביטער, מיין ליבע מוטער,
אַז מ׳ווערט פאַרוואָגלט אין אַ פרעמדן לאַנד!

פון דער זאמלונג פון ש. גינזבורג און פ. מאַרעק.

---

* *
*

— טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
ווי האָלט דיר די שוויגער?
— די שוויגער רק בייז ווי אַ טיגער,
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

— טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
ווי האָלט דיר דער שווער?
— דער שווער ברומט שטענדיק ווי אַ בער,
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

— טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
ווי האַלט דיר דער מאַן?
— ביין מאַן — דער לעבן ווי אַ שפּאַן,
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

— טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
וואָס עסטו דאָרטן?
— אַ שטיקל ברויט, ליבערסט דער טויט
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

— טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
אין וואָס גייסטו אָנגעטאָן?
— אין אַ קאַרטונענע קלייד, מיט צרות
גענייט,
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

— טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
וואָסערע שיך גייסטו?
— אַזעלכע שיך, וואָס ווערן צעריסן
אויף גיך,
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

— טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
ווי שלאָפסטו דאָרטן?
— אויף אַ קישן — נאָר לייט זאָלן וויסן,
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
אַווו ליגסטו דאָרטן?
— אויפן האַרטן באַנק, טויט-קראַנק,
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

— טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
גייט צו געוואָר ווערן דער מאַן?
—ער גייט ניט צו—ער האָט שכל ווי אַ קו.
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

— טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
ווו האָט מען דיך אַראָפּגעהויבן?
— אויף אַזעלכע ערד, וואָס קיינמאָל
ניט געקערט.
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

— טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
וואָס האָט מען דיר אונטערגעבעט?
— דריי שטרוי, ווינד און וויי,
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

— טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
אין וואָס האָט מען דיך אָנגעטאָן?
— ניט די שמשטע — צערייסן, ניט
הינט — צעבייסן,
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

— טאָכטער, דו ליבסטע, דו מיין!
ווו האָט מען דיך אַוועקגעפירט?
— אין אַ שוואַרצן וואָגן, לייט זאָלן קלאָגן,
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
וואָס'טן דיר געלייגט צוקאָפּן?
= אַ זעקעלע ערד, די קאָפּ צום פּערד,
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

— טאָכטער, דו ליבסטע דו מיין,
ווי האָט מען דיר אַוועקגעפירט?
— מיט אַ ווייסן פערד, יונגערהייט אין דרערד!
מסתּמא בין איך אַזוי ווערט,
מוטער, דו ליבסטע דו מיין!

פון דער זאַמלונג פון ש. גינזבורג און פּ. מארעק.

* * *

צו וויינען און צו קלאָגן
אויף מיין יונגער וועלט:
געבליבן בין איך עלנט,
ווי אַ שעפּעלע אין פעלד,
ווי אַ שעפּעלע אין פעלד!

הייב איך זיך אָן באַדענקען,
פאַל איך אַריין אין אַלערליי קרענקען.
אָי, אַלערליי קרענקען קאָן אַ דאָקטאָר היילן,
און די צרות פון מיין האַ־ץ
נישטאָ פאַר וועמען צו דערציילן!

צרות מיינע, מיט גרויסע וווּנדן באַדעקט,
איך זאָל זיי וועלן אויפשרייבן,
וואָלט קיין פּאַפּיר ניט געקלעקט;
פּאַפּיר וואָלט אפשר געקלעקט,
נאָר די האַנט וואָלט דאָס ניט פאַרטראָגן.

אָי, די צרות פון מיינעם האַרצן
נישטאָ פאַר וועמען צו זאָגן,
נישטאָ פאַר וועמען צו זאָגן!

אַז די בלום בליט אין גאָרטן
און דער רעגן גייט אויף איר,
און אַז דער רעגן הערט אויף צו גיין,
ווערט זי אָן דעם קאָליר.
נישט אַזוי דעם קאָליר,
ווי די שיינע פאַרבן;
איידער אַזאַ לעבן,
בעסער יונג צו שטאַרבן!
יונגערהייט צו שטאַרבן
איז דאָך ניט קיין גרויסע סכנה,
גלייכער ווי צו בלייבן אַ יונגע אַלמנה!

וועט איר מיינען, — אַן אַלמנה,
וואָס דער מאַן איז געשטאָרבן?
אָ, ניין, ניין, — אַן אַלמנה,
דער מאַן איז פאַרטריבן געוואָרן!

פון דער זאמלונג פון ש. גינזבורג און פ. מארעק.

---

* * *

פירט מען מיר אַריין
אין ערשטן חדר,
טוט מען מיר אויס
די מוטערס קליידער.
ווי גרויס איז מיין פּיין,
אַ יָון מוז איך זיין.
ווי גרויס איז מיין פּיין,
ווי קען מיר ערגער זיין!

פירט מען מיר אַריין
אין צווייטן חדר,
טוט מען מיר אויס
די בלהס זייגער.
ווי גרויס איז מיין פּיין, א. אַ. וו.

פירט מען מיר אַריין
אין דריטן חדר,
טוט מען מיר אָן
סאָלדאַטסקע קליידער,
ווי גרויס איז מיין פּיין, א. אַ. וו.

מיין מוטער האָט מיר געהאָדעוועט
אויף טייטלען און אויף פייגן,
אַז פאָניע גיט אַ פּאַטש —
מוז מען דאָך פאַרשווייגן.
ווי גרויס איז מיין פּיין,
אַ יָון מוז איך זיין,
ווי גרויס איז מיין פּיין,
ווי קען מיר ערגער זיין.

„פּנקס“.

# אינדיווידועל=קינסטלערישע לידער.

## אויפן בוידעם שלאָפט דער דאַך...

(פאָלקסטימלעך)

אויפן בוידעם שלאָפט דער דאַך,
צוגעדעקט מיט שינדעלעך,
און מיין קינד אין וויגל שלאָפט
נאַקעט גאָר אָן ווינדעלעך...
האָפּ, האָפּ, אָט אַזוי
עסט די ציג פון דאַך דעם שטרוי.

אויפן בוידעם הענגט אַ וויג,
וויגט זיך דאָרט אַ שפּין אין איר,
נעמט ער מיין חיונה צו,
און דעם דלות לאָזט ער מיר ...
האָפּ, האָפּ, אָט אַזוי,
עסט די ציג פון דאַך דעם שטרוי...

אויפן בוידעם זיצט אַ האָן,
און זיין קאַם—גאָר פייער=רויט.
ווען מיין ווייב וואָלט וועלן גיין
ערגעץ באָרגן אַ לאַבן ברויט...
האָפּ, האָפּ, אָט אַזוי
עסט די ציג פון דאַך דעם שטרוי.

ב. שאַפּיר.

---

## אַ בריוו פון אַמעריקע.

(פאָלקסטימלעך.)

טייערע מאַמע, טייערע מוטער,—
דו מיין טייער כשר האַרץ,
צי ווייסטו ווי איך וויין אַזוי ביטער
און ווי טיף איז דאָ מיין שמאַרץ?
אוי, וואָס וואָלט איך געגעבן,
איך זאָל טאָן אויף דיר אַ בליק!
איך וואָלט פאַר דיר געשטרעקט
דאָס לעבן,
איך זאָל קומען צו דיר צוריק!..

נאָר ס'איז ניט די דאָזיקע יאָרן,
וואָס מע קען טאָן אַלעסדינג:
מאַמע, כ'קען צו דיר ניט פאָרן—
שרייבן איז דאָס מיר ניט גרינג!
לאָה־יו לאָזט ניט: זי האָט מורא,
פאַר דעם „פריזיוו" ציטערט זי,
און מיין פּיצעלע קינד, מיין דבורה,
האַלט מיך מיט די הענטלעך צו.

אַז איך זע זי ווערט מיר גרינגער:
דו וואָלסט הערן ווי זי רעדט!
ווי זי ווייזט מיט דעם גרויסן פינגער
אויף דער באָבעניוס פּאָרטרעט...
און מיין שיינער יונג, מיין סאַני,
אַרבעט—גאָלדענע האָט ער הענט!
משהלע זאָגט שוין „מודה אני",
רחלען וואָלסטו ניט דערקענט!...

דו דערמאָנסט זיי מן הסתמא
און דו בענטשט זיי אַוודאי דאָרט...
זיי גריסן, קישן דיך, טייערע מאַמע,
זיי געזונט!... נאָר נאָך איין וואָרט!..
אַז דו וועסט אויף דעם בית=עולם קלאָגן—
יאָרצייט האָבן מיר ערב שבועות—
זאָלסטו דאָרט דעם טאַטן זאָגן,
אַז איך שיק אים אָפּ אַ גרוס...

טייערע מאַמע, טייערע מוטער,
דו מיין טייער כשר האַרץ,
צי ווייסטו ווי איך וויין אַזוי ביטער,
און ווי טיף איז דאָ מיין שמאַרץ?!...

מ. ווארשאַווסקי.



מאני לייב

* * *

אוי, מאַמעניו, טייערע, מאַמעניו ליוב,
דעם יונגינקן שניידערל טרייב ניט
פון שטוב.

דער יונגינקער שניידערל שיין איז
ווי גאָלד.
דעם יונגינקן שניידערל האָב איך
דאָך האָלט.

— אוי, טאָכטערל, טאָכטערל, ווייי
מיינע יאָר!
צי דען מיטן שניידערל ביסטו אַ פּאָר?

דער טאַטע וועט ברענגען פאַר דיר
פון דער וועלט
אַ טייערן חתן מיט יחוס און געלט.

— איך דאַרף ניט זיין יחוס. איך
דאַרף ניט זיין געלט.
איך וויל ניט פאַרשפּילן מיין
יונגינקע וועלט.

דער יונגינקער שניידערל שיין איז
ווי גאָלד,
דעם יונגינקן שניידערל האָב איך
גאָר האָלט.

דאָס מיידעלע עסט ניט און שלאָפט
ניט בּיינאַכט.
דער שניידערל בלאָנדזשעט ביים
פענסטער פאַרשמאַכט.

און טאַטעניו=מאַמעניו האָבן באַטראַכט
און תנאים געשריבן אַ שבת=צו=נאַכט.

און שבת נחמו איז די חופה געווען.
מע האָט אַזאַ חתונה נאָך ניט געזען —

אַזוי ווי די זון האָט דאָס פּאָרל געשיינט.
עס האָבן געטאַנצט מחותּנים און פריינד.

געגעסן, געטרונקען פון טייערסטן סאָרט,
זיי האָט אַזש גערונען אַריבּערן באָרד.

און ס'האָבּן בּיז איבער דער זיבעטער גאַס
די פידלען געוויינט און געריפּעט
דער באַס.

מאַני לייב.



מאָריס ראָזענפעלד.

# ווי איך זינג.

איר פרעגט ביי מיר ווו איך באַלאַנג,
וואָס מיך דערפרייט און מיר טוט באַנג!
אָ, הערט די נאַכטיגאַלס געזאַנג!
אָט גיסט זי אויס איר זיסן גוסט
אויף אַ געשמאַקן בלומענקוסט,
און אָט פאַרגייט זי פאַר געוויין
דאָרט ערגעץ אויף אַ הוילן שטיין...
אָט פייפט זי פריי אין גרינעם וואַלד,
און אָט הילכט פון אַ חורבה באַלד
אַרונטער איר פאַרכשופט קול,
זי זינגט דעם באַרג, זי זינגט דעם טאָל.

*

אַזוי זינג איך מיין ערלעך ליד
אַוו עס וועלקט און ווו עס בליט,
האָב קיין באַשטימטע ריכטונג ניט.
איך זינג — דאָס זינגען איז מיין ציל.
און יעדעס ליד איז אַ געפיל,
איך קלער ניט וואָס, איך קלער ניט ווען.
אָט פלוצלונג גיט אין האַרץ אַ ברען,
עס גיט אַ קלעם, עס גיט אַ שפּאַר,
אַמאָל די פרייד, אַמאָל דער צער, —
דאָס קומט פון ברוסט און ניט פון קאָפּ,
און די נשמה נאַרט ניט אָפּ.

מאָריס ראָזענפעלד.

# מייַן סוד.



יהואש

און פיל איך זאָל ניט זינגען אײַך,
איר וועט בלויז פונקען קריגן,
די פלאַם — די פלאַם זי בלייבט ביי מיר
פאַרשלאָסן און פאַרשוויגן...

און פיל איך זאָל ניט זאָגן אײַך,
איר קריגט בלויז וועלן־שפּריצן,
דעם ים — דעם ים וועל איך אַליין
פאַר זיך אַליין באַזיצן...

און פיל איך זאָל ניט דיכטן אײַך
און פון מיין וועלט דערציילן,
מיין סוד — מיין סוד וועט קיינער ניט
מיט מיר אין לעבן טיילן...

יהואש.

# דיין ליד.

עס זאָל דיין ליד פאַר דאָרשטיקע
ווי וויין באַרוישנד זיין;
ווי שטראָמען יאָגן,
ווי קוואַלן שלאָגן
און טרייבן זאָרג און פיין.

עס זאָל דיין ליד פאַר אָרעמע
מיט מוט געפליגלט זיין;
און אַלע ברידער
פון אין דער נידער
דערהויבן ביזן העכסטן שיין.

עס זאָל דיין ליד פאַר וואַנדערער
ווי טרייסט אין האַרץ אַריין;
פאַר די, וואָס פרעגן
אויף נייע וועגן, —
אַ ליכט און פאַקעל זיין!

א. רייזען.

# דער טרערן־מיליאָנער.



מאָריס ראָזענפעלד.

אָ, נישט קיין גאָלדנער קאַמערטאָן
שטימט אָן מיין קעל צום זינגען.
עס קאָן דער ווונק פון אויבנאָן
מיין שטים נישט מאַכן קלינגען!

דעם שקלאַפס אַ קרעכץ, ווען ער איז מיד,
נאָר וועקט אין מיר די לידער,
און מיט אַ פלאַם לעבט אויף מיין ליד
פאַר מיינע אָרמע ברידער.

* * *

דערפאַר פאַרגיי איך אָן אַ צייט,
דערפאַר ווערט אויס מיין לעבן:

וואָס קאָנען מיר די אָרמע לייט
פאַר אַ באַלוינונג געבן?

זיי צאָלן טרערן פאַר אַ טרער,—
דאָס אַלעס, וואָס זיי קאָנען:—
איך בין אַ טרערן־מיליאָנער
און וויין אויף די מיליאָנען.

מאָריס ראָזענפעלד.

# דער נביא.

מיך האָט געשטאַרקט אַ פעסטע האַנט,
מיך האָט געבענטשט דאָס מויל פון גאָט,
איך בין דער אַקער און די זאָט,
איך בין דער שטורעם און דער בראַנד...

איך בין אַ פלייצונג אָן אַ מאָס,
איך בין אַ מבול, וואָס פאַרוויסט,
אין בין אַ רעגן, וואָס באַגיסט
אַ מדבר זאַמד צוליב אַ גראָז...

איך בין דער נעפל אין דער וויַיט,
איך בין אַ שאָל פון הויכע בערג,
איך בין די פרייד פון גרויסע ווערק,
איך בין דער וויַיטאָק, וואָס באַנייט...

איך בין דער טויער און די טיר,
און בין דער שליסל און די שוועל,
איך בין אַן אָנזאָג און אַ טרעל
און וועלדער פויגלען הינטער מיר...

יהואש.

* * *

כ׳בין ניט אויף אַייער רוף געגאַנגען,
איך קום צו אַייך מיט זיבן וועגן;
איך פאַל אויף אַייך ווי טוי אויף זאַנגען
און ווי אויף טרוקן גראָז דער רעגן.

אומזיסט האָט איר געראָשט, געליאַרעמט
און מיך באַגעגנט מיט געזאַנג:
איך האָב פאַר אַייך אַ טויב געוואַרעמט,
און אויסגעפּיקט האָט זיך— אַ שלאַנג.

און זעט: מיך רירט ניט אַייער שאַלן.
און אַייער הילכיקער געדרוס
ליגט טויט צו מיינע פיס געפאַלן
און איך צעטרעט אים מיט דעם פוס.

פון אַייער אויסגעלאָשן אויג
בין איך דער לעצטער שוואַרצער בליץ,
פון אַייערע פאַרקלעמטע ציין—
דער לעצטער צאָרנדיקסטער קריץ.

און רייד איך— מוזן הימלען שטומען,
די ערד באַוועגט זיך ניט פון אָרט;
די שטיינער קויקלען זיך און קומען
און שלינגען דאָרשטיק גאָטס אַ וואָרט.

ח. נ. ביאַליק.

# עס גיבן נשמות...

עס גיבן נשמות מיט שיינע באַגערן,
באַקרוינטע מיט שניר פון פאַרצויבערטע שטערן,
באַוויַיטע מיט דופט פון גן־עדנשע בלומען,
זיי בלאָנדזשען און קאָנען קיין רו נישט באַקומען...

זיי זיינען געשטראָפט מיט אַן אייביקער בענקשאַפט,
זיי גייען אַדורך אין דער שטאָטישער ענגשאַפט,
ווי ליכטיקע שאָטנס פון וויַיטע לעגענדן,
וואָס זוכן אין טומל, וווהין זיך צו ווענדן...

זיי טרוימען פון שטאָלצע רובּיניקע טראָנען,
פון שיפן מיט וויַיסע צעפלאַטערטע פאָנען,
וואָס שווימען דורך וויַיטע געפערלעכע וועגן
אין לענדער געהיימע, צו זוניקע ברעגן...

זיי טרוימען און ס׳ווערן צעבּרעקלט די טרוימען

אָן ווערטער געמיינע, אָן אַייזערנע צוימען;
זיי זינגען, און ס׳פּאַלט מיט אַ ווייטאָק
אַנידער
אויף טרוקענע שטיינער דער קלאַנג פון
די לידער...

עס איז זיי באַשערט אין די ענגע געביידן
אַזוי ווי מַלְאָכים געפּאַלענע ליידן;
מַלְאָכים, וואָס האָבן די היימאַט פאַרלאָרן,
און זוכן און זוכן די אייביקע יאָרן...

לייב ניידוס.

---

# מיין איינציקער פאַרלאַנג.

מיין טאָג שטאַרבט אָפּ, מיין זון גייט אונטער,
דער אָוונט קומט און האַלט זיך אויף ניט לאַנג:
די נאַכט — זי וואָלט איך טרעפן מונטער,
זי טרעפן גייסטיק אַ געזונטער,
לאָז מיר דער טאָג נאָר געבן איין פאַרלאַנג:
אַ שיינעם, קלאָרן זונענאונטערגאַנג:
אַ זונענאונטערגאַנג מיט פאַרבן
אי העל אי רויט: פון פלאַמען און פון בלוט;
אַן אונטערגאַנג, וואָס לעבט אין שטאַרבן,
קען טויטן אָבער נישט פאַרדאַרבן.

מאָריס ווינטשעווסקי.

---

* *
*

איך האָב אַ קיניגרייך,
און וואָס איז דיין באַגער? ,
צו זיין אַ וואַסער־בלום אין טייך,
אין מיטן טייך זיך וויגן הין און הער...

איך האָב אַ צויבערשטאָק,
און וואָס איז דיין פאַרלאַנג? —
צו זיין אַ זום־זום דורכן טאָג,
און שלומערן אין אָוונט אויף אַ זאַנג...

איך קום מיט אַלצדינג אָן,
וואָס קלייבסטו אויס דערפון?
צו זיין אַ טוי אויף רויטע מאָן,
און שימערן און אויסגיין אין דער זון...

יהואש.

# ערב פרילינג.

כ'האָב ליב צו וואַנדערן אין פעלד,
ווען פון דעם פרילינג ווייזט זיך קוים אַ סימן,
ווען אויף די בייטן ליגט נאָך ווייסער פראָסט,
און אויפן הימל ווינטער־כמאַרעס שווימען...

ווען שטום נאָך איז דער ערשטער פויגל־כאָר,
נאָך ניט ערוואַכט דער זיסער פרילינג־טומל,
ווען טיף אין דר'ערד נאָך טוליען זיך פון קעלט
די וואָרצלען פון דעם ערשטן ניסן־בלומל.

דאַן האָב איך ליב אַרויסגיין אויפן שניי
און דאָ און דאָרט דערזען אַ פלעק אַ גרינעם,
און ליב צו הערן אונטער מיינע טריט,
ווי עס קנאַקט די שאָלעכץ פון דעם אייז דעם דינעם...

און ליב צו אָטעמען דעם ערד־גערוך,
די וואַרעמקייט און פייכטקייט פון געבערן,
דען זיסער ווי אין פולער בלומען־פראַכט
מיר איז דער פרילינג אין זיין אָנהייב ווערן...

יהואש.

---

# פרילינג־ווינטן.

צוויי שטורם־פליגלען:
רע׳טס—אַ ווינט, און לינקס—אַ ווינט,
פון הוילן ליכט געשפינט!
איך טו די ווינטן אָן אויף זיך,
און גיך
דערהויב איך זיך—אַ פרילינגס־גבור
אַריבער טאָל און באַרג אַריבער,
אַריבער אָפּגרונטן און גריבער—
איך פלי אַריין אין אַלע שטיבער!...
און—כ'נעם זיך איבער,
ווען איך הער
אַ פליסטערן: „ווער קלאַפּט עס,ווער?"
און איך דערקלער:
— דער ליבסטער פליט, דער ליבער!
און בגילופן

פון פליגלען־פרייד,
פון ווינטן־רייד,
פון פרילינגס־רופן —
איך פלי מיין וועג דעם גלייכן
און כ'רייס אַראָפּ פון טייכן
פון אייז די האַרטע הויטן,
דעם שניי דעם טויטן,
איך פליק אַראָפּ פון דר'ערד
דעם מרה־שחורה־טרויער:
אַוועק, דו וואָלקן גרויער!
מיין יוגנט איז— מיין חלף און מיין שווערד
איר הערט, צי ניט,
ווי ס'גליט און בליט
אין מיר די פרייד,
ווי ס'גייט דער אייז,

דער ווינטער חיי'ס
פאַרקלעמט,
פאַרשעמט
אַוועק
אין עבר=וועג.

פאַרגאַנגענהייט!
—וואָס איז פאַרגאַנגענהייט?
איך בין באַנייט!
איך קום פון ווייט און נאָנט!
מיט הימלען בלויע,
מיט אויגן—בלויער,
אָן טראָפּן טרויער!
צו האָט איר מיך דערקאָנט—
דאָס בין איך דאָך,
באַפליגלט פון די ווינטן
מיט אַ כנופיא ווינטן הינטן—
דער יונגער פרילינגס=גבור...
האָ! האָ! מיין קול איז שטאַרק!
אַריבער איין,
אריבער ים און טייך,
אַריבער טאָל און באַרג,
אַריבער אַלץ—מיט אַ געזאַנג אַריבער!

מ. בראָדערזאָן.

---

## פרילינג=טרוים.

אַ טרעל אין דער לופטן, אַ קנאָספּ
אויף אַ צווייג,
אַ וואַרעמער הויך אויפן שטערן—
און ס'האָט זיך אין האַרצן געעפנט
אַ נעסט,
און לויז געלאָזט אַלע באַגערן...

דערזע איך, עס שווימט אויפן הימל אַרום
אַ ווייסינקער וואָלקן פון ווייטן—
אַ הייב און אַ שפּרונג, און שוין זיץ
איך אויף אים.
און לאָז זיך אַוועק אויף אים רייטן...

איך פלי איבער טאָלן און שוועב
איבער בערג,
און שטיפנדיק יאָגט מיך אַ ווינטל...
שוין גרייך איך אַרויף צו דער
ליכטיקער זון,
און פליק מיר פון שטראַלן אַ בינטל...
דאַן פלעכט איך פון זיי אויפן קאָפּ
זיך אַ קראַנץ,
און בלייבן מיר איבעריק שטראַלן—
צעוואַרף איך זיי רעכטס און
צעוואַרף איך זיי לינקס,
אויף לאָנקעס און וועלדער און קוואַלן.
און דאַכט זיך, דער פרילינג בין איך
גאָר אַליין;
און איך בין דער קיניג פון לעבן,
און ווו נאָר אַ שימער, און ווו
נאָר אַ קווייט...
האָב איך פון מיין אוצר געגעבן...

יהואש.

---

# די ערד ערוואַכט.



לייב ניידוס.

ס׳ווערט דער הימל בלויער, העכער,
בושלעס שטייען שוין אויף דעכער,
שוואַלבן רוישן שוין אין לופט;
ס׳ווילט זיך שרייען, ווען רופן,
און דאָס האַרץ איז בגילופין
פון דעם שפּורד׳קן דופט...

נעכטן—שניי, און איצטער—ווו=זשע?...
ס׳בליצט אין זון אַ ברייטע לוזשע,
שטראַלן בּרעקלען זיך אין איר;
שקצים פליושקען זיך און שפּרינגען,
שפּריצן וואַסער, לאַכן, זינגען,
לאָזן שלאַנגען פון פּאַפּיר...

אַלע טאָלן—גרין פאַרוואָקסן;
דאָרטן אַקערן צוויי אָקסן,
דאָ—אַ דאַרער ברוינער פערד.
ס׳האַלט דאָס פּויערל אין שמייסן,
און די אַקעראייזנס רייסן,
פליקן שאַרף די שוואַרצע ערד.

ביז ס׳פאַלט צו דעם אָוונטס שלייער,
גייט אין פעלד אַרום דער זייער,
וואַרפט די הויפנס זאָמען שנעל;
ליגן שטיל אין דר׳ערד די זאָמען,
ווי אַ ליד, נאָך אָן אַ נאָמען,
וואָס עס רייפט אין דיכטערס זעל...

דאָרשטיק גיך, ווי בחפזון,
שפּראָצן בלימלעך אויף און גראָזן
אומעטום, אין סאָד און פעלד;
אָט=אָ—צען, און אָט—שוין הונדערט.
און זיי גלאָצן=אָן פאַרוווּנדערט
גאָטס צעשפּרייטע ווייסע וועלט.

ערשט—נאָך נאַקעטע געשטאַנען,
שוין באַבלעטערט די קאַשטאַנען,
און די אָלכע, און דער גראַב;
נעם אין האַנט אַ בלאַנקן מעסער,

לאָז די צירקן, וואַרף די קראָמען—
ס׳יאָגט דער שניי אין מוטנע שטראָמען,
ס׳שמעקט מיט פייכטער, פרישער ערד;
ביסטו נאָר ניט עובר בטל,—
טו אַ זעץ זיך אויפן זאָטל
און — אַ שמיץ דעם פלינקן פערד!

פרעג קיין קשיות, זוך קיין עצות—
שטייפער, שטייפער צי די לייצעס,
טרינק אין לופט דאָס וואַרמע גאָלד!
שריי: „דער פרילינג איז געבאָרן!״
און צעבלאָז עס אין דיין האָרן
ווי אַ קיניגס אַ העראָלד!

ס׳טוען תפילה דעמבעס הויכע,
וואָס זיי זיינען אַלע זוכה
ווידער פילן גרינס און שטראַל.
און די שטיקער אייז צו=להכעיס
מורמלען טייכלעך שטילע ברכות,
און בעריאָזקעס זאָגן טל...

קלייב דיר אויס אַ צווייג, וואָס בעסער,
און שנייד אויס אַ וואַנדער=שטאַב...

גוט צו זיין איז אונטערוועגנס
אין די ערשטע וואַר׳מע רעגנס,
און זיך צוהאָרכן פאַרקלערט,
ווי די טראָפּנדלעך די לויע,
פול מיט דאָרשטיקער הנאה
טרינקט די אויפגעוואַכטע ערד...

שענער, רייפער ווערט אַלץ ניסן,—
אייל=זשע, וועלט, פון פרייד געניסן,
צוויטשערט, שוואַלבן! גרעזל, שפּראָץ!
איטלעכס ווערעמל און שטיינדל
לעכצט צו זען דער זונס אַ חנדל,
זען דעם גרויסן חסד גאָטס...

לינד און ליכטיק! פרשה שמיני!
ס׳קלינגען טרעלן דראָבנע, דינע:
פייגל פליען נאָענט און ווייט;
יענע—שיסן זילבער=ריימען,
די—פאַרריכטן אַלטע היימען.
ליד און לעבן ווערט באַנייט...

ס׳ווערט די וועלט פון פרייד משוגע,
נאַריש ווערן אַלע קלוגע,
ס׳פיבערט וואַנזיניק דאָס בלוט;
ס׳הירזשען פערדלעך, ס׳מעקען ציגן,
ס׳לאַכן שטראַלן, ס׳זשומען פליגן,—
אַלע צאַפּלען אומבאַרוט...

פאַר דער יונגער פּראַכט פון שטראַלן
מאַכן אויף זיך שוין די שטאַלן:
רויִק שלעפּט זיך קו נאָך קו,
זאָרגלאָז לויפן שוין די לעמער,
און דער פאַסטוך שפּילט זיין זמר
אויף זיין פייפל: „דו=דו=דו“...

קאַטשקעס שווימען שוין אין וואַסער;
ווי אַ העלער קול מבשר
הילכט ביים פלויט דער קריי פון האָן;
לעבן גאַניק אויפן קלעצל
צערטלעך וואַרעמט זיך אַ קעצל,
אין זיין פרילינגס=טרוים פאַרטאָן...

טוט אָקאָרשט אַ קוק אויף זשוקן;
אָט=אָ ליגט ער אויפן רוקן,
און אָט פאַלט אין קאָפּ אים איין
כאַפּן גאָר זיין אייגן ווידל,
און ער דרייט זיך ווי אַ דריידל,
אויס און איין, אַלץ אויס און איין...

ביי די סאַזשלקעס די בלויע
הילכן קלעפּ: דאָס פּאַטשט אַ גויע
לעבן וואַסער אויס די וועש...
שאַ, וואָס איז פאַר אַ מוזיק עס?...
מיט אַ זעלטענער מתיקות
הערט מען קוואַקען שוין די פרעש...

סלויפט דער טייך אין גרינעם עיגול
מיט זיין דורכזיכטיקן שפּיגל,
ווי אַ בלוילעכער קריסטאַל;
דראָבנע פלאָטקעס זעט מען שמייען,
ס׳טוט אַ בליץ אַ גאָלדנער שלייען
אויף דער אויבערפלאַך צומאָל...

ס׳שלעפּט זיין נעץ דער אָרמער פישער
און אַ פייכטער דופט אַ פרישער,
קילער טייך=דופט טוט אַ זעץ;
דורך צעפוילטע וואַסער=פלאַנצן
שופן זילבערנע זיך גלאַנצן
אין דעם נאַס=אַזשורנעם נעץ...

טרייער שמייכלט אַלץ אַווראָרע,
קושט די גרינע זייד=עטרה
אויף דעם וואַלדס געלאָקטן קאָפּ;
ס׳שמעקט מיט קילקייט און מיט סמאָלע
און אין מאָך איז אַ בהלה
פון מוראַשקעס אויף=און=אָפּ...

ס׳שטייט דער גאָרטן שלאַנק, גרין=קעפּיק,
ס׳לויכטן קנאָספּן פריש און קלעפּיק,

יעדער בוים — אַ יונגער העלד;
ווידער בלימלען זיך די קלומבעס,—
ווי אַ סודיקער קאָלומבוס
וואָלט אַנטדעקט אַ נייע וועלט!

אין דער גרינער נאַכט פון גראָזן
שפּילן גרילן־ווירטואָזן
אַזוי האַפּערדיק און בראַוו;
מוקן קאָן מען שוין געפינען,
און פון זשומענדיקע בינען
פליט אַ גאַנצער ערב־רב...

ווי אַ יחסן אַ באַוווסטער,
אַ געזעצטער און אַ יוסטער,
גייט דער שטאָרך פעלד־אויס,
פעלד־איין;
שפּרייזט זיך שטאָלץ, רויט־אָפּ צו ביסלעך
און די יחוסדיקע פיסלעך
שטעלט מיושבדיק און פיין...

מיט זיין כלומרשטדיק נאַיִוון
ליבן שמייכל קומט דער סיוון,—
שאַרפער, רייכער ווערט דער דופט;
ווו—דער ערנסט, ווו—דער שפּיל איז!
ווי אַ וואַנזיניקע לילית
וואָלט פאַרפירן אונדז געפּרוווט...

ס׳ציט און ס׳רייצט דער דופט פון בעזן,
ס׳ווילט זיך איינטונקען דאָס וועזן
אין די בליטן בלוי און ווייס;
און די רירנדע נאַרציסן
וועקן אויף אַ ווײַ אַ זיסן,
און עס וואַרט דאָס בלוט אויף נייס...

בונטער ווערן די לאַנדשאַפטן
און עס ווערן רייף די זאַפטן
אין די אָדערן פון ערד;
און די שמעטערלינגען פאַלן
ווי באַרוישט פון דופט און שטראַלן,
חי פון יונגן גליק פאַרצערט...

ליבער היימלעכער שבועות!
ווען אַ יום־טובדיקן שמועס
פירן גרעזעלעך אין פעלד;
ווען עס ווערט די ערד נתעלה,
און עס דוכט, עס ווערט גאָטס כלה
די געבענטשטע פרילינגס־וועלט...

כ׳שפּרייז און כ׳טרינק די לופט די בלויע
מיט אַ סודיקער הנאה,
לאַנגזאַם שטעלנדיק די פיס...
אויף דער גרינער פעלדער־שיינקייט
ליגט אַ מאָדנע רייפע ריינקייט,
רויט די האַרציקייט פון רות...

גאָט, ווי פּרעכטיק איז די שקיעה!
ווי אַ גאָלדענע יריעה
וואָלט דעם מערב־ברעג פאַרהילט...
און עס דוכט, ווי אין גן־עדן
אַ מיסטעריע פון פריידן
וואָלטן כרובים עס געשפּילט...

שאַ, ס׳לעשט אויס דער לעצטער זכר...
ס׳פאַלט אַ טונקל צו אַ ווייכער...
האָרך די נאַכטיגאַל און שווייג.
ווי אַ רואָה ואינו נראָה
שיט זי שטיל די טרעלן אירע
פון דעם טונקעלן געצווייג...

אַך, ווי באַנג און היימלעך איז מיר
פון איר אויסטערלישן מזמור,
פון איר זעלבסט־פאַרליבטן קלאַנג;
האָרך נאָר, האָרך נאָר: עס איז ניכּר,
ווי זי ווערט אַליין שוין שיכּור
פון איר אייגענעם געזאַנג...

ס׳הענגט אַריבער דער אַלעע,
ווי אַ זילבערנע קמיע,
די לבנה, שטראַלן טיילט...

ס'בלייכן עפל=ביימער ווייסע,
ווי בת=מלכּות פון אַ מעשה,
וואָס די מאַמע האָט פאַרציילט...

און אַ פּלוצלונג אַ באַגליקטער,
שריי איך אויסעט, אַן אַנטציקטער

צו דער אויפגעבליטער וועלט:
— אָ, מה טובו אוהליך!
שטיל אַרום... און נאָר דאָס עכאָ
חזרט=איבער עס אין פעלד...

לייב ניידוס

* * *

עס זיינען פאַרפּולט שוין די פעלדער
מיט שיין
און גייען שוין איבער.
און וואַלדישע ברעגן ניט האַלטן שוין
איין —
און זון גייט אַריבער.
און ס'העלן זיך וועלדער פון בערגל
ביז טאָל,
און ס'בלייכן זיך מאַכן.
און ס'זיינען שוין זוניקע פלעקן אָן צאָל
אַהין אויף פאַרקראָכן...

ד. האפשטיין.

---

## זעיר=אַנפּין*).

הענגט אויף אַ צוויג
אַ גילדערנע זון אין אַ טראָפּן געפאַנגען—
ציטערט און פליטערט אַ וואַלד מיט
געזאַנגען
אין אַ קליינינקן שטייג...

יהואש.

---

* * *

כ'האָב צום גראָז זיך איינגעבויגן,
צו דעם גראָז מיט טוי באַצויגן,
כ'האָב פון האַנט דעם טוי געטרונקען,
און געוואַשן מיינע אויגן.

פון די אויגן גלייך אין מוח,
קענטיק, איז דער טוי גערונען
און די וועלט געוואָרן העל איז,
ווי באַשטראַלט פון הונדערט זונען...

און די בערג און רוימען שמייכלען,
און זיי ווינטשן מיר און גריסן: —
„צו געזונט דיר זאָל דער טראַנק זיין,
פון דעם מאָרגן=טוי דעם זיסן"...

יהואש.

*) מיניאַטיור

---

## דאָס טייכל.

זיס און היימיש רוישט דאָס טייכל
גלאַנצנדיק אין זונענשיין,
פלוידערט קינדעריש דורך אַ וואַלד=באַרג,
און די ביימער שלאָפן איין...

איינגעליוליעט מיט זיין מורמל
האָט ער אויך די בערג אַרום,
ער אַליין נאָר רעדט און פּלאַפּערט,
ערד און הימל האָרכן שטום...

כ'ליג האַלב וואַך און האַלב פאַרדרעמלט,
ווי פאַרנעפּלט איז דער זין,
דורכן שלעפערדיקן מוח,
פלאָנטערט זיך דאָס וועלדל גרין...

לאַנגזאַם מישן זיך צוזאַמען
באַרג און הימל, גראָז און קוואַל,
און דער חלומדיקער טומל
פון אַ ווייטן וואַסערפאַל...

יהואש.

# עס האָט מיך פאַרפּלאָנטעט...

עס האָט מיך פאַרפּלאָנטעט מיט גרינס און מיט בלומען,
ווו פלאַטערלעך צאַפּלען אין נעצן פון שטראַלן,
ווו ס׳ציטערט די לופט פון דעם גרילצן און זשומען—
און איך בין פאַרכשופט צו דרערד צוגעפאַלן.

ס׳איז הייס, ס׳איז שיין, ס׳איז גוט! — אפילו
די האַלב דערוואָרגענע געפילן —
זיי ווילן אויך די זון דערלאַנגען,
און צאַפּ׳ען ווייכע, גרינגע, שטילע,
און שטעקן קעפּלעך ווי די שלאַנגען,
זיך ציענדיק אַלץ העכער, העכער
מיט האַלבן גוף פון שוואַרצע לעכער.
דאָס האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן
גאָטס מילדע זון.

ס׳איז הייס, ס׳איז גוט! גאָטס וועלטל גלאַנצט
אין טיפן גראָז — דאָרט שמיצערט, טאַנצט,
דער סטעפּ — מיט בלומעלעך געצירט,
וואָס גאָט אַליין האָט זיי געפלאַנצט,
פאַרשפּרייט זיך ווייט און גייט אַוועק
גאָר אָן אַן אָנהייב, אָן אַן עק.
און איינזאַם דאָ צווישן גראָז
שפּיר איך אין מיר אַ גאַנצע וועלט —
דאָס האָט געטאָן אויף מיר אַ בלאָז
מיט פרייען פעלד.

ס׳איז שאַ, ס׳איז שטיל... אָט דאָ געשווינד
איז דורכגעפלויגן ווי אַ פייל
אַזוינס, וואָס האָט געשמעקט מיט קינד
און ליגט שוין ווייט פאַר טויזנט מייל.
דאָס האָט געטאָן אַ גלאַנץ, אַ בליץ,
און גלייך אין אויג דערלאַנגט אַ שפּריץ
מיט טראָפּנס טוי פון זיסן גליק,
פון יונגן גליק, וואָס ווערט נישט אַלט —
דאָס האָט אויף מיר געטאָן אַ בליק
דער גרינער וואַלד.

ח. נ. ביאליק.

## ים-לידער.

זון און ים, זון און ים,
קאַלטער, בליצעדיקער פלאַם.
יעדער פאַליע, יעדער שטראַל
צינדט פון זיך אַ נייעם שטראַל.
ווי אַ גרויסע שלייפמאַשין
וואַרפט עס פונקען הער און הין,
שלייפט און בליצט, בליצט און פיילט,
לאַנגזאַם, לאַנגזאַם — נישט געאיילט.
בלעכן טאַנצן,
טאַנצן גלאַנצן...
טויזנט זונען
און צערונען.
אויפגעשטאַנען
פיל פאַנטאַנען —
אויגנבליק
און פלאַך צוריק.

יעדער ווינטל, יעדער בלאָז
שאַפט און מייסטערט פאָרמענלאָז.
יעדער קליינער ווינטל-גלעט
קנעט און וועלגערט, קנעט און קנעט
פלאַם מיט וואַסער, פלאַם מיט וואַסער,
פלאַם מיט וואַסער אָן אַ סוף...

ז. סענאַלאָוויטש.

---

*
* *

אַ שטראַל פון דער זון
האָט אַ כוואַליע געקושט
מיט ליפן פון ריינעם גינגאָלד;
אַ שפרונג האָט די כוואַליע געטאָן ווי
צעמישט
און ל'עבן שוין מער נישט געוואָלט...

אשר שוואַרצמאַן.

---

## ביים זונענפאַרגאַנג.

ווען נאָר קומען דער אָוונט, וועל איך גיין צו די שטאַמען,
וועל איך גיין צו די שטאַמען פון די איינזאַמע פיכטן;
כ'וועל מיך לייגן אַ שטילער מיט די שאָטנס צוזאַמען,
מיט די שאָטנס צוזאַמען אויף דעם מאָך דעם געדיכטן...

און אויף לופטיקע פליגל וועט דאָס ווינטעלע קומען,
וועט דאָס ווינטעלע קומען פון דער ווייטן צושוועבן
און וועט שטיל מיר דערציילן, וויפיל גראָזן און בלומען
וויפיל גראָזן ז.ון בלומען האָט ער קושן געגעבן...

און אַן אָפשיין אַ ראָזע, מיט דעם ווינטל געאַרעמט,
מיט דעם ווינטל געאַרעמט וועט אויף ברעמען מיר פאַלן
און וועט שטיל מיר פאַרטרויען, ווי געגלעט און געוואַרעמט
ווי געגלעט און געוואַרעמט האָט ער לאָנקעס און קוואַלן...

איבער מיר וועלן צאַנקען ווי פאַרכשופטע מנורות,
ווי פאַרכשופטע מנורות דינע שפיצן פון פיכטן,
און פאַרשלעפערן ליבלעך וועט אַ דופטיקער קטרת,
וועט אַ דופטיקער קטרת פון דעם טוי דעם געדיכטן...

לייב ניידוס.

# אין הימל־רוים.

אין הימל רוים
צעגייט און ווערט שוין בלאַס
דער לעצטער זוים,
דער גליענדיקער פּאַס...
אַ בינטל ווינטעלעך
פון איבער באַרג
זיך גנבעט שטיל
אין ברייטן טאָל...
נאָר ביימער איז דאָ קאַרג

פאַר אַלע מיטאַמאָל —
און ס'ווערט אַ לאָדעניש
און ס'ווערט אַ שפּיל
פאַר יעדער צווייג,
פאַר יעדער בלאַט, —
און איך, איך מיש זיך ניט — און שווייג
אין טומלדיקער רו...
איך הער זיך צו...

ד. האָפּשטיין

# זון־פאַרגאַנג.

דאָ, און אום, און אויס, און איין,
ראָזער, רויטער, ריינער ווין,
שיין, שיין, שיין,
איך בין אין שיין אַריין.

פון דער שטילער מערב־וועלט
האָט דאָס רויטנס אויסגעקוועלט,
ווייך און ציטערדיק אַזוי,
און נשמות אָפּגעשיינט
און אַ הייב געגעבן זיי
מיט דער גאַנצער גרינגער וועלט
און געלאָזן זיך אַווע — — —
שווימט דאָס לעבן אויסגעהעלט.

רויִק, רויִקער פון רו,
שווים איך; שווים איך, שווים איך מיט
מיט מיין ריין און ראָז געמיט
און איך מורמל עפּעס שטיל,
כ'זאָג אַ לידעלע אַזאַ:
טאַ־טאַ־טאַ, טאַ־טאַ־טאַ,
ציל, ציל, ציל — — — —

דאָ, און אום, און אויס, און איין,
ראָזער רויטער, ריינער ווין,
שיין, שיין, שיין,
איך בין אין שיין אַריין.

ב. קולבאַק.

# בין השמשות.

פאַרבאָרגענע פינגער באַדופטן דעם רוים,
אַ קוויקנדער באַלזאַם פון ערגעץ נעמט רינען;
געהיימע חלומות אין מערבס גאַרדין
פון זאַפראַן און פורפור זיך שפינען...

עס הויכט פון אונענדלעכע וועלטן אַ ליד,
און אייביקע שטילקייטן הייבן אָן ריידן;
די ערד קושט דעם הימל און נאַכט קושט דעם טאָג,
און גאָט פון זיין טראָן קושט זיי ביידן...

אַ נעפּל־טול וועבט זיך אַרויס פונם טייך
און קרייזלט זיך איבער פאַרשלאָפענע וועלן;
דער וואַסערפּאַל פונקלט מיט בלוטיקן גלאַנץ,
און שפּרינקלט מיט רויטע קאָרעלן...

אויף זיידענע זאַנגען פאַלט זאַפטיק דער טוי,
אין בלאָלעכע שאָטנס זיך הילן די טאָלן,
און קעגן דעם פּערל־קאָלירטן געוואַנט
די בוים־שפּיצן שאַרפער זיך מאָלן...

די ווערבע הענגט מיד אירע צווייגן אַראָפּ
און שלאָגט אין גערויטלטן וואַסער זיך אָפּ...
אַ קראָליק לויפט האַסטיק אַריבער דעם שטעג,
און שפּרינגט דורך די פעלדער אַוועק,
ביז עס שימערט פון ווייט זיך אַ פלעק,
און דאַן ווערט פאַרשוואונדן
אַהין, ווו אַ בראַנד
האָט דעם ראַנד
פון דעם הימל געצונדן...

פון איר פלייסיקער יאַגד,
פול מיט נעקטאַר געפּאַקט
אַ פאַרשפּעטיקטע בין קערט זיך אום,
מיט אַ שוואַכן געזום,
און כאַפּט אויף איר גאַנג
ווו־ניט־ווו
נאָך אַ לעצטן געטראַנק...
אַ פּיפּס און אַ פלאַטער—
און דאַן ווערט אַלץ שטום..
אַן אָטעם אַ מאַטער
פּרעסט אויס פון די פלאַנצן
דעם גאַנצן
געבליבענעם רעשט פון פאַרפום...

---

אָ, זאָג,
יענע פּראַכט—
איז עס טאָג,
איז עס נאַכט?...

ס'איז דער חן פון פאַרגיין,
ס'איז דער טויט, וואָס איז שיין...
ס'איז דער גייסט,
וואָס זיך ווייזט,
ווען דער קערפּער צעפאַלט...
ס'איז אַ טאָן, וועלכער שאַלט,
ווען יעדע מוזיק איז פאַרקלונגען...
ס'איז דאָס האַרץ פון דער וועלט,
וואָס זיין תהום איבערקוועלט,
און איז ביז אַרויף צו די שטערן געדרונגען.

ס'איז ניט טאָג,
ס'איז ניט נאַכט—
עס איז עפּעס וואָס שמאַכט...
ס'איז אַ קלאָג
און אַ שלוכצן פאַרשטיקט...
ס'איז אַ גאָט ביז צו ווייטאָק אַנטציקט..

ס'איז אַ פרייד,
וועלכע וויינט
שטילערהייט,
ס'איז די לוסט און די פּיין,
ס'איז די נאַכט און דער שיין,
וועלכע זיינען פאַראייניט,
און געוואָרן

פון פאָרן
איז יעדע באַשיינס...

ס׳איז אַ שלאָף און אַ וואַך־זיין צוזאַמען,
ס׳איז אַ סוף
און אַן אָנהייב פון ווערן—
אַ לעשן פון פלאַמען
און אַ צינדן פון שטערן...

ס׳איז אַ לויב און אַ דאַנק,
און עס איז אַ באַגערן...

עס איז אַ געזאַנג,
און אַ האָרכן און הערן...

ס׳איז אַ וועל,
וועלכע האָט זיך צעגאָסן
און שימערט און שווימט...
ס׳איז אַ זעל,
וועלכע האָט זיך פאַרשלאָסן
און טרויערט און טרוימט.

יהואש.

---

* * *

ס׳דרימלען אַרום אונדז פאַרחלומט די ביימער,
זיידענע שאָטנס דעם וואַלד דעקן איין;
איבער דעם וואַסער אין גלאַנציקע פאַסן
וואַרפט די לבנה איר צערטלעכן שיין.

שפילנדיק קרייזלט דער נאַכט־ווינט די גראָזן,
ס׳וויגן די ווערבן פאַרשלאָפן דעם קאָפ;
טויזנטער גאָלדענע אויגן פון הימל
פינקלען און שפיגלען אין וואַסער זיך אָפ.

יהואש.

---

# אַ גאָרטן ביי מיין הויז.

ווי אַ ליבלעכע אידיליע
בליט אַ גאָרטן ביי מיין הויז!
ווי מיין חלום בליט די ליליע,
ווי מיין ליבע בליט די רויז...

אין אַ ווינקל פון מיין גאָרטן
אָטמען ביימער אַזוי קיל,
דורך די זאַנפט־געהאַלדזטע צווייגן
רוישט אַ טייכל פריש און שטיל...

גרין פאַרטרונקען אין די גראָזן
ליגט ביים טייך אַ שמאָלע שטעג,

וויל איך שיינע טרוימען וועבן,
לאָקט אין אָוונט מיך דער וועג...

צינדן זיך די זילבער־שטערן,
ווער איך אַזוי שטיל און מילד,
ווערט די גאַנצע, גאַנצע לאַנדשאַפט
אין אַ צויבער־טרוים געהילט...

זע איך פון די בערג, פון ווייטן,
ווי עס ציען זיך צו מיר
עפעס גייסטער צי מלאָכים,
און זיי נויגן זיך צו מיר...

ווען פון מיר זיך אויס א לייטער,
ווי פון שטראַלן אַזוי דין,
און איך קלעטער צו די שטערן,
און איך שוועב אַהין, אַהין!..

יואל סלאָנים.

---

# אין אַ לבנה־נאַכט.

עמיץ האָט זיך פאַרבענקט...
צו דעם בלוי־ווייסן רוים,
צו דעם נעץ פון די צערטלעכע ליכטיקע שטראַלן
האָט פלוצלינג אַ שטילע מעלאָדיע דערגרייכט —,
ווי אַ טרוים..
און דערנאָך אין דער ווייטקייט פאַרפאַלן...
עמיץ האָט זיך פאַרבענקט...
דאָרטן ווייט, דאָרטן ווייט, וווּ עס דרעמלט דער וואַלד
אין אַ נעפל פון מאַטאָווען זילבער, —
שטיל, אין אַ שאָטן פאַרהילט
פון אַן אוראַלטן בוים,
אויפן פייכט־ווייכן גראָז מיט אַ האַרפע אין האַנט
מוז זיצן אַן עלנטער זינגער:
און אַ ניגון פאַרטראַכט וועבן שטיל, וועבן שטיל,
אויף די סטרונעס מיט צערטלעכע פינגער.
עמיץ האָט זיך פאַרבענקט...

דוד איינהאָרן.

---

# האַרבסט.

ווי ליב האָב איך די קלאָרע טעג פון האַרבסט,
ווען שפינוועבס־פעדעם שווימען אין דער לופטן,
און אין די שטעטלדיקע גערטנדלעך
די כריזאַנטעמען וועלקנדיק נאָך דופטן;

ווען פון די ביימער פאַלט און פלאַטערט גאָלד,
עס שמעקט אין סאָד מיט באַרן און מיט עפל
און פרי פאַרטאָג אין מזרח פלאַקערט אויף
דאָס מאָרגנרויט אין גרויען קאַלטן נעפל.

ווען אויף די לאָנקעס שרייען ווילדע גענדז;
ווען אין דעם בינשטאָק דרעמלען איין די בינען;

און דורך די שייבלעך בליען אויף ביינאַכט
אין שטומען דאָרף די רויכערדיקע קינען;

ווען אויף דעם גרונט פין שטומער, קאַלטער נאַכט
איז בולט יעדער בוים מיט אַשווארצע קאַרבן,
און דורך די צווייגן גלאָצט אַרויס אַ שרעק,
ווי פון די אויגנלעכער פון אַ שאַרבן.

ל. יפה.

## האַרבסט-מאָטיוו.

פעלדער אָן זאַנגען, אָן גראָזן...
ביימער מיט נאַקעטע צווייגן...
נעסטער פאַרוויסט און פאַרלאָזן...
וועלדער פאַרזונקען אין שווייגן...

אָבלדיק טריב איז דער עטער,
כמאַרעס ווי קרעפּ הויך צעהאַנגען..
הפקרדיק קייקלען זיך בלעטער...
איינזאַמע שטאַרבן פאַרלאַנגען...

ס'דוכט, ס'איז אַ וועלט-בית-הקברות...
ס'לעבן — שוין טויט און באַגראָבן...
ס'קראַקען נאָר — מאַכן הזכרות —
גלייכגילטיק — פינסטערע ראָבן...

אַ זאַק.

## האַרבסטיקע בלעטער.

בעריאָזקעלעך שטייען
אין ליכטיקע רייען
ווי יונגינקע פּעען
אַן איינזאַמער כאָר;

און ס'צאַנקען די פלאַמען
אויף זייערע שטאַמען,
ווי פורפורנע קאַמען
אויף העל בלאָנדע האָר...

און בלעטעלעך פליען,
און לויכטן און גליען,
און גליענדיק, ציען
אַ טאַנץ אין דער מיט;

מיין פוס ווערט פאַרזונקען
אין פאַרביקע פונקען,
און שטיל ווערט דערטרונקען
דער קלאַנג פון די טריט.

אָ האַרבסטיקע בלעטער!
זיי שטראַלן אין עטער
ווי גרוסן פון געטער,
וואָס שטאַרבן שוין אָפּ!

זיי שאָרכן אַנטקעגן
אַזוי ווי אַ רעגן,
און צירן די שטעגן,
און דעקן מיין קאָפּ.

באַהענגען אינגאַנצן
מיין קאָפּ ווי מיט קראַנצן,
מיט קראַנצן, וואָס גלאַנצן
ווי קרוינען פון גאָלד...

און אומעטיק שטייען
בעריאָזקעס ווי פּעען,
אין ליכטיקע רייען,
מיט פורפור באַמאָלט...

לייב ניידוס.

# האַרבסט.

I.

די בלעטער ווערן געל און רויט
און פאַלן פון די ביימער;
די ביימער שטייען אַלט און מאַט
ווי האָפנונגסלאָזע טרוימער...

די שוואַרצע קראָע קווערלט און לאַכט,
עס וואַקסן בייזע אימות,
די גראָזן זאָגן וידוי שטיל,
עס וועלקן די חלומות...

דער נאָרד־ווינט ברומט, ער קומט, ער קומט
מיט מאָרד־לוסט און רציחה,
פרעסט אויס פון בלום די זאַפט און
קראַפט,
בויט אויף אַ מאָרד־מלוכה...

די קליינע ביימער בויגן זיך
און נורען זיך צוזאַמען,
ווי שעפעלעך אין ווילדן פעלד
פאַרלאָזן פון דער מאַמען...

די קליינע ביימער נורען זיך,
און שוואַרצע וואָלקנס שוועבן,
אוי־ווי, אוי־ווי, צו טראָגן זיי
אַוועק מיין יונגעס לעבן?...

אוי־ווי, אוי־ווי, איך פיל פון שניי
די קאַלטקייט פון דער ווייטן,
דער ליבער זומער פליט אַוועק,
דער ווינטער קומט צורייטן...

II

די גליענדע זון פונם זומער דעם שיינעם איז פלוצלונג אַוועק, אין דער וויט־
קייט אַוועק,
אַזוי ווי אַ קראַנקער אין שרעקלעכע אַנגסטן, וואָס ציטערט פון שרעק, פון פי־
בער און שרעק.
דער טויט איז אַרויס אויף דער וועלט, אויף דער וועלט,
געהילט אין אַ מאַנטל פון גראָקייט און קעלט, און פאַרדאַרט און פאַרגעלט
מיט זיין שרעקלעכן אָטעם דאָס פעלד און דעם וואַלד;
און איבערגעלאָזן אויף ביימער און גראָזן
די פלעקן פון רויט־ברוינעם ווין, וואָס געטרונקען האָט ער ביי דעם קבר
פון זומער.

און ער האָט געזונגען
אין טויטלעכן קומער:
„ס׳מוז דאַרבן און שטאַרבן אַלצדינג וואָס איז אַלט, אַלצדינג וואָס איז אַלט!".
איצט קרעכצן די ווינטן אין וואַלד, אין דעם הוילן, אַזוי ווי אין פיין,
אין עלנט און פיין.
אַזוי ווי זכרונות געוווינטשטע, וואָס זיינען קיינמאָל ניט געווען
און וועלן ניט זיין.
און ס׳פליען אום פויגלען מיט פליגלען צעפליקטע,
און ווילן וואָס זינגען און בלייבן דערשטיקטע,
און ווערן פאַרשווונדן צו זוכן ווו רו,
דאָך קיינער ניט, קיינער ניט ווייס ביט אַווו.

און ס׳בלאָנדזשעט דער אומעט אויף פעלדער אַרום,
און וואַנדערט אויף וועגן פאַראיינזאַמט און קרום,
זוכט אויס זיך אַ פלאַץ ביי אַ טויטשטילן טייך,
און קניט ביי אַן אַלטן, אַ ווערבענעם בוים,
און וויינט וואָס דאָס לעבן איז קורץ און ניט רייך,
און וויינט וואָס עס זינקט און פאַרשווינדעט דער טרוים,
און ס׳בלייבט נאָר דער שוים...

יואל סלאָנים.

* * *

אויסגעגאַנגען און פאַרשלעפערט
איז דער גאָרטן, טויט און שטום;
שטייט אַ שמעטערלינג פאַרגליווערט
אויף אַן אָפגעבליטער בלום.

נאָר אַ ווינטל רירט די פליגל׳עך,
גיט די בלימעלעך אַ דריי;
רייסט פון זיי זיך קליינע שטיקלעך,
נאָר דער בלום טוט שוין ניט וויי.

און אַ בין צו איר פאַרבלאָנדזשעט,
דורשטיק פון אַ ווייטן וועג,
מיד, פאַרברענט ווי זי פאַרבראָנזעט,
גיט אַ שמעק און פליט אַוועק...

פרץ מאַרקיש.

# דער יום־טוב־טאַנץ.

זוייס דער וועג, אין גאָלד געשניטן;
פליט אַ שליטן נאָך אַ שליטן,
אין דער לופט די בייטשן קנאַלן;
בייטשן־קנאַל און יונג־געלעכטער
אין אַ ים פון ליכט און גאָלד,
און בריליאַנטן פאַלן ... פאַלן
אויף די קעפּ פון יונג און אַלט.

*

קלינגען גלעקער הויך און שאַלן,
און די זון צעשליידערט שטראַלן
רעכטס און לינקס,

פריידנס־כוואַליעס רוישן, ברויזן
פרייען פרייט זיך קינד און קייט,
אין די אויגן ברענט די פרייד

*

ערד און הימל — חתן־כלה,
מחותנים זיינען אַלע,
ווער נאָר עס באַגערט.
און די זון! די זון איז שיכור.
נאָך אַ ווײַלע וועט זי שטיקער
פון זיך פליקן
און זיי וואַרפן צו דער ערד.

ל. מילער.

* *
*

עס איז געשען! עס איז געשען!
אַ בלינדע וועלט האָט ליכט דערזען,
און גייט פון גליק אַראָפּ פון זינען,
עס ווייס דער מענטש ניט וואָס צו טאָן
פאַר פרייד.
ער האָט אַ נייע זון געזוכט
און ענדלעך זי געפונען.

עס טאַנצט די וועלט איר יום־טוב־טאַנץ
און אַלע פלעכטן זיך אין קראַנץ
פון ווייסער פרייד אַרומגענומען
און פריי פון יאָך!
אויף אייביק פריי פון גרויער וואָך —
דער ווייסער יום־טוב איז געקומען!

ל. מילער.

# שניי.

די ערד איז ווייס, דער הימל בלוי,
עס גליט די זון און ס׳בלענדט דער שניי:
איך מאַך די אויגן צו אַזוי
און גיי...

ניט פרעג: וווהין? ניט פרעג מיך: ווו?—
ווער דאַרף אַ וועג אין ווייסן שניי? —
איך מאַך די אויגן מיינע צו —
און גיי...

ב. ביאַלאָסטאָצקי.

# ערוואַרטונג.

עמיץ פּאָרט. יאָ—יאָ—יאָ. ערגעץ ווייט. עמיץ פּאָרט.
שניי און נאַכט. שניי און נאַכט. און דער גאַניק איז ווייס.
זאָל איך לויפן אַנטקעגן? ניין, איך בלייב אויף מיין אָרט.
עמיץ פּאָרט. אפשר ברענגט ער מיר ליכטיקע נייס?...

די לבנה איז היינט אַזוי קאַלט, אַזוי קאַרג...
און די שאָטנס — געהיים... שאַ, דאָס גלעקל גייט אויס...

ס׳מוז דער שליטן איצט זיין ערגעץ הינטער אַ באַרג...
שאַ, אָט שלענגלען זיך ווידער די קלאַנגען אַרויס...

ווידער שטיל. אַזוי לאַנג. ניין, ס׳איז קיינער נישט, ניין...
אפשר יאָ? אפשר יאָ? צי דאָס דוכט זיך מיר בלויז?
ניין, ניין, ניין!... כ׳בלייב אַליין אויף מיין גאַניקל שטיין...
שניי און נאַכט. שניי און נאַכט. כ׳קער צוריק אין מיין הויז.

לייב ניידוס.

---

# אויפן זילבערנעם שניי.

אויפן זילבערנעם שניי פונם פּאַרק
פאַלט אַ שטראַליקער גרין־בלויער גלאַנץ:
יעדער בוים מיט זיין שאָטן ביים זייט,
יעדער צווייג איז פון בלומען אַ קראַנץ.

אויפן זילבערנעם פּאַרק שלאָפט די נאַכט,
שוועבט איר רויִקער אָטעם אין לופט,
קלינגען שטילע אַ צווייג אָן אַ צווייג,
ציט פון סאָסניקע נאָדלען דער דופט.

אין דער זילבערנער שטילקייט פון פּאַרק
הערט זיך נאָר ווו עס פּלאַצט ווו דער אייז.
צווייג און בוים, נאַכט און קלאַנג און פאַרלאַנג
שטייען שטילע פאַרגליווערט אין ווייס.

י. שווארץ.

---

# ווינטער.

לאָמיר מיידן די געביידן ווו מירליידן אין דער שטיל,
ווו ס׳איז שטויביק און ניט אייביק יעדעס מענטשלעכעס געפיל.

ס׳קומט שוין ווינטער. באַלד צעבינדט ער זיינע אוצרות פול מיט גלאַנץ,
ס׳וועלן שנייען זיך צעווייען און פאַרדרייען זיך אין טאַנץ.

ווייסע קראַנצן וועלן טאַנצן, וועלן גלאַנצן אין דעם רוים,
און צעפאַלן, ווי אָפּאַלן, אין אַ שכורדיקן טרוים.

ווייסע קווייטן איינס צום צווייטן וועלן שפּרייטן זיך אויף דר׳ערד,
און די ביימער, יונגע טרוימער, וועלן אָנטאָן ווייסע בערד.

נאָר דער ווינטער וויים־געשפינטער וועט ניט בויען דאָ זיין נעסט,
און ניט דאָ וועט אונדז לכבוד זיין דער מלכותדיקער פעסט.

אַך, די גאַסן וועלן שפּאַסן פון די פּאַסן ווייסן שניי,
ס׳וועלן מענטשן זיי ניט בענטשן, נאָר צעטרעטן זיי אָן ווײ...

לאָמיר מיידן די געביידן, ווו מיר ליידן אין דער שטיל,
ווו ס׳איז שטויביק און נישט אייביק יעדעס מענטשלעכעס געפיל.

לאָזן וועגן, ווייסע שטעגן אונדז אַנטקעגן פליען שנעל,
האַסטיק פליען און צעגליען אין דער קאַלטער שיינקייט העל.

ווייסע ווייטן ביי די זייטן זאָלן בייטן זיך אָן סוף,
זאָלן שווינדלען און זיך צינדן, ווי פאַרהילט אין ווייסן שטאָף.

לייב ניידוס.

---

# שניי.

דער רוים ווערט פאַרשטומט...

פון גראָען פאַרגליווערטן אַויר
אַן איינציק קליין שנייעלע קומט,
און קריגט באַלד אַ חבר,
און ביידע זיך דרייען
פּאַמעלעך אַראָפּ
און פאַלן אין צווייען
אַרויף אויף אַ קאָפּ
פון נאַקעטן בוים,
ביי דעם זוים
פון אַן איינזאַמען פעלד...
ניט מער ווי אַ קוש ווערט
דערלאַנגט אין דער שטיל,
צי אפשר אַ גרוס=וואָרט
געמורמלט, אויב פיל...
דאַן שטאַרבן זיי שנעל און צעגייען,
דען דאָס איז דער גורל פון ערשטלינגען
שנייען —
ניט לאָזן קיין זכר פון זיך אויף דער
וועלט...
דערנאָך ווערט עס דיק און געדיכט...
אין לופט דאָס געזעמל פאַרמערט זיך,
און לאַנגזאַם אַ שיכט נאָך אַ שיכט
בעט אויס און צעשפרייט אויף דער ערד
זיך...
ביז איטלעכער קוסט ווערט באַקליידט
און יעטוועדער בוים ווי אַ בר=מנן שטייט,
און דאָס בלאָלעכע אַייז
פונם טייך
ווערט גלייך
ווי באַפּעלצט מיט אַ פוטער פון ווייס...
און וועגן און שטעגן פאַרשווינדן פון לאַנד,
באַליילעכט אין זעלביקן לייכטן געוואַנט,
באַדעקט פון דעם שניי=קעניגס פאָלע...
דאָך האַסטיק ברעכט אויס אַ בהלה —
שוין פייפט עס און ברומט עס און בילט...
די לופט ווערט געפילט
מיט פלאַנטערס און ווייסע געמישן,
ביז צווישן
דער ערד און דעם הימל
זיך ווירבלט און וויכערט אַ ווילדעס
געווימל,
און ס'וואָיעט די וויסטע ממשלה
פון שדים און גייסטער —
דער שטורעם איז מייסטער...
ער רייסט זיינע קייטן אַראָפּ פונם האַלדז,
און גייט מיטן שניי אויף דער פרעירי
אַ וואַלץ
און אַלץ
קערט ער איבער,
דער אַיילנדער גבור...
דאָ בעזעמט ער גריבער,
דאָ בויט ער פּאַלאַצן און טורעמס,
אין האַסטיק=פאַנטאַסטישע פורעמס
און מויערט גיגאַנטישע שטיבער...
און באַלד אין אַ וואַנזין געשלידער
זיך קרייזט ער און דרייט זיך און פלעכט זיך,
און יאָמערט און סוויסטשעט און צויבערט,
און שופלט און שאַרט און צעשויבערט,
ביז איטלעכער בנין צעבערעכט זיך,
און פאָלט אין אַ הויפן אַנידער,
צו ווערט אין די וואָלקנס געהויבן,
אין פוכיקע שטיקלעך און שטויבן...
און שוין איז דער ווירבל צעפלויגן...
פאַרצויגן
מיט לעפלעכן ליכט
ליגט דער לאַנדשאַפּטס געזיכט
און דימענטן גלאַנצן אויף פעלדער אָן
פלעקן,
און ס'הויכט איבער ווייסע און ענדלאָזע
שטרעקן
דער פראָסט,
ביז ער לאָזט
אַ הייטל פון זילבער אויף זיי...

און דאָס איז דער שניי —
אַזוי לויטער און ריין,
אַז ס'האַרץ טוט אַייך וויי,
אים צו טרעטן ביים גיין...

יהואש.

# ווינטער=לידער.

I.

אויפגעוועקט האָט היינט פון שלאָף מיך
פריע קעלט, אַ קראַ פון ראָב—
און איך ווייס נישט, וואָס איז פלוצלונג
אַזאַ פרייד אויף מיר אַראָפּ.

ווער האָט דאָס געשענקט מיין האַרצן
אומגעריכט אַ גליק אַ נייס,
וואָרום איז מיין צימער פלוצלונג
חנעוודיק און בלוילעך=ווייס.

זע, אַ וועלדל! ... אויף די שויבן
וואַקסט עס פריש אין ווינטער=פּראַכט,
אויפגעבליט ווי אַהרנס שטעקן
האָט דער פענסטער איבער נאַכט.

סאָסנעס, דעמבעלעך באַשנייטע,
און פון פּאַלמען דאָס געשטאַלט.
גוטן מאָרגן, ווינטער=שפּראָצונג!
בראַוואָ, קליינער, מילדער וואַלד!

און אַ קאַלטער גלאַנץ אַ העלער
האָט מיין צימער פול געמאַכט,
גלייך עס וואָלט אַראָפּ אַ מלאך
און עס אויסגעקאַלכט די נאַכט...

ס'האָט דער ווינטער=גלאַנץ דער פרישער
די נשמה מיר באַנייט,
פונקט עס וואָלט אַ ווייסער מלאך
זי פון שמערץ און זינד באַפרייט.

II.

ס'האָט דאָס אַייז באַדעקט מיין פענסטער,
האָט די ליבע זון פאַרשטעלט,
נאָר אין מיטן האָט אַ פונק זיך
אָנגעצונדן און געקוועלט.

ס'האָט אַ גאָלדן מאָרגן=שדל *)
זונענשטראַל און זונענשטויב
אומגערן זיך דאָ פאַרפלאָנטעט
אינם וועלדל אויף דער שויב...

און ער פלאָטערט דאָרט, דער שטיפער,
שמעלצט זיך, פלאָנטעט זיך אַלץ מער;
פלוצלינג גיט ער זיך אַ צאַפּל,
און עס ווערט פון אים אַ טרער...

באַלד — אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן —
ווידער איז די שויב קרישטאָל...
שפּרינגט אַריין אַ חיל שטראַלן
און באַפאַלט מיך מיטאַמאָל!

זי, די זון, האָט פאָרט דערטאַפּט מיך,
טוז, אין שטוב — און שפּרינג אַריין, —
אויסגעשאָסן גלייך אין פנים
אַלע אירע שפּיזן שיין.

ווידער קוקט אַ טאָג אין פענסטער,
אַזוי זיכער, קאַלט און העל,
ווידער ברענט מיין האַרץ פון קרעפטן,
איך בין ווידער יונג — און קוועל...

ס'ווערט מיין האנט אַ פלעצל אייזן,
און מיין אָרעם אָנגעשטאָלט;
כ'וואָלט אַ לייב, מיר דוכט, צעריסן,
כ'וואָלט אַ ריז אויף שטויב צעמאָלט.

III.

אויף דער שוועל האָט מיך באַגעגנט,
אָפּגעפּאָסן אומגעריכט, —
כליופּ אין פנים! — כ'ווייס אַליין ניט,
וויפיל שעפּל קאַלטע ליכט.

כ'ווייס אַליין נישט וויפיל זונען
האָבן גאָלד אויף מיר געשפּריצט...
ווייט האָט זיך אַנטבלויזט גאָטס
וועלטל,
פרעך געפינקלט און געבליצט...

ווו נאָר ס'קאָן דאָס אויג דערגרייכן,
גלאַנצט גאָטס וועלטל, שעמערירט,
אויסגעשאָטן מיט בריליאַנטן
און מיט דימענטן פאַרצירט.

*) אין אָריגינאַל „צפּריר“, אַ תּלמודיש וואָרט, ד. ה. — באַגינען-רוחל, וואָס טראָגט פונאַנדער די בשורה, אַז די זון גייט שוין אויף

ס'איז דער פראָסט אַליין דער מושל,
שטאַרק און קרעפטיק איז דער ריז,
ס'דינען קעלט און שיין צוזאַמען:
דער מיט נאָדל, דער מיט שפּיז...

אַ באַפעל, זעט אויס, אַ שטרענגער
דורכגעגאַן איז היינט ביינאַכט:
„ווייס זאָל ווערן! מאָרגן ז' יום־טוב!
צירט אייך אויס אין שענסטן פּראַכט"!

און עס האָט אַ שניי אַ פרישער,
ערשט פון הימל, שפּאָגל ניי,
גיך פאַרשאָטן ווי אַ גריבל,
ווי אַ פלויט פאַרדעקט דערביי.

און עס האָבן מאַרמאָר־ווייסקייט,
גאָלד און זילבער און קרישטאָל
זיך צעוואָרפן און צעשאָטן
און צעשפּילט זיך מיטאַמאָל!

קלאָרע ליילעכער צעוויקלט,
אויסגעבעט די גאַנצע שטאָט,
זילבער־קייטלעך אָנגעהאַנגען
אויף דעם טעלעגראַפן־דראָט.

טישטעכער געשפּרייט אויף דעכער,
מיט קרישטאָלנע פרענדז באַצירט; —
גאָטס אַ גרויסער, ווייטער יום־טוב
איז געקומען — און רעגירט!

און די ווייסקייט בלענדט און צויבערט...
אין דער הויך, פון אויג פאַרשטעלט,
פלעכט אַ האַנט פון גאָלדנע שטראַלן
טויזנט קרוינען גאָר דער וועלט.

שטייט אַ דעמב באַזעצט מיט פייגלעך,
דורך באַגלאָזט, דורך—בליץ און בלאַנק
און פאַרהילעכט דעם פרימאָרגן
מיט אַ לעבעדיקן קלאַנג.

IV.

אוי, צעשפּיל דיך, פראָסט, מיט וווט,
סמאַליע, שטעך און ברען און גלוט!
גיס דיין שטאָל אין האַרץ ביי מיר,
אויף מיין וואָנס דעם הויך באַפּריר!

און באַשמיד מיין ברוסט מיט אייזן,
טאָמער וועט זי זיך צערייסן
פון פיל גבורה און פיל וווט.
הוליע, פראָסט, און ברען און גלוט!

שטרענג די מוסקלען אָן ווי שטריק,
און מיין הויך אין האַלדז פאַרשטיק!
פינקלענד, שטראַלנד שעמעריר,
וואָס אַמאָל אַלץ מערער פריר!

V.

ס'ציט אַ רויך זיך פון די קוימענס,
קרויזט זיך רויִק און באַזאַכט,
אויף דעם ווייסן שניי די ראָבן —
לעבעדיקע שטיקלעך נאַכט...

„שריק־שראַק, שריק־שראַק", קריצט דער שניי דאָרט,
און פון אַלע זייטן גאַס
הערט אַ קריג זיך ווי פון מעסערס,
וועלכע רייבן זיך מיט כּעס.

ווי אַ שווערדן־קלונג אין לאַגער
אומעטום נאָר קריצט און קראַכט —
פון דעם שניי, וואָס ווערט צעריבן
אונטער טריט מיט פעסטער מאַכט...

דאָס איז מאָרגן־טריט, וואָס סקריפּען
פול מיט לעבן, פריידן פיל;
ס'פליען פערד... די נעזער פאַרען,
ס'קלינגען גלעקלעך: ציל, ציל, ציל.

אין פורפורנע, בלויע נעצן,
פיס געטאָקטע, העלדזער — רונד,
וואַרפן, שפּריצן שניי־ראַקעטן,
פליען דורך — און זיי געזונט!

ס'ווייזן זיך נאָר אין דעם שטורעם,
וועלכער טראָגט אַהין און קריק,
ראָזע, פלאַמענדע געזיכטער,
אָנגעצונדענע פון גליק.

ס'טראָגן זיי ווי מיט ווילדע רוחות
ווייט אַוועק דאָרט, פאָר נאָך פאָר,
ווייט, ווו ס'וואַקסט דער ווייסער פעפער,
העט צו'ן אַלדע ווייסע יאָר!

פונקט ווי ס׳וואַלט איין ווילדער חשק
אָנגעכאַפּט זיי! מיטאַמאָל
אין איין אָטעם איבערפליען
שטאָט אין פעלד און באַרג און טאָל.

הפקר, הפקר! אַלץ איז הפקר!
היי, דו קוטשער! טראָג געשווינט!
וואַרף אַריין מיך אין דעם וויכער
און צעבלאָז מיך אויף דעם ווינט!

טראָג מיך ווייט! וווהין? ניט פרעג מיך.
איינס איז מיר! אַ ווו נאָר ס׳גליט
כאָטש אַ פונק פון פרייד און לעבן
און אַ טראָפּן בלוט נאָר זידט.

עך, אַראָפּ די מרה־שחורה!
זע, ווי שיין איז ד׳וועלט פאַרצירט!
כ׳וויל דעם לעבנס־כוס אויסטרינקען,
איידער ס׳האָט אים ווער באַרירט!

ביז צום גרונט וויל איך אויסטרינקען
מיט איין זופּ דעם גאַנצן כוס!
כ׳וויל צעגיסן היץ און יוגנט
אָן אַ חשבון, אָן אַ מאָס!

ווען דאָס האַרץ וועט ווערן ליידיק,
אויסגעטריקנט, פּוסט און קאַלט, —
טראָג מיך, ברענג מיך הינטערן שטאָט
ווייט,
דאָרטן וואַרט אַ טיפער וואַלד...

ס׳שטייען שטאָלץ דאָרט הויכע סאָסנעס,
ווי די זיילן אין אַ שלאָס.
אַלץ איז גרייט און ריין... מע ווייס ניט,
צוליב וועמען, צוליב וואָס...

ס׳שטייט דער וואַלד פאַרקלערט, פאַר־
זונקען
אין אַ טיפן, ווייסן סוד.
אויף אַן אומבאַפלעקט מזבח
דעמפט ער ווייסן שניי צו גאָט...

קלאָרן שניי נאָך אומבאַרירטן.
כ׳ווייס אין יענעם וואַלד אַן אָרט,
ס׳שטעקט דאָרט ערגעץ אַ קאָוואַדלע
און אַ האַמער ליגט אויף דאָרט!

רייס איך דאַן פון ברוסט מיין האַרץ אויס,
ווי אַ שווערד באַדעקט מיט ראָסט,
פון איר שייד... און לייג אויף שטאָל דאָס
און צעגלי׳ דאָס אויפן פראָסט.

און כ׳וועל שמידן מיטן האַמער;
קלאַפּ און קלאַפּ! זיי שטאַרק און פעסט!
און עס וועט פון וואַלד דער אָפּקלאַנג
ענטפערן: אמן, שטאַרק און פעסט!

און מיין האַרץ ווערט פול מיט קרעפטן,
וואָס ס׳האָט קיינמאָל נישט געוווסט —
שטאַרקער, מוטיקער ווי פריער
וועט עס קלאַפּן אין מיין ברוסט...

ח. נ. ביאליק.
יידיש — י. שוואַרץ און ז. שניאור.

---

# ווינטער.

## א.

כ׳בין אַרויס דיר, פראָסט, אַנטקעגן
אויף די אויסגעגלאָזטע וועגן:
איך מיט גליטשערס נייע צוויי,
דו מיט שליסל פונם שניי.

שליסטו אויף דאָס שנייענשיטן,
מיר מיין גליטשלקע פאַרשיטן, —
איז דער טייך געגוג נאָך גרויס,
און איך רייב אַ נייע אויס.

שטעלסטו אונטער מיר אַ פיסל, —
רייס איך אויס ביי דיר דעם שליסל
און אַנטלויף מיט אים, היי, היי, —
כ׳בין געפאַלן און איך שטיי!

און צעגלי׳ מיר נאָך די באַקן
מיט אַ ווינטל אַ געשמאַקן,
כ׳גיב זיך איינמאָל נאָר אַ דריי
און איך שיט דיך אָפּ מיט שניי.

אויסגעקאַטשעט כ׳האָב אַ שנייער
העכער נאָך פון אונדזער טויער,

ציילן קאָנסטו פראָסט? איינס, צוויי,
כאַפּ אַ קויל און ווייטער גיי!

ב.

אויסגעגלעט דאָס פעלד מיט שנייען
אי פון פאָרנט, אי פון הינטן,
האָבן זיך מיט ווילדן דרייען
אָפּגעלאָזט אין וועג די ווינטן.

אויסגעגנישטערט ווו אַ גראָבן,
ווו אַ לאָך און ווו אַ צווינטער,
און אַן אוצר דאָרט באַגראָבן
פונם קאַלטן ווייסן ווינטער.

דאָ אַ פאָרהאַנג אויפגעהאַנגען,
דאָ אַ לאָדן אָפּגעריסן,
דאָ אין קוימען ווילד אַריינגיין
און מיט שנייען אים פאַרשמיסן.

און אַ גאַנצע נאַכט אַזוי האָט
ווינט געדרייט זיך און געגראָבן,
ווו אַ גריבל — דאָרט פאַרווייעט,
ווו פאַרווייעט — דאָרט צעגראָבן.

ג.

שרעקט איר זיך פאַר טריט, וואָס קוויטשען
מענטשן, פרירט איר, ס׳איז אייך קאַלט?—
איז אַרויס אויף פראָסט זיך גליטשן
נ׳אויף זיין הייסן פנים — פאַלט!

זאַווערוכעס לאַכן--הערט איר?
רייסט אַ ווינט אַליידיק נעסט...
וואָס פאַר לענדער, וואָס פאַר ערטער,
וועלכע האָבן ניט קיין פרעסט?...

האַנט אָן האַנט צעקלאַפּן — קענט איר?
פיס אויף גל׳יטשיק אָרט — געשטעלט!—
וואָס פאַר ערטער, וואָס פאַר לענדער,
וועלכע האָבן ניט קיין קעלט?...

אויפן פראָסט און קעלט—געוווען שוין?
און געפאַלן? — צו געזונט! —
וואָס פאַר הערצער, וואָס פאַר מענטשן,
וועלכע קאָנען ניט דעם ווינט?...

ד.

שלעפּן שליטנס זיך פון וויטן
אָנגעפּאַקטע גראָוו און גרייז;
און מיט שניי פון אַלע זייטן,—
היי, וואָס האַקט איר אויס דאָס אייז?

אויף דער גליטשלקע, אינמיטן,
פונקט אינמיטן איז אַ ריטש...

שלעכטער שליטן, שלעכטער שליטן,
וואָס צענעמסטו אונדז דעם גליטש?

חברה, שנייערס, גרויסע שנייערס,
אין די שלעכטע שליטנס שמייס!
וואָס צענעמען זיי, ס׳איז זייערס?
היי, וואָס האַקט איר אויס דאָס אייז?

פרץ מארקיש.

# ליטע.

עס האָט מיך געפאַנגען דער אומעט, וואָס שוועבט אויף די טונקעלע פעלדער
און רוט אויף די איינזאַמע ביימלעך, וואָס שטייען צעוואָרפן אויף זיי;
דער בלאָער פאַרטרויערטער הימל, וואָס קוקט אַ פאַרחײַנטער אַרונטער
דורך ווייסלעכע זיידענע נעפלען, דערפילט מיט אַ צערטלעכן וויי;

די ראָזע און שטילע פאַרנאַכטן, וואָס שטאַרבן ווי עלנטע קינדער;
די נעכט, וועלכע באָדן זיך שטיל אין אַ בלאַסן, אַ קרענקלעכן שיין;
די מאָרגנס, וואָס וועקן זיך אויף ווי אַ שמייכל אויף גוססע ליפּן;
די טעג, וואָס דערשיינען פאַרהילט, ווי זיי וואָלטן זיך שעמען צו זיין;

די שמאָלינקע טייכלעך, וואָס בלאָנדזשען אונטער ברוגזע ווערבעס;
די לאָנקעס, אויף וועלכע עס שפּראָצן זיך אָרעמע בלימעלעך שטיל;
די קליינע בעריאָזעווע וועלדלעך אויף ברייטע אומענדלעכע שטרעקעס
ווי איינציקע ליכטיקע טרוימען אין תּהום פון אַ שוואַרצן געפיל.

עס האָט מיך פאַרכּישופט דאָס לאַנד, וווּ די זון קוקט אַרויס דורך אַ נעפּל;
דאָס לאַנד, וווּ עס קומען קיין שטורעמס, נאָר ווינטעלעך קייקלען זיך מיד;
דאָס לאַנד, וועלכעס בענק אין אַ טרויער און האָפט אין איר שטענדיקן צווייפל,
דאָס לאַנד, וווּ עס האָט זיך געוועבט מיין פאַרבענקטעס, פאַרחלומטעס ליד.

דוד איינהאָרן.

# זכרונות.

אַקלייגע שטוב ביים ברעג פון שטאָט,
אַן אַלטער בוים פון באַרן,
וואָס האָט שוין שטיל הכּנעהדיק
פאַר זיך גענומען דאַרן.

אַ באַנק פון גראָז און שטרויכן צוויי
פאַרהילט אין ווייסע בליטן;
אַ גרינער טאָל כּיט פרישן היי
און מיט אַ טייך אינמיטן.

אָט שפּרייט זיך אויס פון גאָלד געוועבט
אַ ליכטיקער פרימאָרגן;
דאָס הייזל רוט מיט גרינס באַדעקט
און קוקט אַרויס אָן זאָרגן.

אָט זע איך דאָרט אַ פענסטערל,
אַ שטיקל בלאָער הימל,
אין גרינס געפאַסט און שטיל באַהויכט
מיט שאָטנס פון אַ דרימל.

איך ווייס דאָס אָרט, דאָס גליקלעך אָרט,
וואָס איך האָב שוין פאַרלאָרן;
דאָס איז די היים, די שטילע היים
פון מיינע יונגע יאָרן.

דאָס איז דאָס לאַנד, דאָס טרוימען-לאַנד,
וואָס איך פלעג אין מיין יוגנט
ביי יעדן שטראַל אַ ברודער זיין,
ביי יעדן בלום אַ קרוב.

דערגרייכט צום הימל מיט דער האנט,
געשמועסט מיט די שטערן,
און אין די שטילע פרילינגס נעכט
פלעג איך דעם וועלט־גאַנג הערן.

די שפּראַך פון יעדן גרעזעלע
האָב איך דאַן גוט פאַרשטאַנען;
דעם וועג פון יעדן ווינט געוווסט,
וווהין ער גייט, פון וואַנען.

געהאַט האָט דאַן פאַר מיר אַ זין
דאָס אַלץ, וואָס האָט קיין ענדע,
דער סוד פון בלום, דער הימל־רוים
געוועזן איז אַ לעגענדע.

דאָס איז דאָך מיין טרוימען־לאַנד,
דעם זיידנס שטוב די קליינע.
געוויזן האָט דאָס פענסטערל
מיר דאַן אַ וועלט אַ שיינע.

מיר איז באַקאַנט געוועזן אַלץ,
קיין זאַך נישט פרעמד, פונווייטן,
דער שעפער פון דער גאַנצער וועלט
פלעגט פאַר מיין קליינעם פענסטערל
אין זיין מרכבה רייטן.

דוד איינהאָרן.

* * *

אין גאָרטן אין שאָטן פון גרינע ערבות
פלעג איך ביי די פיס פון מיין באָבעשי ליגן,
און זי, אַ פאַרטיפטע אין אירע מחשבות,
פלעגט מעשיות דערציילן מיר שטיל מיט אַ ניגון;

פלעגט מעשיות דערציילן פון „מנורת המאור",
פון אַלטן פאַרחלומטן ספר פון דיקן.
איר בליק האָט געברענט מיט אַ האַרציקן טרויער,
וואָס פלעגט זיך פאַרטוישן אין העכן אַנטציקן...

און פלאַטערן פלעגן דערנעבן ווי טויבן
די שאָטנס פון הייליקע גרויסע צדיקים...
אָ, זוניקער חלום! אָ, קינדישער גלויבן!
ס'וועט קיינער, שוין קיינער ניט ברענגען צוריק אים!..

און פונקט ווי אַ טייערע פאַרמעט־מגילה
צעוויקלען זיך איצטער די בילדער די אַלטע,
און ס'ציטערט אין ברוסט אַ פאַרגעסענע תפילה,
וואָס אָטעמט מיט בשמים פון בלומען צעשטראַלטע...

לייבניידוס.

# אַ סגולה.

ווען אַמאָל אויף מיידל־אויגן
איז געוועזן אַן אונטערגאַנג,
נעמט די באָבע פון איר מחזור
שנעל אַרויס אַ וווּנדערזאַנג.

„שפּייז מיט גערשטנדלעך אַ הינדל,
ווען אין שטאָט אַ הונגער הערשט, —
וועלן, קינד־לעב, דיינע אויגן
אייביק זיין באַהיט פון גערשט".

אפשר האָסטו, באָבע מיינע,
אין דיין מחזור סגולות מער?
טאָמער קענסטו ס'אויג פאַרהיטן
פון אַ גרויסער הייסער טרער?

מרים אולינאָווער.

## די גאַשערקע.

אונדזער קעכין שרייט און רודערט,
ליאַרעמט ווילדעוועט און רַעשט—
עמיץ האָט איר פּוטער=קוכן
פון דער פאַן אַרויסגענאַשט.

קוקט מיך אָן מיין באָבע=לעבן
מיט דעם מילדן אויגן=גלאַנץ:
איינגערעגנט וועט דיר ווערן,
טאָכטערשי, דיין חופה=קראַנץ!"
• • • • • • • • • •

און מע האָט געפירט מיך—כלה—
צו דער חופה מיט מיין פריינד,
האָבן מענטשן שטיל געשמייכלט,
אָבער וואָלקנס—שטאַרק געוויינט...

נאָר איך בין דיר, רעגן, מוחל:
אין דעם גרויסן חופה=טאָג
נישט פאַרשעמט געטאָרט האָט ווערן
מיר מיין באָבעס אַלטע זאָג.

מרים אולינאָווער.

## דער באָבעס טאַנץ.

שפילן פידלען זיס און טייער,
צינדט זיך אָן דאָס יוגנט=פייער
אין דער אַלטער פרומער באָבע.
וואָס מיר עלטער, עולם=הבא?
עט, פאַרגעסן זיך אינגאַנצן—
טאַנצן וויל די באָבע, טאַנצן!

שטעלט זשע אין אַ ראָד זיך אַלע,
טאַנצן גייט זי מיט דער כלה,
מיט דער כלה מיט דער שיינער,
זי אַליין און ווייטער קיינער.

ברייט דעם פעדעליק צענומען
מיט אַ שמייכל אויף דעם פרומען
בלאַסן מוטער=שרה=פנים
טאַנצט זי פאַר די מחותנים,
טאַנצט און ס'רוט אויף איר די שכינה.

וואָס מיר ברילן, ווען מיר תחינה,
וווּ מיר הויקער, ווער מיר שטעקן,
עלטער, שוואַכקייט—פוסטע שרעקן!

שפילן פידלען, שפילן פלייטן,
טאַץ און קעסל=פּוק באַגלייטן
און די אַלטע האָצקעט, דרייט זיך,
פליעסקעט צו דעם טאַקט און פרייט זיך:

ס'לעצטע אייניקל אַ כלה,
נחת דאַנקען גאָט אין אַלע.
אויסגעגעבן זון און טעכטער,
איצט אַ דאַנק דיר, גאָט גערעכטער!

יונגוואַרג שטייט און כיכעט מונטער,
ווינקט זיך איבער... פייערט אונטער:
שטאַרקער, שטאַרקער,שטאַרקער, גיכער!
ס'פליט די אַלטע ווי א וויכער;

לאַכט און בויגט זיך, וויגט און
קנייטשט זיך,
ווינקט קאָקעטיש, רופט און רייצט זיך:
„אָט אַזוי פלעגט מען ביי לייטן
טאַנצן, קינדערלעך, פאַרצייטן".

ה. רויזנבלאַט.

# שטאָט.

שטאָט!
דו האָסט מיך פון ווייטן גערופן
מיט הודזשען פון דראָט!
כ׳האָב שטענדיק אויף באַרג דיך געזען!
דו האָסט מיך פון ווייטן געצויגן
מיט צוואַנגען
פון שיין און פון שימער—
דו האַסט מיך פאַרנאַרט
און דו האָסט מיך געפאַנגען!
די רו פון מיין דאָרפישן צימער
האָסטו מיר צעעקבערט
מיט פייפן פון צוגן,
צעשפאָלטן, צעשפליטערט
מיט ציטער פון רעלסן...
אין הויכן איז שטענדיק געהאנגען,
איז שטענדיק געגאַנגען
דער אומרו פון דיינע פאַרצויבערטע
קלאַנגען—

שטאָט!
דו האָסט מיך געפאַנגען!
פאַר מיינע פאַרבלענדעטע אויגן
אויף פעלדער־אויף וועלדער־באַראָט
איצט ליגט דיין אַלמעכטיקער
שטיינערנער קערפער
מיט רערן פאַרוואָרצלט אין טיף פון
דער ערד,
צעשליידערט די אָרעמס,
געהויפנט, געגאָרנט,
צעקעסטלט, צעצימערט,
מיט קוימענס פאַרשפיצט און מיט
שאַרפן פאַרטורעמט,
פאַרקניפט און פאַרגאַרטלט מיט
רעלסישע שלאַנגען,
באַפלאָכטן, באַהאַנגען
מיט שפינוועבס פון דראָט—
שטאָט!
דו האָסט מיך געפאַנגען!

ד. האָפשטיין.

# ניו־יאָרק.

מעטאַל. גראַניט. גערויש. געדראַנג. געפילדער.
אַווטאָמאָבילן. הויך־באַן. טיף־באַן. קאַר.
בורלעסק. גראָטעסק. קאַפעען. קינאָ־בילדער.
עלעקטריש ליכט און גרילצנדער ווירוואַר.

געזיכטער פרעמד און בליקן פיינדלעך־שטאַר.
קיין שמייכל, קיין גוט־מאָרגן פריינדלעך־מילדער
און איינזאַמקייט און ניט געטרייסטער צער
אין אָט דער דרענגעניש כאַאָטיש־ווילדער.

לעיעלעס.

# לידער אין פּראָזע.

## ביים ברעג פון דער ווייכסל.

נאַכט איז עס.

צעוואָרפן זיינען די הייזער, שיטער, איינס ווייט אָפּגערוקט פון צווייטן, זיי שטעלן זיך נישט צוזאַמען, נעמען זיך נישט אָן ביי די הענט און רייסן זיך אָפּ פון גאָטס פרייער וועלט און ווערן צוזאַמען אַ שטאַרקע מויער און אַן אייגענע, באַזונ־דערע שטאָט. ניין, פאַרלאָרן זיינען זיי אין שטח, אויסגעמישט מיט אַלעס, פאַרשלונגען, פאַרטרונקען אין דער אומענדלעכקייט, וואָס איז אַרום און אַרום...

און פריי ביסטו, פריי אויף גאָטס פרייער וועלט.

וואַרפט זיך דיר אַמאָל אין די אויגן אַ שוואַרצער פלעק, און אַ ווייסער שטרוי־דאַך קוקט אַראָפּ פון דער הויך, דאַכט זיך דיר, עס איז פון דער הוילער הויט אַרויס־געוואַקסן, נישט קיין מענטשנס הענט האָבן דאָס געמאַכט, נאָר אויסגעוואַקסן איז עס ווי די גרעזער אין פעלד, ווי די ביימער אין וואַלד.

און פאַרחלומט איז אַלץ אין גאָטס לייטזעליקן שלאָף, און אַלץ בויגט זיך, טוליעט זיך אַיין צו דער מאַמעס ברוסט — דער ערד, אַיינגעשלאָפן אויף גאָטס שויס. אַפנים אַלץ אַרום איז צופרידן מיט זיין גורל, וואָס עס איז פאַר אים באַשערט און פאַרלאַנגט נישט קיין בעסערס. די הויכע אויפגעשטעלטע שוואַרצע קוימענס גלאָצן ווי חזנים אין הימל אַריין, ווי בעטנדיק: חלילה נאָר נישט ערגער.

איך גיי.

די הייזער, זיי קוקן אַרויס פון אַיינגעהילטן שלייער — גענעצן און וואונדערן זיך: ווער איז דער? באַלד אָבער טוליען זיי זיך ווייטער אַיין — און געהייסן וואָלט עס: עס איז נישט כדאַי.

אָט איז דער באַרג, און איך שטייג אויף אים אַרויף.

אַן אַלטער באַקאַנטער... אַ זיידע איז ער, וואָס שטרעקט אויס זיין גרינע באָרד צו זיינע אייניקלעך און זאָגט: „צופּט, קינדערלעך, צופּט, אַז איר האָט פאַרגעניגן דערפון". ער בויגט דעם רוקן אַיין: „קריכט, קינדערלעך, קריכט, אַז איר ווילט אַזוי. אַזוי איז דער באַרג, דער זיידע פון שטעטל. לויפט אַראָפּ, לויפט אַרויף, שפּילט אַייך מיט מיין זאַמד, מיט מיין גראָז. ליב זייט איר מיר אַלע".

איך שטייג אַרויף אויפן באַרג, קריך אויפן זיידנס רוקן.

טיילמאָל קוק איך מיך אום, הינטן אין דעם טאָל נעמען זיך צונויף אַלע הייזער און קוקן מיר פון הינטן נאָך. אַ בלויער, היימישער הימל איז אויסגעגאָסן פון אויבן, אויף אים שיינען די שטערן, אַ לייכטער שלייער האָט אַרומגעהילט דאָס שטעטל און פון דעם לייכטן שלייער שפּאַרט זיך דורך דער שפּיץ פון אַ קירכע און קעגן אים ווערט פאַרלאָרן אין שטח פון אַויר דאָס קליינע פענדל פון דער שול.

ווי ווייט זיינען די מענטשן, ווי ווייט זיינען די הייזער, איינער פון צווייטן בייטאָג; און ווי נאָענט אָבער, ווי היימיש נאָענט, ווי משפּחהדיק שפּירן זיך די אַלע הייזער ביינאַכט. אַפילו דער הויכער שפּיץ פון דער קירכע און דאָס קליינע פענדל פון דער שול האָבן פאַרגעסן זייער באַשטענדיקע מלחמה, וואָס איז צווישן זיי, און

לעבן איצט אין אַחדות, אין שלום, איין הימל ציט זיך דאָך איבער זיי, אין איין טאָל זיינען זיי פאַרחלומט און איין גאָט וואַכט איבער זיי.

איך שטייג אַרויף אויפן באַרג.

הינטן פון דעם טאָל קוקן מיר נאָך די שפיצן פון די דעכער, זיי סודען זיך מיטאַנאַנדער, נאָר איך ווייס נישט וואָס זיי מיינען. דאָ דאַכט זיך מיר: זיי האָבן רחמנות, מיטלייד מיט מיר, באַדויערן און זאָגן איינער צום צווייטן: זע, דער אַנט־לויפט פון אונדז, פאַרלאָזט אונדז. באַלד אָבער דאַכט זיך מיר, אַז זיי, די הייזלעך, זיינען מיר מקנא: פיס האָט ער, קאָן ער אַוועקגיין, מיר אָבער מוזן תמיד שטיין אויף איין אָרט.

פון דער צווייטער זייט נידערט אַראָפּ דער באַרג.

און אַ צווייטן הימל האָט גאָט דאָ, צו זיינע פיס, אויסגעגאָסן, אַ פיל מילדערן, אַ ליבערן און אַ מער היימישן. דאָס איז די ווייכסל, אונדזער הימל אויף דר׳ערד.

יענעם הימל אין דער הויך האָט גאָט פאַר זיך מיט זיינע מַלאָכים געמאַכט, ער ציט זיך אין דער הויך, קוקט מיט שטאָלץ אין דער נידער אַראָפּ, ער ווייס פון זיין גרויסקייט, ער ווייס, ווי הויך ער איז פון די מענטשן און פון דער ערד, וואָס פאַר אַ לייטזעליקייט גאָט האָט אויף אים אויסגעגאָסן, וואָס פאַר אַ גאָלדענע ליבע שטערן ער פאַרמאָגט און וואָס פאַר אַ טייערן שאַץ ער האָט — די לבנה, וואָס באַדט זיך אין אים. ער ווייס זיין פאַרמעגן, און ווי אַ גרויסער נגיד קוקט ער צו דיר אַראָפּ.

אַנדערש אָבער איז דער הימל, וואָס גאָט האָט דאָ אויסגעגאָסן אויף דער ערד. די ווייכסל איז אונדזער הימל, אַ הימל פאַר אַזעלכע געוויינלעכע, אָרעמע מענטשן, ווי מיר זיינען. דער ערדישער הימל גיסט זיך און גיסט זיך און מישט זיך אויס מיט אונדזער נשמה, גיסט זיך צוזאַמען — מיט אונז.

נישט ער באַנדזשעט, נישט ער באַנקעט — נאָר זיין ווייכע, מאַמעדיקע אויס־זיכט איז אונדז נאָענט. נישט פאָרכט האָסטו פאַר אים, אַז איינשלינגען וועט ער דיך, נאָר דו פאַרטרויסט זיך, פאַרזיכערסט זיך אויף אים, עס גלוסט זיך דיר דיין גאַנץ האַרץ פאַר אים אויסצוגיסן, אים אַלץ דערציילן, ווי פאַר אַן אייגענער מאַמען.

עס גלוסט זיך עפּעס אַזוי דעם. מענטש זיינע טרערן אין אים אַריינצוגיסן, אַז זיי זאָלן זיך צוזאַמענמישן מיט זיין וואַסער.

עס רינט דאָס וואַסער, איין כוואַליע יאָגט צו דער צווייטער, דאָס וואַסער גיסט זיך און גיסט זיך, און עס דאַכט זיך: עס זינגט אויס דיין ליד, עס דערציילט אַלץ, וואָס עס טוט זיך אָפּ אין דיין האַרץ, וואָס איז באַהאַלטן, פאַרבאָרגן אין דיין נשמה — און דיר ווערט אַזוי לייכט, אַז ווייניען גלוסט זיך דיר ווי אויף אַ מאַמעס אַ האַרץ.

גאָט, דאַכט זיך, האָט אויך אַראָפּגענידערט פון זיין כסא־הכבוד — פאַרלאָזט דעם הימל אין דער הויך — און אַריינגעגאָסן זיין גאַנץ לייטזעליקייט, זיין גאַנץ הייליקייט דאָ אין דעם אַויר, אין די לופט. עס דאַכט זיך, אַז גאָט האָט זיך אויס־געמישט און צוזאַמענגעגאָסן מיט אַלעם, וואָס איז אַרום און אַרום.

און די כוואַליעס רינען, גיסן זיך צונויף איינער מיט דער צווייטער, מאַכן שלום, שליסן אַחדות און בינדן זיך אָן מיט די אַנדערע כוואַליעס. יענע ווייטער קניפּן זיך צוזאַמען מיט די איבעריקע און דאָס וואַסער קושט מיט ליבלעכקייט, מיט לייטזעליקייט די ברעגן פון טייך.

פון עק וועלט קומט עס און ווערט פאַרלאָרן אין צווייטן עק וועלט.

און דער טוי פון די טיפע גרעזער שטייגט אין דער הויך, און עס גיסט זיך

צונויף, שוועבט און ווערט אַ צוזאַמענגעוועבטע חופּה פון טוי־פּעדעם מיט געטלעכע קושן — עפּעס האָבן זיך צוזאַמענגעשפּינט אין דעם לופטיקן אַויר געפרוירענע, פאַר־גליווערטע טרערן, וואָס קומען פון הערצער, וועלכע באָדן זיך אין גאַנצע קוואַלן ליבע און טרייסט, און די חופּה האָט אַרומגעהילט גאָטס באַשעפענישן.

און גאָטס באַשעפענישן זיינען פאַרטרונקען און פאַרזונקען אין גאַנצע קוואַלן פון ליבע און טרייסט.

איך זיץ ביים ברעג פון טייך.

עס הערט זיך דאָס געזאַנג פון דער נאַכט.

פון גאַנץ ווייט קומט צו שווימען דאָס קול, און ווי אַ חלום פליט עס דורך אין דעם אַויר, און עס קלינגט מיט מיט דעם ליבן אָפּקלאַנג פון וואַסער. עס שווימט באַלד אַוועק, דער וואַסער־שטראָם האָט דאָס קול מיטגעצויגן, צו ברענגען אַ גרוס אין עק וועלט אַהין.

אַ פויגל, ערגעץ, מע זעט אים נישט, פאַרבענקט זיך און גיסט אויס זיין פאַר־לאַנג אין זיין געזאַנג, און זיינע טענער שווימען צוזאַמען מיט אַ ווייטן אָפּקלאַנג, וועלכער רייסט דורך דעם שלייער פון דער נאַכט, און אַלץ ווערט ווידער פאַרלאָרן, און שטיל איז אין דער אומענדלעכקייט.

ביים ברעג זיץ איך און קוק אין וואַסער אַריין: אין דער הויך הענגט דער הימל מיט די שטערן.

אין די ערד טוליע איך אַיין מיין פּנים און איך בעט:

— גאָט, בעט איך, פאַרוואָס האָסטו דיין וווינונג געמאַכט אויבן אין הימל, זיך באַהאַלטן הינטער די וואָלקנס, קום אַראָפּ און דאָ אויף דער ערד מאַך דיין וווינונג — וואָס אַרט עס דיך, אַז די מענטשן וועלן ווערן מלאָכים? גאָט, בעט איך ווייטער, און לאָז אַראָפּ מיין פּנים צווישן די הויכע זאַנגען — פאַר וואָס האָסטו מיך אָפּגעזונדערט פון דיין וועלט? פּיס מיר געגעבן פון דאַנען אַוועקצוגיין? אויערן — צו הערן דאָס אַלץ, אויגן — צו זען דאָס אַלץ, אַפילו אַ האַרץ האָסטו מיר געגעבן דאָס אַלץ צו שפּירן און איך וויל נישט זען, וויל נישט הערן און וויל נישט שפּירן דאָס אַלץ, נאָר אויסמישן וויל איך מיך מיט דעם אַלעם, אויסגיסן דאָ מיין נשמה און צוזאַמענגיסן זיך מיטן פעלד, מיטן וואַסער, מיט דיין לייטזעליקן טוי, מיט אַלעם וואָס איז דאָ, אַז איינס זאָל איך ווערן צווישן זיי, אַיינגעפלאַנצט זאָל איך ווערן אין דיין גאָרטן, ווי אַ ביימעלע אין וואַלד, אַ גרעזעלע אין פעלד — אָבער נישט אַ פייגעלע, וואָס גיט קוים אַ פּיפּס און פליט באַלד אַוועק...

איך ליג מיט דעם פּנים פאַרבאָרגן צווישן די זאַנגען.

און די כוואַליעס גיסן זיך, נישט עס קלינגען די וואַסערן, נאָר עס קושט איין כוואַליע די צווייטע. פון דערווייטן קומען צושווימען יענע אומבאַשטימטע טענער און קושן דעם אָפּקלאַנג פון די כוואַליעס. ערגעץ פון אַ בוים שיקט אַ פויגל גלאַט אַזוי זיינע גערוסן אין דער וועלט אַריין--און דאָס אַלץ מישט זיך אויס איניינעם, און עס ווערט איין געזאַנג:

ווייך, קושנדיק.

און גאָט האָט זיין כּסא־הכּבוד פאַרלאָזט, אַראָפּגענידערט און אויסגעמישט זיך און צוזאַמענגעגאָסן זיך דאָ אין דעם קליינעם שטח מיט אַלעס, וואָס אַרום און אַרום.

און אַרומגעהילט האָט אַלץ אַ וואָלקן טוי.

ביים ברעג פון דעם טייך ליג איך, דאָס פּנים באַהאַלטן אין גראָז.

איך בעט שוין נישט. מיין תפילה איז שוין דערפילט געוואָרן.

איך הער שוין גאָרנישט, שפיר שוין גאָרנישט, זע נישט און פאַרשטיי נישט. גאָר עפּעס ווי איינגעפלאַנצט בין איך — איך וואַקס און לעב מיט אַלעם, אויסגעמישט און צוזאַמענגעגאָסן מיט אַלעם — איין אָפּקלאַנג אין דעם אַלגעמיינעם געזאַנג, איין פאָדעם אין דעם געוועבעכטס.

נאָר איך אַליין ווייס גאָרנישט און פאַרשטיי גאָרנישט — און אַלע לעבן מיר, און אַלע זינגען מיר, — נאָר מיר אַליין ווייסן נישט דערפון.

שלום אַש.

---

# אויפן יַם.

שווימט אַ שיף אין מיטן ים,
שווימט און וויגט זיך הער אין הין,
שיף, פון וואַנען? שיף, וווהין?... —
גייט אַ שיף אין ברייטן ים...

כמורנע, אומעטיק אויפן ים... עס דוכט זיך — נאָך האָט גאָט די וועלט ניט באַשאַפן. צווישן דעם קויטיקן הימל און דער ווייסטער אויבערפלעכע פונם וואַסער, אויף דער גאַנצער ברייט פונם וועלטלעכן תהו ובהו, שוועבט אַרום דער גייסט פון אַלמעכטיקן גאָט — אַ שטרענגער, אומפריינדלעכער און שווער־פאַרזאָרגטער גייסט. אומרויִק שליידערן זיך איינע אויף די צווייטע די טונקל־געדיכטע וועלן מיט די גרויע שוים־קעפּ. שווער איז דער אומעט פון פאַרטרויערטן ים און גרויס איז זיין אויפרעגונג. מענטשל, וווהין קריכסטו! מענטשל, וווהין רוקסטו זיך! אויף אַ שאָל פון אַ ניסל האָסטו זיך געלאָזן איבער די מעכטיקע וואַסערן. אַך, דו נעבעך־נעבעכל!...

פון אַלע מעגלעכע זייטן: פון טונקעלן אויבן, פון קאַלט־פייכטן אונטן, פון אומקלאָרן, אומבאַשטימטן האָריזאָנט־רינג — רוקט זיך אויף דאָס שיף אַ געהיימניספולע, שטאָק־בלינדע נאַכט. און ווי דאָס קרעכצן פונם שיף אין דעם אָן־אויפהער־געדויש פון די וועלן, אַזוי ווערט פאַרשלונגען די אומדרייסטע שיין פון די פענסטער — אין צו־זאַמענגעגאָסענעם נעפּל פון הימל, וואַסער און נאַכט. און בלויז איבער דער „נאָז“ פון שיף און איבער זיין הינטערטייל ציטערן קינדעריש־הילפלאָז צוויי עלנטע, פאַרלאָ־רענע וואַנדער־פּייערלעך...

קאַפּיטאַן, קאַפּיטאַן! זיינען מיר ווייט פון לאַנד?... איז גאָר איבערהויפּט פאַראַן ערגעץ פעסט לאַנד אויף אָט דעם וואַסער־מדבר? איז אָפּטמאָל די ערד נישט אַ חלום?...

ווייט, אָ, ווייט! זעסטו אָן דאָרטן הינטער אונדז, ווו דו זעסט גאָרנישט?... קאָנסטו איבערלויפן אין דיין געדאַנק צוריק איבער דעם לאַנגן, לאַנגן פליין, ווו מיר האָבן געלאָזן הינטער זיך אַזוי פיל העלע און פאַרצאָגטע טעג, אַזוי פיל בלאַסע און שוואַרצע נעכט?... דאָרטן — דאָרט גליט די ערד אין זונענשיין און שטייט, ווי גע־שמידט. און אַהער וואַרף אַ בליק, אין די צווייטע זייט. שפּירסטו די טעג און נעכט, וואָס קומען אונדז אַנטקעגן? אויך הינטער ז י י ע ר ע פּלייצעס צייכנט זיך שאַרף אַ לאַנגער, צעגלידערטער ערדפּאַס. דערווייל אָבער... ע... גיב אַכט! אַ וואַסערבאַרג גייט אויף אונדז!...

— — — אופ־ף!... פאַרביי...

---

טיפער אין טיפער זעצט זיך אויף אונדז די אַרומיקע נאַכט. שטיל און דער־שראָקן קרעכצט אונדזער שיף און צייטנווייז כליפּעט עס, ווי אַ קינד פון שלאָף.

און גייט. מ׳זעט נישט קיין פירער. געטריבן פון קרעפטן געהיימע, ווי אַ נאַכטוואַנדלער לויפט עס אין שלאָף.

געזאַלצענער, שאַרפער ווערט דער אָטעם פון שוואַרצן, צערודערטן ים, קיין מענטש אויסער מיר אויפן דעק. און פּנים אל פּנים פאַרבּרענגען מיר ביידע, איך און דער ים, אַ לאַנגע, אַ לאַנגע, און שלאָפלאָזע נאַכט.

אַהער, גוטער־בּרודער! גיבּ מיר דיין מעכטיקע, אַייז־קאַלטע האַנט. ווי גרויס און שטאַרק דו בּיסט, אַזוי קליין און נישטיק בּין איך, ווי אומבּאַגרענעצט עס איז דיין מאַכט, בּין איך נישט ווייניקער שוואַך און הילפלאָז. אָבּער ווי שרעקלעך דיין אויפרעגונג זאָל נישט זיין, בּין איך טויזנטער, טויזנטער מאָל צערודערטער און אומרויִקער...

גרויס איז די אומרו פון קליינינקן מענטשעלע.

זע! זעלטן־ווען רייסטו זיך אַריין אין מאַנכע פון מיינע שטעט און דערפער. און איך דיך — האָבּ אין דער לענג און אין דער בּרייט נישט איינמאָל דורכגעשפּרייזט, דיינע טיפענישן געפאָרשט, און — צו קליין בּיסטו פאַר מיר... ווען דו צעבּייזערסט זיך דאַן — אָ, געוויס! — קוקט דער טויט פון דיינע אויגן. אָבּער ווען איך, ווען איך ווער צעווילדעוועט, דאַן בּליצט פון מיינע — שגעון!... כאַ־כאַ.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער טאָג גייט.

די וואָלקנס ווערן דורכזיכטיק, שיטערער, רייסן זיך ערטערווייז און אַנטפּלעקן דעם מאַט־אויסגעבּלייכטן הימל. דאָס געוויש פון די וואַסערן פאַרלירט זיין שרעקנדן כאַראַקטער: די ווען שפּילן זיך פאַרשייט און לוסטיק, אַ בּיסל ווילד, ווי צעלאָזענע קינדער. גרויס און שטראַלנד שטייגט עמיצער אַרויף דאָרט ווייט, בּיים בּרעג פון ים און הימל, און זיינע בּליקן פאַרטרייבּן די לעצטע שאָטנס פון דער פאַרשטאָרבּענער נאַכט. שיין וועט זיין דער טאָג, וואָס קומט אָן אויף אונדז!

איך קוש דיין קאַלטע, טויטע האַנט, מיין ליבּע, ליבּע מוטער נאַכט! שיין וועט זיין דער טאָג, וואָס גייט געבּוירן ווערן, אָבּער אויך דיך, מיט דיין טיפן, האַרציקן אומעט, וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

ל. שאַפּיראָ.

# ביימער.

אין אַ ברייטער אַלעע שטייען ווי־זאַ־ווי צוויי ביימער. עס קומט דער פרילינג מיט גאָטס זעגן, מיט פריש לעבן, מיט בלומען, טוי און געזאַנג... עס קומט דער פרילינג און די טרויעריק־געבויגענע ביימער גלייכן זיך אויס! עס ווערט אַלץ וואַרי־מער און וואַרעמער. די שמעקנדיקע ווינטלעך בלאָזן לייכטער, לוסטיקער און פריילע־כער; די זון ווערט מילד און פאַרשווענדעריש; גאַנצע בינטן ליכט פליען אין דער לופטן, די צווייגן ווערן גרין און גרינער, זיי צעוואַקסן זיך אין אַלע זייטן און ווערן מיט בליטן און בלעטער באַדעקט.

און די רייכע גליקלעכע ביימער בויגן זיך צו איינס צום צווייטן: עס מישן זיך אויס די צווייגן, עס האַלדזן זיך די בלעטער, עס קושן זיך די בליטן! פון ביידע דערווייטערטע שטאַמען טרייבט זיך אַרויף די שֶפע ביז דער קרוין פון לעבן און ליבע, וואָס האָט זיי אַצונד צוזאַמענגעפאָרט!

גליקלעכע ביימער! גליקלעכע ליבע! דער בלאָער הימל איז איבער זיי די חופה, די געפליגלטע קאַפעליע שלעפערט זיי איין מיט זיסע טרעלן, זיי חלומט זיך אייביק גליק און זיי פאַרגעסן זיך איינס אינם צווייטנס אָרעם...

---

עס בלאָזט אַ קאַלטער ווינט... עס פאַלן אַראָפּ די בליטן, און די נאַקעטע בלעטער טוליען זיך דערשראָקן איינס צום צווייטן... עס בלאָזט נאָך קעלטער... די פייגל געזעגענען זיך טרויעריק און פליען אַוועק... זיי קענען אָן וואַרעם און ליכט ניט זינגען, ניט לעבן... עס בלייבן נאָר קראַנקע, וואָס דער שניי וועט באַגראָבן...

דער הימל באַדעקט זיך מיט אַ גראָען וואָלקן, עס הייבן אָן פאַלן די בלעטער; גאָלע, טרויעריקע צווייגן כאַפּן זיך אויף פון זיסן שלאָף, זייערע זיסע חלומות פאַרשווינדן... זיי ציען זיך איין, זיי ווערן קירצער און קירצער...

עס פאַלט דער ערשטער קאַלטער שניי, — די ביימער האָבן זיך צוריקגעצויגן איינער פון צווייטן, זיי שטייען שוין צוריק אָפּגערוקט ווייט מיט די שטאַמען צוגלייך... זיי האָבן שוין איינס דאָס אַנדערע פאַרגעסן... אָט שטייען זיי שוין פרעמד, קאַלט, קוקן אויף זיך מיט בייזע אויגן... און אונטן גייט אַ מערדערישע מלחמה צווישן די וואָרצלען איבער אַ טראָפּן זאַפּט...

צו וועט נאָך צוריק זומער ווערן?

— איך וועל אים שוין ניט דערלעבן! צאַפּלט און גוססט איין איבערגעלאָזטע שוואַלב אין שניי.

— קראַ—קראַ—קראַ! רופט לוסטיק די שוואַרצע גַנבטע, די קראָע—עס וועט שוין קיינמאָל קיין זומער ניט זיין — און לאָזט זיך אַראָפּ מיטן שאַרפן שנאָבל צו דער פאַרפראָרענער ערד.

— פּההי! אויס זומער! בלאָזט דער קאַלטער ווינט...

י. ל. פרץ.

---

* * *

אויפן ברעג פון טייך זיץ איך, אין שאָטן פון וואַלד.

בלוטיק איז אונטערגעגאַנגען די זון, זילבערן־בלאַס איז אַרויסגעשווומען די לבנה... אין קרישטאָלענעם וואַסער־שפיגל שלאָגט זיך אָפּ דער הימל... און דער אָפּ־געשפיגלטער זעט מיר אויס שענער, פיינער און עכטער... אַ שאָד וואָס ער צערייסט זיך אָפּט!... אַ שטיל ווינטל טרייבט, דער וואַסערשפיגל רייצט זיך, רונצלט, שרומפּט אַיין...

שטיל רווישן די בלעטער, שטיל ציטערן די וואַסער־רעדלעך אויפן טייך... שטיל גיסן אויס די בלומען זייער אָטעם, שטיל... פון ווייטן טרילערט עפּעס אַ פויגל...

איך זיץ ווי פאַרכשופט... איך עטעם אויף אַ נייער וועלט אין אַן אַנדערער, ריינער, הייליקער לופט... פריש איז דאָ אַלץ און ניי, ווי ערשט פון באַשעפערס הענט אַרויס...

עס בענקט זיך דאָ אַזוי זיס... מע קריגט דאָ אַלץ אַזוי ווייכהאַרציק־ליב, עס גיסט זיך אַזוי אַלץ צוזאַמען מיט דער נשמה...

אַ שוואַרצער פלעק באַווייזט זיך אויפן טייכל פון ווייטן... אַ קליינער פישער־קאַן... דאָס וואַסער רוישט עס ליבלעך אַרום, עס באַוואַרפט עס מיטן שוים ווי מיט וויסע, דראָבנע בלימלעך, און די פאַליע לעכצט און קושט עס אויס אַלע גלידער... מיין באַקאַנטער וואַסיל, אַ יונגער שטאַרקער פישער, רודערט און זינגט:

מיין הימל, מיין הימל — דיין פנים;  
די אויגן דיינע — די שטערן.  
דער ריינסטער קלאַנג פון גן־עדן  
לאָזט אין דיין שטימע זיך הערן...

דו ביסט מיין ליב׳, מיין נשמה.  
צי וואָלט איך אָן דיר דען געלעבט?  
פון דיינע, די ליכטיקע שטראַלן  
איז זי, מיין נשמה, געוועבט!

דו ביסט מיין ליב און מיין ליידן!  
פון האַרפע דער גאָלדנסטער קלאַנג!  
פון די ליפּן פון דיינע דער כשוף —  
דאָס איז מיין איינציק געזאַנג!

ער זינגט שוין נישט און דאָס ליד ציטערט מיר נאָך אין די אויערן...

דאָס זעלבע איז מיטן טייך, מיטן וואַלד... יעדעס בלאַט, יעדעס רעדל אויפן וואַסער זינגט עס... דאָסזעלבע טרילערט פון ווייטן די שטילע, זיסע נאַכטיגאַל; מיט דעמזעלבן עטעמט יעדע בלום... אַלץ איז צוזאַמענגעגאָסן אין איין פאַרלאַנגען, איין בענקעניש, איין נשמה...

י. ל. פּרץ (פון „אַ זומער־ווינונג״).

---

* * *

... אין דעם זיינען דאָ — זאָגט דער ראש־ישיבה — אַ סך בחינות: איינער קען אַ שטיקל, איינער אַ האַלבן, איינער אַ גאַנצן נגון. — דער רבי, ז״ל, האָט געקאָנט אַ גאַנצן נגון, אַפילו מיט אַ צושפּיל! — איך (האָט ער צוגעגעבן טרויעריק) האָב קוים די זכיה צו׳ן אַ פּיצעלע, אָט אַזוי גרויס...

— עס איז פאַראַנען אַ נגון, וואָס מוז האָבן ווערטער... דאָס איז גאָר אַ ני־דעריקע בחינה... עס איז פאַראַנען אַ העכערע בחינה: אַ נגון, וואָס זינגט זיך אַליין, גאָר אָן ווערטער — אַ ריינער נגון! נאָר דער נגון דאַרף נאָך האָבן אַ קול. און ליפּן, דורך וועלכע דאָס גייט אַרויס! און ליפּן — פאַרשטייסטו — זיינען דאָך גשמיות! און דאָס קול אַפילו, עס איז אַן איידעלער גשמיות, גשמיות איז עס!

לאָז זיין, אַז דאָס קול שטייט אויף דער גרענעץ צווישן רוחניות און גשמיות! נאָר סיי ווי סיי דער נגון, וואָס הערט זיך מיט אַ קול, וואָס הענגט אָפּ פון די ליפּן, איז נאָך נישט ריין, נאָך נישט אינגאַנצן ריין... נאָך נישט קיין אמתער רוחניות!...

דער אמתער נגון אָבער זינגט זיך גאָר אָן אַ קול... עס זינגט זיך אינעווייניק, אין האַרץ, אין די געדערעם!

אָט, דאָס איז דער סוד פון דוד המלכס ווערטער: „כל עצמותי תאמרנה"... אינם מאַרך פון די ביינער דאַרף זינגען, דאָרט דאַרף זיין דער נגון — דער העכסטער שבח פאַר גאָט ברוך הוא! דאָס איז נישט דער נגון פון אַ בשר ודם, דאָס איז קיין אויס־געטראַכטער נגון! דאָס איז שוין אַ חלק פון נגון, מיט וועלכן גאָט האָט די וועלט באַשאַפן; פון דער נשמה, וואָס ער האָט אַריינגעגאָסן אין איר...

און אַזוי זינגט די פּמליא של מעלה! אַזוי האָט געזונגען דער „יוד", זכרונו לברכה!

י. ל. פּרץ. פון „מקובלים".

---

* * *

... אין מיטן שטילן גערויש פון ביימער איז אַרויסגעשווומען אַ שטילער, זיסער שטילער נגון...

און דעם נגון, האָט זיך געדאַכט, האַלט אונטער אַ גרויסע, נאָר אַ שטילע קאַ־פּעליע משוררים: דאָס האָבן גערוישט די ביימער אין וואַלד...

שטיל און האַרציק האָט זיך דער נגון געקלאָגט; געבעטן זיך רחמים, ווי אַ קראַנקער בעט אויף זיין לעבן...

דערנאָך הייבט דער נגון אָן צו זיפצען; צו בעטן זיך מיט קורצע אויסגעשרייען. מע פילט, אַז עמיץ קלאַפּט זיך אין האַרץ אַריין „על חטא", — צי איז עס יום־כפּור, צי זאָגט עמיץ ודוי?

נאָר העכער, און אין־איין־וועג צעבראָכענער, ווערט דאָס קול: וואָס אַמאָל אָפּגעריסענער, ווי פון טרערן דערשטיקט, ווי פון יסורים איבערגעהאַקט, — דערנאָך עטלעכע טיפערע זיפצן, אַ שאַרפער אויסגעשריי; איינער... אַ צווייטער און פּלוצלונג רייסט זיך עס אינגאַנצן אָפּ, שטיל, — עמיץ איז געשטאָרבן...

דער נגון וועקט זיך ווייטער אויף, און ער פאַלט שוין אַריין אין הייסע, ברענענדיקע געשרייען. און די געשרייען פליען, יאָגן און פּלאָנטן זיך; עס ווערט אַ הימל־געשריי, אַ יאָמער — ווי ביי אַ לויה!

און אינמיטן דער לויה שווימט אַרויס אַ דין, ריין קינדיש קול; איז עס נאַס, ציטעריק און דערשראָקן, — קדיש זאָגט אַ קינד!

און עס גייט איבער אין אַ שטייגער: הורדיות, דמיונות, טויזנטער געדאַנקען, וואָס גייען לאַנגזאַם איבער אין זיסע, באַרעמהאַרציק־זיסע מעלאָדיען... עס טרייסט, עס רעדט איין... און מיט אַזאַ גוטסקייט, מיט אַזאַ מסירת־נפש, מיט אַזאַ פעסטן גלויבן, אַז עס ווערט ווייטער גוט, ווייטער זיס; עס גלוסט זיך ווייטער צו לעבן. עס ווילט זיך לעבן; עס ווילט זיך האָפן!... אויסגעגאַנגען זיינען שיר די מענטשן...

י. ל. פּרץ.

(פון „אַ גלגול פון אַ נגון").

* *
*

מיר האָט געטרוימט:

אויפן שיידוועג בין איך געזעסן און געוואַרט, ביז די זון וועט אויפגיין...

בלייכער און בלייכער זיינען געוואָרן די שטערן... אַ צאַרטער גרויער פליגל האָט געוויִיט אין לופטן, און פון פליגל האָבן זיך געשאָטן און געפאָכעט בלאַסע בענדער, און די גאַנצע פינסטערניש איז אַליין פון זיך פאַרשווּנדן...

די פינסטערניש איז אינם בלאַסן שיין פאַרשלונגען געוואָרן...

בלייכער און בלייכער זיינען געוואָרן די שטערן — אין דעם הימל זיינען זיי איינציקווייז פאַרשווּנדן... דער הימל האָט זיי צוריק אין זיין טיפעניש אַריינגענומען...

נאָר איינער, דער מאָרגנשטערן, איז אויפסניי געבאָרן געוואָרן, נייע כּוחות אָנ־געקליבן. ער האָט אויף אַלע זייטן שטראַלן געוואָרפן, געוווּנקען:

„די זון וועט באַלד אויפגיין"!...

אַ לאַנגער, דורכזיכטיק־ווייסער וואָלקן, וואָס האָט נאָך פון דער נאַכט גערוט, געדרעמלט איבערן מזרח־האָריזאָנט — האָט פּלוצלונג אָנגעהויבן ראָז צו ווערן — און ער האָט זיך אינגאַנצן גענומען טרינקען אינם גרויסן שטראָם פון מאָרגן־ליכט...

און דאָס מאָרגן־ליכט איז דאָס מאָל ווייכער און זאַנפטער ווי שטענדיק גע־ווען... ס'האָט ניט געברענט, נאָר געגלעט...

און דער וואָלקן האָט זיך ניט אָנגעצונדן — נאָר אַליין האָט ער זיך פאַרוואַנדלט אין אַ צאַרטן, דורכזיכטיקן, אויף ראָז געפאַרבטן שניי...

אַ קינדיש־ראָזער שמייכל האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דעם גאַנצן מזרח, און פון דאָרט האָט זיך דער פרימאָרגן־שמייכל צעשפרייט און באַפלייצט אַלץ, וואָס אונטערן הימל און אין הימל... — — — — — — — — — — — — — — —

אין רעכטן מזרח האָבן זיך די אונטערשטע בּרעגן פון הימל פונאַנדערגעצויגן, פריילעכער און צאַרטער ווי שטענדיק. אונטערטאַנצנדיק האָט זיך די' זון באַוויזן און אַלץ העכער אַרויסגעשווומען.

און פון ביידע זייטן זון, ביי אירע ראַנדן, האָבן זי פעסט אַ פּאָר הענט געהאַלטן...

דיינע הענט האָב איך דערקענט!

און ווען די זון האָט זיך גענומען אָפּטיילן פון האָריזאָנט, האָבן זיך אונטער איר דיינע לאָקן — דורכזיכטיקע, ליכטיקע שטראַלן — באַוויזן.

און דיינע הענט האַלטן פעסט פון ביידע זייטן די ראַנדן פון דער זון, און דער אונטערשטער בּרעג פון דער זון איז אויף דיין קאָפּ אָנגעשפּאַרט...

און דיין קאָפּ דערהויבט זיך אַלץ שטאָלצער און מעכטיקער אַרויס פון אונטער דער ערד... אָט איז שוין דיין האַלדז... דיינע אַקסלען... אָט איז שוין דער גאַנצער ליכטיקער קערפּער.

און דיין לייב האָט זיך אין אַ שטיק מאָרגן־הימל פאַרוואַנדלט...

די זון האָט אַלץ העכער געשטיגן, בּיז דיינע טריט האָבן זיך שוין אויפן האָ־ריזאָנט באַמערקט: בּיסט אויף די שפּיצן פינגער געשטאַנען און האָסט געוואָלט אַלץ העכער די זון אויפהייבן — — — — — — — — — — — —

— — — און דיינע אויגן...

דיינע אויגן, וואָס אי'ך זיי האָט געבּרענט דאָס ליכט פון אַלע וועלטן, האָבן צו מיר געקוקט.

זיי האָבן צו מיר געשמייכלט...

אין דיינע אויגן איז געלעגן דער גליקלעכער אויגנבליק פון אַלע וועלטן, פון אַלע באַשעפענישן אויף דער ערד, ווען זיי טרוימען אַמאָל, און זייער טרוים איז ליכט...

פון דיינע אויגן האָט זַרויסגעוואונקען דער גרויסער וועלט־שעפער; אין זיין פּנים האָט גערוט דער גליקלעכער שמייכל, וואָס ציטערט אין לופטן ביי יעדן זונאויפגאַנג...

מיך האָבן די שטראַלן אַרומגענומען און אַרומגעשפּונען פון אַלע זייטן... איך בין אין אַ הייליקן פרימאָרגן-נעץ געפאַנגען געוואָרן, און כ׳האָב געשפּירט:

פאַרבאָרגענע הענט נעמען שטיל צונויף די בּרעגן פון נעץ און הייבן מיך פון מיין אָרט אויף... רייסן מיך אָפּ פון דער ערד און טראָגן מיך צום העלן מזרח, צום זונאויפגאַנג...

דו ביסט שטיין געבליבן אויפן האָריזאָנט, טראָגנדיק אויפן קאָפּ דאָס ליכט פון אַלע וועלטן און גאַנצן לעבן, און האָסט געוואַרט אויף מיין קומען...

און ווען די פאַרבאָרגענע האַנט האָט מיך צו דיר געבראַכט, האָסטו די זון אַיינגעלאָזן און מיך אין דיינע אָרעמס אַריינגעכאַפּט — — — — — — — — — — — — — — — — — איך האָב מיין קאָפּ, מיין עלנטן, פאַרבאָרגן אויף דיין בּרוסט און כ׳האָב געשפּירט — דיין ברוסט האָט ווי דאַן געציטערט... דיינע אָרעמס האָבן מיר אַלץ פעסטער געדריקט צו זיך און כ׳האָב געשפּירט:

די זון האָט זיך אַרויסגעשלייכט און דערווייטערט זיך, דערווייטערט זיך פון אונדז — — — — —

כ׳האָב מיין קאָפּ אויף דיין בּרוסט פאַרבאָרגן — נאָר כ׳האָב געשפּירט מיט אַלע מיינע גלידער, מיט מיין גאַנצן וועזן:

ס׳ווערט פינסטער אַרום אונדז...

הינטער אונדזערע פלייצעס שוועבט און טראָגט זיך אַ שפּאָט־שמייכל...

עס וועבט זיך אַרום אונדז אַ נעץ פון שאָטן, פון נאַכט־פעדעם... פאַרבאָרגענע הענט וואַרפן אונדז ביידן אין נעץ אַריין און טראָגן אונדז אַוועק פון האָריזאָנט — איך פאַרכט מיר צו עפענען מיינע אויגן...

איך פאָרכט מיר אָפּצורייסן מיין קאָפּ פון דיין בּרוסט... אויף מיר פאַלט אַן אימה אָן. איך ווער אין פאָרכט אַיינגעהילט — מיין האַרץ וויל צעריסן ווערן... אַ פאַרבאָרגן געפיל רייסט מיך, וועקט מיך, איך זאָל אויפוואַכן, איך זאָל אויפוואַכן — — און כ׳האָב אויפגעוואַכט — — — — — — — — — — —

— — — ס׳הערשט ווי פריער די גרויסע נאַכט, און פון דער נאַכט אַרויס ווינקט צו מיר מיין לאַנגער, אומענדלעך לאַנגער וועג...

* * *

אין פליגלען ווערט דער מענטש געבאָרן. צאַרט זיינען זיי, ווי דאָס ליכט פון מאָרגנשטערן, און ווי שטערן־שטראַלן הילן זיי דעם גאַנצן מענטשן־קערפּער אַיין...

ווייל איז צו דעם, וואָס האָט פון געבאָרן־טאָג אָן זיינע פליגלען געשפּירט.

ווויל איז צו דעם, וואָס האָט צוגלייך גיין און פליען געלערנט.

ווער עס מערקט ניט אויף זיך די געטלעכע פליגל, ווערן זיי ביי אים אין אַייזערנע רייפן פאַרוואַנדלט; זיי וואַקסן זיך צונויף מיט זיין אייגענעם לייב און ער ווערט אין זיין אייגענעם איך געפאַנגען.

פּרץ הירשביין. פון „וואַנדערער־טרוימען.“

# מיין בענקשאַפט.

שאָטנס קריכן, שאָטנס פאַלן פון אונטן און פון אויבן; פון דעכער און פון הינטער-געסלעך. אָט זע איך, ווי זי גייט שוין צו מיר, זי גייט צו מיר מיין בענק-שאַפט. שטיל ווי אַ שאָטן צווישן שאָטנס שווימט זי גלייך צו מיר, גלייך צו מיר. אירע הענט זיינען אַזוי איידל און שטאָלץ צונויפגעלייגט אויף איר ברוסט, און די פינגער באַהאַלטן זיך אין טונקעלע פאַלדן, געוועבטע פון שאָטנס. אַ הויכע, שוואַרצ-חנוודיקע, אַ זיכערע אין איר שיינהייט גייט זי גלייך צו מיר, און גלייך אויף מיר קוקן אירע טיפע אויגן...

פאַרביי איר און אַרום איר, אויף די גראָע טראָטואַרן, לויפן פאַרביי צענד-ליקער און הונדערטער מענטשן און מענטשלעך. אָבער זי, מיין בענקשאַפט, באַמערקט זיי קיינעם ניט, מיידט זיי אויס אַלעמען, אַלעמען. אירע אויגן זעען נאָר מיך, נאָר מיך.

זי גייט, זי גייט, זי גייט...

קום שוין גיכער, צו מיר, מיין איין איינציקע בענקשאַפט. דיינע פאַלדן זיינען זויך, דיינע פאַלדן זיינען טונקל, אַזוי ווי זומער-שאָטנס, און פון דיינע פולע, טונ-קעלע ברוסטן שלאָגט אַ דינער, דינער ריח פון טרערן און האַלב-געשטאָרבענע פיילכן, און אויף דיינע ליפן גוססט אַ מעלאָדיע אָן ווערטער, אָן טענער.

קום שוין גיכער, גיכער... דורכן פענסטער, דורך דער טיר. דיר איז דאָך אַלץ איינס, דו קענסט דאָך אַפילו דורך אַ וואַנט דורכקריכן, דו קענסט זיך דאָך אַפילו פון באַלקן אַראָפּלאָזן. קום גיכער, — וואָס גייסטו אַזוי לאַנגזאַם? ווי אַ שאָטן צווישן שאָטנס שוועבסטו. קום שוין, נעם מיך שוין אַרום מיט דיינע ווייכע אָרעמס.

דו ביסט שטום, גאָט האָט דיך מיט קיין קול ניט באַשאָנקען, און דיינע ליפן זיינען שטענדיק צוזאַמענגעדריקט. איך האָב קיינמאָל ניט געזען די פאַרב פון דיינע ציינער. כ׳ווייס ניט, צו זיינען זיי אַזוי ווייס, ווי פערל, צו טונקל ווי דיין הויט; איך פיל זיי נאָר ווען-ניט-איז, ווען דו כאַפּסט זיך צו מיר צו קושן מיך לאַנגזאַם, ציטריק און אומעטיק. דו קענסט ניט קושן אָן ציינער, דו קענסט ניט... זיי בייסן מיר איין שטילערהייט מיין פלייש, ווען דו קושט מיך, און לאָזן מיר אַריין אין מיין בלוט אַ זיסן גיפט, און מיר איז דאַן אַזוי גוט, און מיר איז דאַן אַזוי ביטער...

שטום ביסטו, מיין בענקשאַפט, אָבער אָנשטאָט דיין מויל ריידן דיינע אויגן, זיי שטעכן מיך און גלעטן מיך. לאַנג אויסגעשניטן זיינען זיי אונטער דיין הויכן שטערן, ווי גרויסע מאַנדלען, און שוואַרץ זיינען זיי און באָדן זיך אין בלאָע וויים-לען — ווי אויגן פון מצרים-פרויען. און טיף זיינען זיי, צו וואָס זאָל איך גלייכן זייער טיפקייט? כ׳וואָלט עס געגליכן צו אַ הימל אין אַ זומער-אָוונט, צום אוקיאַנוס, צו דער פאַנטאַזיע פון אַ גאון. אָבער אין דיינע אויגן געפינען זיך אי דער הימל, אי דער אוקיאַנוס, אי דער גאון, אי אַלץ, אַלץ... און מיט גלות השכינה איז דאָס אַלץ אָנגע-זאַפּט, מיט גלות השכינה, מיט גלות השכינה.

ניין: רייד נישט, רייד נישט... בלייב בעסער שטום. דיין קול קען דערשרעקן און צעטרייבן די אומעטיקע, באַפליגלטע וועלטן, וואָס דיין בליק רופט אַרויס. נעם מיך אַרום נעענטער ביים האַרצן מיט איין האַנט, און מיט דער אַנדער האַנט הייב אויף מיין אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און קוק אין מיר אַריין גלייך און טיף אַזש ביז די וואָרצלען פון אַלע אָדערן. און שווייג און שווייג... מע דאַרף נישט ריידן, מע דאַרף נישט...

ז. שניאור.

---

Ex bibl. univ. Tar

# ליבּע=מאָטיװן.

דער בלאַסער בת-מלכּה, נאָך װעלכער איך בּענק
אוי װעל זי נישט קײנמאָל געפינען.
פאַר דער, װאָס איך פלעג אין די זילבּערנע נעכט
די תּאַרציקסטע מעשׂהלעך שפּינען.

נאָך דער, װאָס איך גאַר אין די ליכטיקע טעג
און זוך אין די ראָזע פאַרנאַכטן.
דער יונגער פּרינצעסין, װאָס װײנט ערגעץ-װוּ,
ערגעץ=װוּ אין אַ שלאָס אַ פאַרמאַכטן.

(דוד אײנהאָרנס װידמונג צו זײן בּוך
„שטילע געזאַנגען״)

## דאָס ליד דער לידער=שלמהס

(שיר השירים אשר לשלמה).

## פּ אָ ר װ אָ ר ט.

„שיר השירים״ איז אַ זאַמלונג פון שעפער=טאַנץ=װײן= און האָכצײט=לידער, װאַרפט אַ רעטראָספּעקטיװע פלאַם אויף אַן אַלט=העברעישן װינקל פון אַ גאַנץ אומבּאַקאַנטן לעבן. עס בלאַנקט אויף אַ נאַטור, ניט אין „בּרכי=נפשי״=סטיל געשילדערט; זי רעדט צו אונדז אויסשליסלעך פון—ליבּע! פון דער ליבּע, װאָס װעקט זיך צוזאַמען מיט דער נאַטור.

די געגנט: בּײ בּעל המון, װוּ שלמה האָט זײנע װײנגערטנער און זײן װײנהויז, װוּ די געמישטע יוגנט זאַמלט זיך, קוים „װײכן די שאָטן, װאָס לײגן זיך אויף דער זון, און עס קילט זיך דער טאָג״.

אויסער שעפער=לידער, דעם שולמית=טאַנץ און זײן רעזולטאַט—די שולמית. ליבּע, גײט דורך, אלס אַ גאַנצע פאַבּולע, די ליבּשאַפט צװישן שלמה און אַ װײנבּערג=היטערין, װעלכע ער בּאַגעגנט, פירט אין װײנהויז אַרײן, פלאַנצט איבּער איר זײן ליבּעס=פאָן און זי דערקלערט זיך אים אין ליבּע.

דער װינטער צעשײדט, דער פרילינג קומט. מיט אים װעקט זיך די ליבּע אויפסנײ, ער רופט זי אַראָפּ פון דער פעלזן=הויך, װוּ זי װײנט איבּער די װײנבּערג—די ליבּשאַפט גײט אויפסנײ.

צו=הויז בּענקט זי נאָך אים. טרוימט װעגן זײן קומען. עס געשיט. ער װערבּט װעגן איר בּײ די בּרידער. זײ צװײפלען אָבּער װעגן איר רײפקײט און יונגפרוילעכקײט=זײ האָבּן זי דאָך אין צאָרן פאַר אַ היטערין צום װײנבּערג געשטעלט, אויסן אויג געלאָזט. זי פאַרזיכערט, אַז זי איז רײף און יונגפרוילעך. זי בּאַגליקט אים! זי זאָגט זיך אָפּ פון כּלה=גאָב, נאָר „צװײ הונדערט״ פאַר די בּרידער אויסקויף=געלט.

## בּאמערקונגען:

1) לויט דעם טעקסט רעדט „זי״ צו אים אין דער דריטער פּערזאָן און גײט בּאלד אריבּער ערמוטיקט צו דער צװײטער.

2) די פּערזמאָס פון דער איבּערזעצונג איז אונטערגעװאָרפן דעם אינהאַלט, צוליבּ דעקלאַמאַציאָן.

3) װאָס אַנבּאַלאַנגט פאַרגלײכונגען מיט „ראָס״ (פערד) און רײטװאָגן, מוז מען זיך פאָרזעצן אין דעם פּרימיטיװן אָריענט, װען דער רײטװאָגן איז געװען דאָס נײסטע און דאָס שענסטע, צו װער צײט פון אײן: „אבי, אבי, רכב ישראל ופרשיו״.

1.

זאָל ער קושן מיך,
קושן מיט זיין מויל—
דען דיין פריינדלעכקייט
ליבער שמעקט אַלס וויין.

צום גערוך ווי פיין
דיינע איילן זיינען;
און דיין נאָמען שוין [1]
איז אַ תּורק אייל!

די יונגפרויען אַלע
ליבן דיך דאַרום!

אָ, צי מיך, צי,
מיר לויפן דיר נאָך;
ברענגט דער קיניג מיך
אין זיינע קאַמערן! [2]
וועל'מיר לוסטיק זיין,
פרייען זיך מיט דיר!

און דערמאָנען וועל'מיר. [3]
נישט אַזוי דעם וויין,
ווי דיין פריינדלעכקייט!
ווי טריי מיר ליבן דיך!

---

— שוואַרץ בין איך. דאָך שיין,
ירושלימס טעכטער, —
ווי די קדר=צעלטן,
ווי די פאָרהענג שלמהס!
נישט קוקט, וואָס ברוין איך בין,
מיך האָט די זון געברוינט!
ס'האָבן מיינע ברידער מיר,
מיינער מוטער=זין [4] געצירנט,
און צום וויינבערג מיך
אַלס היטערין געשטעלט, —
האָב איך דעם וויינבערג=מיין
נישט געהיט!

2. [5]

— אָך, זאָג מיר דו,
וואָס מיין זעלע ליבט,
וו, פיטערסטו,
וו, לאַגערסטו —
צו מיטאָג=צייט?
נאָך וואָס אויסזען זאָל ביי לייט,
אַז איך לויף [6] די הערדן נאָך
פון דיינע קאַמעראַדן?
— ווייסט עס נישט,
דו שענסטע פרוי?
גיי נאָך די טריט
פון שעפעלעך, —
און פיטער דיינע ציקעלעך
ביי די שעפער=צעלטן.

---

צו דעם ראָס אין פּרעה'ס וואָגן
גלייך איך דיך, אָ, ליבסטע מיין! [7]
אָך, ווי שיין עס זיינען דיינע
באַקן אין די קייטעלעך
און דיין האַלדז אין שנירן!

גאָלדענע קייטעלעך מאַכן מיר דיר,
מיט זילבערנע פליטערלעך!

[illegible]יילט דער קיניג נאָך
מיט זיין באַגלייט [8]

---

1) דיין ליבּ, דיין רוהם.
2) אין וויינהויז.
3) געדענקען, דאנקבאַר דערמאָנען.
4) אין פּאָליגאמישן מוטער-הויז הערשן די ברידער.
5) שעפער-ליד, דועט.
6) „עטה" — עטה אל השלל, יאָגן, לויפן נאָך וואָס.
7) רעיה — שעפערין, פריינדין, געליבטע
8) אַפּוואַרטנדיק איר פּערפומירונג.

און מיין נאַרד
האָט אויפגעדופט!

אַ בינטל מירא
איז ער, מיין געליבטער, מיר,
אַ באַלזאַם=שטענגל איבער מיר
פון עין=גדיס גאָרטן...

– שיין ביסטו, געליבטע מיין, [1]
שיין!
אויגן — טויבן גלייך!
—שיין ביסטו, געליבטער מיין,
און זיס!
און פריש און גרין
איז אונדזער בעט! [2]
אונדזערע הייזער
פון צעדער געבאַלקט, [3]
די גאַלעריע—ציפּרעסן!

4.

—איך בין די ליליע פון שרון,
איך בין די רויז פון טאָל!

— וואָס די רויז איז צווישן דערנער—
מיין געליבטע צווישן פרויען!

—וואָס דער עפל=בוים אין וואַלד—איז
מיין געליבטער צווישן מענער!

גלוסט זיך רוען אין זיין שאָטן.
שמעקן זיס די פּרוכטן=זיין [4]

---

האָט צום וויינהויז מיין געליבטער
מיך געפירט!
און איבער מיר אויפגעפלאַנצט
זיין ליבעס=פאָן.

אָ, קרעפּטיקט מיך מיט טרויבן=זאַפט!
און מיט עפל לעקנט מיך אונטער
איך בין ליבעס=קראַנק!

אונטער מיין קאָפּ —
זיין לינקע האַנט,
און זיין רעכטע
האַלדזט מיך אום...

איך באַשווער אייך,
אָ, ירושלימער טעכטער,
ביי דעם הירש
און רעה אין פעלד —
וועקט די ליבע נישט!
וועקט זי נישט,
ביז זי בליט נישט אויף אַליין!

5.

אָ, די שטים!
מיין געליבטער קומט!
שפּרינגט שוין איבער די בערג,
היפּט שוין איבער היגל, —
דעם רעה,
דעם יונגן הירש צוגלייך!
אָט שטייט ער שוין הינטער דער וואַנט!
דורך די פענסטער קוקט ער,
דורך די גראַטן בליקט ער!
רופט זיך מיין געליבטער אָן,
זאָגט צו מיר:
שטיי, מיין געליבטע, אויף!
לאָז דיך גיין! [5]
דען דער ווינטער איז פאַרביי,
געוויכן איז די רעגן=צייט.
שפּראָצן האָבן זיך באַוויזן
איבער דער ערד!

---

1) געזאַנג ביים ויין — שעפער-ליד.
2) זיך-בעט ביים טרינקען, (ביי אחשורוש—מטות זהב וכסף).
3) אין פרייען — אין שאָטן פון צעדערן.
4) ע׳ — דער בוים; די פרוכט — זיינע ליבקאָזונגען.
5) איבער די גערטנער.

און די צייט איז געקומען
פאַר גזאַנג! —
עס לאָזט די טורקל־טויב זיך הערן
אין אונדזער לאַנד!

דער פייגנבוים,
ער טרייבט די קנאָספּן!
דער וויינשטאָק גרינט
און לאָזט זיין דופט. —

אָ, שטיי אויף, געליבטע, און גיי,
שיינע פריינדין, לאָז זיך גיין!

אָ, טויב דו־מיין,
אין פעלזן־שפּאַלט,
אין פאַרבאָרגנהייט פון שטאַפּל; —
אָ! באַווייז מיר דיין געשטאַלט,
און מיך לאָז דיין שטימע הערן!

דען דיין שטים איז אַנגענעם,
הערלעך — דיין געשטאַלט!

---

כאַפּט פאַר אונדז [1])
די פוקסן,
די קליינע פיקסלעך,
וועלכע צעשטערן די וויינגערטנער,
דען אונדזערע וויינגערטנער
זיינען אין בליונג.

מיין געליבטער געהערט מיר
און איך געהער אים —
(אים) וועלכער וואַנדערט
צווישן די ליליען.

ביז דער טאָג
וועט פאַרווייען
און די שאָטנס
זיך יאָגן,
וואַנדער אַרום,
געליבטער מיינער,
זיי גלייך צו אַ הירש
אָדער צו
אַ הינד אַ יונגן, אויף די צעשפּאָלטענע
בערג.

### 6.

אויף מיין געלעגער,
אין די נעכט,
זוך איך דעם,
וואָס מיין זעלע ליבט. —
זוך איך אים; געפין אים נישט!

וועל איך אויפשטיין,
גיין אין שטאָט,
אויף מאַרק און גאַס זוכן דעם,
וואָס מיין זעלע ליבט. —
זוך איך און געפין אים נישט!

באַגעגענען די היטער מיך,
די, וואָס קרייזלען אין דער שטאָט,
— האָט איר, פּיליכט, געזען דעם,
וואָס מיין זעלע ליבט?
קוים פאַרביי, טרעף איך אים,
ד ע ם, וואָס מיין זעלע ליבט!
כאַפּ איך אים
און לאָז נישט אָפּ!

פיר איך איהם
צום מוטער־הויז.

אין מוטער־צימער
ברענג איך אים! [2])
באַשווער איך אייך,
ירושלימס טעכטער!
ביי דעם הירש
און רעה אין פעלד!
וועקט זי נישט, [3])
וועקט די ליבע נישט.
ביז זי בליט נישט אויף אַליין! [4])

---

[1]) די פאָלגנדיקע דריי סטראָפן זיינען גענומען פון יהואשעס איבערזעצונג. ביי פּרצן פעלן זיי.
[2]) טרוימעריי.
[3]) מיט לידער, געשפּרעכן, מיט רייד — נישט;
[4]) לידער־רעפריין.

### 7. (¹

אַך, ווער שטייגט
פון וויסטעניי
אין די רויכיקע זיילן.
מיט מירא און ווייררויך געדעמפט.
און אַלע טענדלער=פּולווערס ?!

— — — — — — — — — — — — — —

אָט דאָס איז שלמהס בעט.
זעכציק העלדן—אַרום,
פון די שטאַרקסטע אין ישראל!

אַלע זיינען שווערד=געגורט,
אַלע זיינען שטרייט באַהאַוונט!
מענער—שווערדער ביי די לענדן
פאַר די שרעקן פון דער נאַכט!

און אַ זענפט ²) האָט קיניג שלמה
זיך געמאַכט פון צעדער=האָלץ!
און די זיילן מאַכט ער—זילבער,
און די אָנלען ³) גאָלד=געטריבן!
און פון פּורפּור איז דער זיץ.
מיט דער ליבע אויסגעבעט
פון ירושלימס טעכטער!

קומט אַרויס, ציונס טעכטער,
קומט, דעם קיניג שלמה זעט,
אין דער קרוין, מיט וואָס די מוטער
האָט צום האָכצייטס=טאָג געקרוינט אים,
צום טאָג פון זיין האַרצנס=פרייד!

### 8.

שיין ביסטו, פריינדין=מיין,
שיין!
דיינע אויגן דורכן שלייער —
טויבן גלייך!

און די האָר —
די געמזן=הערד
פון דעם גלעד=באַרג געגליטשט!

און די ציין —
לעמער ווייסע רייען צוויי,
אָקאָרשט פון דער וואַש אַרויס.
גאַנצע, אָן אַ פעל!

און די ליפּן—פּורפּור=פעדעם!
דיין רעדנס=אַרט, ווי אַנגענעם!
די שלייף, וואָס קוקט
פון אונטער דער הויב —
אַ גראַנאַטן=שניט!

דער האַלדז,—דער רייגער דוד=טורעם,
שטאָלץ געהויכט, און באַהאַנגען —
טויזנט שילדן!
גאַנצע טויזנט קריגער=שילדן!

די ברוסטן=פּאָר—אַ רעהען=פּאָר —
אַ יונגער הירשן=צווילינג=פּאָר,
וואָס פּיטערט זיך אין רויזן!

### 9. (⁴

ביז עס קילט נישט אָפּ דער טאָג
און די שאָטן וויכן,
גיי איך מיר צום מירא=באַרג,
צו די ווייררויך היגל!
אַך, דו ביסט אינגאַנצן שיין,
פריינדין מיין,
און אָן אַ פעל!

---

1) ברוך=שטיקער פון שלמהס א האָכצייטס=ליד, כלה=עמפפאנג, קאמערן=שוי, — שלמה פון דער מוטער, לויט צייט=געברויך, אלס חתן געקרוינט.

2) הימל=בעט.

3) „רפד“ — אונטערלענען.

4) אָפּשיידס=ליד.

10. (1

מיט מיר,
מיט מיר פון לבנון, כלה,
מיט מיר פון לבנון קומסטו!

קוקסט פון אמנה־הויך,
פון דעם שניר־ און חרמון־שפּיץ!
פון דער לייבן־היים,
פון די טיגער־בערג!

---

האָסט באַהאַרצט מיך,
שוועסטער כלה,
מיט איין אויג פון דיינע אויגן,
פון דיין האַלדזבאַנד מיט אַ שנירל!

---

און ווי שיין דיין ליבשאַפט איז,
שוועסטער כלה,
ווי שמעקנדיקער פאַרן וויין
דיין ליבשאַפט איז!
און דיינע איילן —
שטייגן אַלע איילן איבער!
זיסקייט טראָפן —
דיינע ליפּן, כלה!
האָניק און מילך איז אונטער דיין צונג!
און דער דופט פון דיינע קליידער —
דער לבנון דופט!

— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —

און אַ גאָרטן, אַ געשלאָסענער
איז מיין שוועסטער־כלה!
אַ קוואַל אַ פאַרשלאָסענער,
אַ ברונען אַ פאַרזיגלטער!

די אָרעם זיין — דער פאַראַדיז!
גראַנאַטן און די זיסטע פרוכט!
ציפּער־בליט און נאַרד!
נאַרד, און קראָקוס, און די קאַנאַ,
שאַפראַן, ווייררויך און אַלאָע,
מירטן און די אַלע פיינסטע
פון געווירצן!

אַ גאָרטן־קוואַל ביסטו מיר,
אַ קוועלנדיקער וואַסער־ברונען (2
פון לבנון אָנגעפלאָסן!
(די כלה;

— וועק דיך, נאָרד,
פלי אָן, זיד! (3
בלאָזט מיין גערטל אויף, —
זאָלן פליסן דיינע ג׳ווירצן, —
און זאָל מיין געליבטער קומען
צו זיין גערטל און זיך לאָבן
מיט זיין פרוכט!

---

כ׳בין געוועזן, שוועסטער כלה,
אין מיין גערטל!
און מיין מירא דאָרט געקליבן
און די דופטיקע געווירצן!
און געלאָבט זיך מיט מיין האָניק,
און מיין זיסן וויין געטרונקען!

---

עסט, קאַמעראַדן,
טרינקט, באַרוישט אייך,
ליבע פריינד!

11. (4

שלומער איך,
מיין האַרץ איז וואַך, —
אַ שטים!
מיין געליבטער קלאַפּט!

— עפן מיר,
שוועסטער ליבע,
זיסע טויב!

---

1) כלה־גאַנג. אויפנאַמע.
2) וואַסער־האַלטער, רעזערוואַר.
3) נאָרד־ און זיד־ווינט.
4) ראָמאַנס, אַן אַנדער באַאַרבעטונג פון מאָטיוו 6.

דען מײַן קאָפּ איז פול מיט טוי,
און די לאָקן —
מיט די טראָפּן פון דער נאַכט.
— איך האָב מײַן קלייד שוין אויס־
גערטאָן,
ווי זאָל איך אָנטאָן עס ?
ריין געוואַשן מיר די פיס,
ווי באַשמוץ איך זיי?

דורך די גראַטן שטעקט מײַן ליבער
אויס זײַן האַנט, —
ברומט צו אים מײַן אינגעווייד !

שטיי איך אויף און עפן אים !
מירא טריפן מײַנע הענט,
פון די פינגער טריפט מיר מירא
אויף די קעפּלעך פון די ריגל.

---

כ׳האָב געעפנט מײַן געליבטן. —
אַוועקגעשליכן און פאַרשוווּנדן, —
מײַן געליבטער!
און מײַן זעל איז דאָך פאַרגאַנגען
ביי זײַן שטי !

זוך איך אים, געפין אים נישט !
רוף איך אים, ער ענטפערט נישט!

באַגעגענען די וועכטער מיך,
די וואָס קרייזלען אין די גאַסן !
שלאָגן מיך, ביילן מיך !
רויבן מיר דעם שלייער צו,
די היטער פון די מויערן !

---

באַשווער איך אייך
ירושלימס טעכטער !
טרעפט איר אים,
דעם געליבטן מײַן,
וואָס זאָגט איר אים ׳ [1])
— איך בין ליבעס־קראַנק!

---

— וואָס איז דײַן פריינד
צווישן פריינד,
דו, שענסטע פרוי,
וואָס באַשווערסטו
אונדז אַזוי ?

— לויטער איז מײַן פריינד און ראָז,
אונטער טויזנטער די פאָן ! [2])
לויטער גינגאָלד איז זײַן קאָפּ,
און די לאָקן—ראָבן שוואַרצע !

די אויגן־זײַן —
טויבן ביי די וואַסער־קוואַלן, —
פולע, באָדן זיך אין מילך !

און די באַקן—ווייערויך בייטן;
דופטנדיקע ווייערויך־היגל.
און די ליפּן, ווי די רויזן ;
מירא פליסן זײַנע ליפּן !

זײַנע הענט—גאָלדן וואַלצן.
מיט טאָפּאַזן אויסגעפילט !
די שטאַטור—אַן עלפנביין!
מיט סאַפּירן אויסגעדעקט !
און די שענקל—מאַרמאָרזײַלן
אויף גינגאָלדענעם געשטעל!
די געשטאַלט פון אַ לבנון.
און די וווּקס איז פון אַ צעדער !
און זײַן גומען—זיסיקייטן
און אַ גליסטונג—ער אינגאַנצן !

---

אָ, דאָס איז מײַן פריינד,
דאָס איז ער,
מײַן געליבטער,
אָ, איר טעכטער ירושלימס!

---

— און ווּו איז דײַן פריינד געגאַנגען,
שענסטע צווישן פרויען ?
ווּו האָט זיך געווענדט דײַן פריינד, —
זוכן וועל׳מיר אים מיט דיר

---

1) (זאָגט אים :).

2) דער העכסטער, שענסטער.

— צו זיין גערטל האָט געגידערט,
דער געליבטער מיין,
צו די ווייַרויך=בייטן, —
ווידן וועט ער אין די גערטן
און זיך קלייבן וועט ער רויזן.
איך בין מיין פריינדס,
מיין פריינד איז מיין, —
דער וואָס פיטערט צווישן רויזן. [1]

12.

שיין ביסטו,
פריינדין מיינע,
תרצה=גלייך!
ווי ירושלים ליבלעך,
און אָפשרעקיק [2]) ווי באַפאָנטע! [3])

---

ווענד אָפּ פון מיר די אויגן דיין,
זיי איבערוועלטיקן מיך!
אַך, די האָר — די געמזן=הערד,
וואָס גליטשט אַראָפּ פון גלעד=בערג!

און די ציין,—די לעמער=הערד,
אָקאָרשט ערשט פון וואַש אַרויס,
ווי צוגעפּאַסט און אָן אַ פעל! [4])
ון פון אונטער דער הויב די שלייף—
אַ גראַנאַטן=שניט!

13. [5])

זעכציק זיינ׳ן די קיניגינס,
די קעפּס=ווייבער—אַכציק!
יונגפרויען—אָן אַ צאָל!

איינע נאָר מיין ציכט׳קע טויב,
איינע ביי איר מוטער אויך,
ביי איר געבערערין—אַ קלאָרע!

די יונגפרויען זעען
און לויבן זי!
די קיניגינס, קעפּסווייבער
באַוווּנדערן:
— ווער איז די,
וואָס שטראַלט, ווי מאָרגנגלאַנץ,
און איז ליבלעך, ווי דער מאָנד,
און איז לויטער, ווי די זון?

14.

צום ניסן=גערטל נידער איך:

איך וויל דאָס גרינס אין טאָל באַזען!
צי האָט דער ווייַנשטאָק אויפגעבליט
און די מילגרוים קנאָספּט?

ווייס איך דען,
וואָס מיין זעלע מאַכט פון מיר,
ווי די וואָגנס עמינדיבס! [6])

15.

קער זיך אום,
ווענד זיך אום,
אָ, שולמית!

קער דיך, ווענד דיך,
לאָז דיך זען!

— וואָס זעט איר דען,
וואָס געפעלט אייך אין שולמית,
ווען זי גייט דעם קריגער=טאַנץ?
—ווי שיין עס זיינען דיינע טריט,
נדיבס טאָכטער [7]) אין די שיך!

די רונדן פון די היפטן=ביין —
רינגען פון אַ מייסטער=האַנט!

---

[1]) רעפריין.
[2]) נישט צוגענגלעך, נישט צוטריטלעך, שטאָלץ, אָפּווייזנדיק.
[3]) פלעצער, פּאָנען־פלעצער, וואו צו גיין איז נישט ערלויבט.
[4]) פעלער
[5]) צווישן דער און דער שפּעטערער סטראָף וואָלט געפּאַסט די ערשטע פון זיבן.
[6]) אזוי לייכט און באַוועגט.
[7]) מעגלעך: פירשטן־טאָכטער.

און דער נאָפּל—גלייך דעם בעקן
פון מאַנד, דעם פולן, אָן אַ פעל!
און דער לייב—אַ וויצן=גאַרב!
מיט דער רויזן=שנור געגורט!

די בריסטן דיין—אַ רעהען=פּאָר,
אַ יונגער הירשן=צווילינג=פּאָר!
דער האַלדז—
פון עלפנביין אַ טורעם;
און די אויגן,—ווי די קוואַלן
וואָס ביי חשבון! —
ביי דעם טויער פון בת=רבים!
די נאָז—דער טורעם פון לבנון,
דער וואָס אויף דמשק קוקט!

און אַ כרמל=באַרג דער קאָפּ,
די פריזור אין פּורפור=בענדער —
אַ קעניג,
אין רעגאַליען געשנירט!

אַך, ווי שיין
ווי זיס דו ביסט,
די פאַרייניקונג
פון ליבשאַפט און גענוס! [1]

(שולמית:)

איך געהער מיין פריינד
און איך בין זיין באַגער!

אָ, קום, פריינד,
לאָמיר גיין אין פעלד אַריין,
נאַכטן אין דערפער!

און זיך פעדערן באַגינען
צו די וויינבערג.

זען, ווי דער וויינשטאָק בליט,
און דאָס גרינס האָט אויפגעשפּראָצט
און עס קנאָספּן די גראַנאַטן, —

דאָרט גיב איך מיין
ליבשאַפט דיר!

אויפגעדופט דער ליבעס=עפּל [2]
אויף אַלע טירן—זיסע פרוכטן,
אַלט און ניי; פאַר דיר, מיין פריינד,
אויפבאַוואַרט!

16. [3]

וואָלט מיר דיך ווער
פאַר אַ ברודער געמאַכט
וואָס געזויגן האָט
פון מיין מוטערס ברוסט!

און באַגעגן איך דיך אין גאַס,
קוש איך דיך, —
מע שענדט מיך נישט!

פיר איך דיך,
ברענג איך דיך
אין מיין (מוטערס) הויז,
לערנט די מוטער מיך,
ווי צו לאָבן דיך
מיט וויין געקאָכטן,
מיט מיין מילגרוים=זאַפט!

אונטער מיין קאָפּ
איז זיין לינקע האַנט, —
מיט זיין רעכטער האַנט
האַלדזט ער מיך אַרום!

1) קונסט=גענוס
2) דודאים—מזלדיק צו ליבע, ווי אויך צו קינדער, זז ווייטער.
3) יונגפרוילעכע בענקשאַפט, טרוימען, גלוסטונגען.

איך באַשווער אייך,
ירושלימס טעכטער,
וועקט זי נישט,
וועקט די ליבע נישט,
ביז זי בליט נישט
אויף אַליין!

---

אַך, ווער שטייגט עס
אויף פון מדבר
און זי שמיגט זיך
צו איר ליבסטן!

„אונטערן עפּל האָב איך דיך געוועקט,
ווו דיין מוטער האָט אין ווייען
דיך געהאַט"...

נעם מיך צו דיין האַרצן צו,
ווי אַ זיגל!
ווי א זיגל צו דיין אָרעם דריק!
דען שטאַרקער ווי דער טויט איז די ליבע!
ווי דער אָפּגרונט איז איר אייפער!

וואַסערן פיל
וועלן די ליבע נישט פאַרגיסן,
טייכן—נישט פאַרפלייצן!

און זאָל אַ מאַן
זיין גאַנץ פאַרמעג פון הויז
פאַר ליבע ביטן, —
מע לאַכט אים אויס!

17.

אַ וויינבערג אין בעל המון האָט
שלמה געהאַט!
דעם וויינבערג־היטער אָפּגעגעבן!
ברענגט אים יעדער פאַר זיין פרוכט
טויזנט זילבער־שטיק!

דער וויינבערג מיין איז מיר פריי;
און די טויזנט, שלמה,—דיין!
הונדערטער צוויי —
פאַר די היטער פון זיין פרוכט! [1])

18. [2])

—אָ דו, וואָס אין די גערטנער זינגסט,
קאַמעראַדן הערן זיך צו,
לאָז דיך הערן!

—אנטלויף פריינד!
זיי די רעה,
דער יונגער הירש
איבער די ווירויך־בערג!

יידיש—י. ל. פרץ.

---

[1]) פאַראַבאל. זי זאָגט זיך אָפּ פון איר כלה־אָפּצאָל, נאָר—צוויי הונדערט פאַר די ברידער אויסקויף־געלט.

[2]) עפּילאָג.

* * *

הער נאָר דו, שיין מיידעלע,
הער נאָר דו, פיין מיידעלע,
וואָס וועסטו טאָן אין אַזאַווייטן וועג?
וואָס וועסטו טאָן אין אַזאַ ווייטן וועג?

איך וועל גיין אין אַלע גאַסן
און וועל שרייען: „וועש צום וואַשן!"
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין!

הער נאָר דו, שיין מיידעלע,
הער נאָר דו, פיין מיידעלע,
ווו וועסטו וואַשן אין אַזאַ ווייטן וועג?
ווו וועסטו וואַשן אין אַזאַ ווייטן וועג?

דו מוזט מיינען, אַז איך בין שוואַך,
איך קאָן וואַשן וועש ביים טייך!
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין!

הער נאָר דו, שיין מיידעלע,
הער נאָר דו, פיין מיידעלע!
וואָס וועסטו עסן אין אַזאַ ווייטן וועג?
וואָס וועסטו עסן אין אַזאַ ווייטן וועג?

ברויט מיט זאַלץ וועל איך עסן,
טאַטע־מאַמע וועל איך פאַרגעסן,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין!

הער נאָר דו, שיין מיידעלע,
הער נאָר דו, פיין מיידעלע,
אויף וואָס וועסטו שלאָפן אין אַזאַ
ווייטן וועג?
אויף וואָס וועסטו שלאָפן אין אַזאַ
ווייטן וועג?

איך בין נאָך אַ יונגע פרוי,
איך קען שלאָפן אויף אַ בינטל שטרוי,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין!

הער נאָר דו, שיין מיידעלע,
הער נאָר דו, פיין מיידעלע,
מיט וואָס וועסטו זיך צודעקן אין
אַזאַ ווייטן וועג?
מיט וואָס וועסטו זיך צודעקן אין
אַזאַ ווייטן וועג?

דער טוי פון הימל וועט מיך צודעקן,
די פייגעלעך וועלן מיך אויפוועקן,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זיין!

פאָלקסליד.
פון דער זאמלונג י. ל. כהן.

## אַ ליד פון אַ פייגעלע.

איך גיי אַרויס אויפן גאַניקל,
דאָס שטעטעלע באַקוקן,
קומט צופליען אַ קליין פייגעלע
און טוט זיך צו מיר בוקן.

נישט אַזוי דאָס קליינע פייגעלע,
ווי איר שיינער פליען.
זי וואַרפט אַראָפּ מיר אַ קליין בריוועלע,
איך טו עס גלייך באַקומען.

איך לייען איבער די ערשטע שורהלע,
מיין ליבער איז פאַרדאָרבן,
איך לייען איבער די צווייטע שורהלע,
מיין ליבער איז געשטאָרבן!

קלייבט צונויף אַלע מיינע חברטעס,
אַלעמען אינייִנעם,
ווער ס'האָט נאָר אַ ליבע געפירט,
זאָל מיר העלפן וויינען! פאָלקסליד.

* * *

מיינע שבתים און מיינע יום־טובים
טוען מיר ניט איינגיין,
אַז איך דערמאָן זיך אָן מיין זיס לעבן,
זיץ איך און טרויער און וויין.

וואָלט איך געווען אַ פייגעלע,
וואָלט איך צו דיר געפלויגן,—
אַז דו וואָלסט וויסן מיין טרויער־האַרץ
מיט מיינע פאַרוויינטע אויגן.

וואָלט איך געווען אַ פישעלע,
וואָלט איך צו דיר געשווומען,
אַז דו וואָלסט וויסן מיין פאַרביטערט
האַרץ,
וואָלסטו צו מיר געקומען.

אוי, וואָלט איך געהאַט פערד און וואָגן,
וואָלט איך צו דיר געפאָרן,
אַז דו וואָלסט וויסן מיין פאַרביטערט
האַרץ,
מיט מיינע אָפּגעשניטענע יאָרן.

וואָלט איך געהאַט טינט און פעדער,
וואָלט איך צו דיר בריוועלעך געשריבן,
אַז דו וואָלסט געלייענט מיינע פאַר־
ביטערטע בריוו,
וואָלסטו אין חלשות געבליבן.

איך עס ניט און טרינק ניט און
שלאָף קיין נעכט,
און בענקען בענק איך נאָך דיר,
אַז דו וואָלסט וויסן מיין פאַרטרויערט
האַרץ,
וואָלסטו געקומען צו מיר!

פאָלקסליד.

פון דער זאמלונג מ.—ג.

---

* * *

שרייב איך דיר אַ בריוועלע
אין דעם וייטן לאַנד,
שרייב איך דיר אַ בריוועלע,
ציטערט מיר מיין האַנט.

שוואַרצינקע ווערטערלעך,
ווייסינקער פּאַפּיר.
און די טרערן פינסטערע
גיס איך אָן אַ שיעור.

קלעפּ איך צו דאָס בריוועלע,
שיק איך עס אַוועק:
שווים זיך, שווים זיך, בריוועלע,
אין דעם וייטן וועג.

וואַרט איך אויף דיין בריוועלע,
איז מיר זייער שלעכט,
עס איך ניט און טרינק איך ניט,
שלאָף איך ניט קיין נעכט.

נעמען זיך גאָר ניט די הענט
עפּעס וואָס צו טאָן,
רק איך וואַרט ביים טויערל
אויפן פּאָסטאַליאָן.

ברענגט ער מיר אַ בריוועלע
פון דעם ווייטן לאַנד,
עפן איך דאָס בריוועלע
ציטערט מיר מיין האַנט.

שוואַרצינקע ווערטערלאַך,
ווייסינקער פּאַפּיר,
און די טרערן פינסטערע
גיס איך אָן אַ שיעור.

מאַני לייב.

## פּערל.

פּערל=טרערן פּערלען זיך
פון מיין געליבטעס אויגן.
ס'האָט פון ווייטן, ווייטן לאַנד
צו איר מיין האַרץ געצויגן.

שנירלעך פּערל ברענג איך איר
פון ווייטן לאַנד צו פירן;
לוסטיק וועט זי האַלדזן מיך,
אַז כ'וועל איר האַלדז באַצירן.

כ'האַלט די פּערל, שריי מיט פרייד:
„צו דיר בין איך געפלויגן!״
פּערל=טרערן פּערלען זיך
פון מיין געליבטעס אויגן.

„שנירלעך פּערל ברענג איך דיר
פון ווייטן לאַנד צו פירן,
און איך וועל דיך האַלדזן הייס
און וועל דיין האַלדז באַצירן!״

און דורך טרערן זע איך זי
פאַרקלעמט, דער קאָפּ געבויגן—
פּערל=טרערן פּערלען זיך
פון מיין געליבטעס אויגן...

פרץ הירשביין.

## פּאָלקס=מאָטיוו.

ניט גריסט מיך פון אים:
איך ווייס וואָס ער מאַכט:
איך זע אים, ער זיצט
מיט יענער און לאַכט.
ניט טרייסט מיך: ער וועט
נאָך קומען צוריק:
עס איז שוין צו אים
פאַרברענט יעדער בריק.
ניט טרייסט מיך: די צייט
וועט היילן מיין פיין:
פאַרגעס איך אָן אים,
וועט ערגער מיר זיין...

א. רייזין.

## שימאָנע=סאַן.

דער רעגן בלעזלט זיך אין שטילן וואַסער,
קוק איך ווי די רינגען שפּרייטן זיך פונאַנדער:
שימאָנע=סאַן, דו סאַמוראַאי בלאַסער,
ווען וועסטו קומען פון דיין ווייטן וואַנדער?
שימאָנע=סאַן, מיין העלער שטערן...

איין טאָג קלייב איך אַלע רויטע בלומען,
און שיט די בלעטלעך איבער אַלע שטעגן;
שימאָנע=סאַן וועט אין פרימאָרגן קומען,
און איך וועל גיין אַ רויטע אים אַנטקעגן—
שימאָנע=סאַן, מיין העלער שטערן...

אויף מאָרגן טו איך קאַרשן-קווייטן רייסן,
און פלעכט זיי אין די האָר און אויף די
שלייפן.
שימאָנע-סאַן וועט זען מיין קאָפּ אַ ווייסן,
און וועט אין פינסטער מיר אַנטקעגנלויפן—
שימאָנע-סאַן, מיין העלער שטערן...

געשוואָרן האָבן אַלע טורטל-טויבן
צו פליען זען, וואו ער איז פאַרשוואונדן:
שימאָנע-סאַן, ביי מיינע קליינע שויבן
וועט אַלע נאַכט אַ ליכטל זיין געצונדן—
שימאָנע-סאַן, מיין העלער שטערן...

יהואש.

## אַ נאַכט ביים ניעמאַן.

ס'איז די פרילינגס-נאַכט געקומען, איינזאַם שטאָלץ איז זי געשוועמען.
אויף דעם ניעמאַן אויף דעם שטומען ווי אַ רויכיקע געשטאַלט;
שטיל געשלייכט דורך זיינע וועגן, דורך לבנהדיקע שטעגן,
וועלכע האָבן אונדז אַנטקעגן ווי אַ זילבער-נעץ געשטראַלט.
ביי אַ בוים אַ גרין-צעשפּרייטן זיך געטוליעט איינס צום צווייטן
האָבן מיר זיך ווי די קוויטן, וועלכע דרימלען אויף אַ בייט...
ס'שאָרכט אַ צווייג... אַ צווייטע... דריטע... — ס'האָט געוויס די זעל פון ליטע
דאָרט געפּלאַטערט, אַ-צעבליטע, און מיט טרויער אונדז באַוויינט...
און אַרום האָט אַלץ געשוויגן, נאָר אַ ציטערדיקער ניגון
פלעגט זיך אָפּט אין לופט צעוויגן און פאַרוויגן אונדזער טרוים;
דאָרט, אין ווייטקייטן, אין גרינע האָט געוויינט אַמאַנדאַלינע,
האָט געוויינט מיט סטרונעס דינע אין לבנהדיקן רוים...
און דער ניעמאַן האָט, אַ גוטער, שטיל געשמייכלט אַ באַרוטער,
און די נאַכט האָט ווי אַ מוטער אונדז באַגריסט דורך צווייגן-סכך,
האָט אונדז שטיל אַרומגענומען, און כ'האָב, דוכט זיך מיר, פאַרנומען:
„טרוימט אייך, טרוימט אייך, ליבע בלומען! טרוימט — איך שטיי דאָ אויף
דער וואַך! ..."

לייב ניידוס

* *
*

און ס'וואָלט דעם סוד ביינאַכט די ערד
דערציילט די ווינטן שטילערהייט,
וואָלט אינדערפרי געררוישט דער וואַלד,
און ס'וואָלט געררעדט שוין קינד און קייט:
זי האָט אים ליב...
זי האָט אים ליב...

דער קוואַל וואָלט איינגערוימט דעם טייך,
וואָלט ער ביי טאָג אַנטקעגן זון
אין ברייטן פעלד, פאַר ווייטן שליאַך
דערציילט דערפון:
זי האָט אים ליב!...
זי האָט אים ליב!...

ס'וואָלט יעדער מענטש מיך, ווי אַ פריינד,
באַגריסט מיט ליבע ביי זיין שטוב
און ס'וואָלט געשטראַלט, און ס'וואָלט
געשיינט:
זי האָט דיך ליב?!
זי האָט דיך ליב ?!

כ'וואָלט אויפן העכסטן פעלזן-שפּיץ
אַרויפגעגאַנגען, זיך געשטעלט
צו לאָזן וויסן מיטן בליץ
אַ האַלבער וועלט:
זי האָט מיך ליב!
זי האָט מיך ליב!

אשר שווארצמאַן.

* * *

אַ גאַנצע נאַכט איבערן ים געקוקט
צו יענער זייט ווו דו פאַרברענגסט —
אַ גאַנצע נאַכט איין וואָרט געשיקט:
געדענקסט?

און ס'האָט דער מאָרגנווינט געבראַכט
אַן ענטפער מיר אויף מיין געוויין —
ס'האָט קאַלט דער מאָרגנווינט געלאַכט:
אוי, ניין!

דו האַרטע, דו צאַרטע, דו שטילע,
דו פייניקסט מיין האַרץ אין דער שטיל,
און צייטנווייז דאַכט זיך אפילו,
אַז ס'טרוימט זיך מיר נאָר מיין געפיל.

און צייטנווייז מיין איך אפילו,
אַז כ'וועל נאָך דערוואַכן פון טרוים —
דאָך צייטנווייז וויין איך אַ תפילה,
וואָס בעט אויף דעם טויט זיך אין טרוים.

ש. י. אימבער. (פון „וואַנדערלידער״)

* *

אַך, ביז וואַנען, מאָרגנשטערן,
ס'לעשט זיך ניט דער זונענרייץ,
(קוים צו הערן,
שרייען פויגלען אין דעם ווייץ),

שיק די בליקן צו דעם דיכטער,
קוק אין ד'אויגן מיר אַריין,
(אַלץ געדיכטער
ציען פויגלען זיך צום שיין),

אייל זיך צו: עס וועט דיך טוישן
באַלד די זון: פאַרשעמט און ראָז,
(כ'הער אַ רוישן,
כ'הער אַ גרילצן אין דעם גראָז),

לעז מיין חלום דורך, מיין העלן,
און באַשייד זיין סוד געשווינט,
(גלייך זוי וועלן,
וויגט דער האָבער זיך אין ווינט)

און פאַרטרוי דאָס, שטערן העלער,
מיין געליבטער אין איר טרוים,
(שנעלער! שנעלער!
באַלד שטראַלט אויף דער הימל־רוים:

פאָל ווערלען,
יידיש: לייב ניידוס.

* * *

עס נעמט מיך, דוכט מיר, ווער ביים האַנט
און דעקט מיר צו די אויגן;
און וויגט מיך שטיל און וויגט מיך לאַנג
אַריבער מיר געבויגן,

ער נעמט דערציילן מיר פון דיר,
און רופט דיך אָן ביים נאָמען;
און בענטשט דיך שטיל. און בענטשט דיך לאַנג
און איך — איך ענטפער אָמן.

צ. ניסענזאָן

# אָדע און הימן.

## דאָס ליד פון יַם־סוף.

(א) דענסטמאָל האָט משה און די קינדער פון ישראל געזונגען דאָס דאָזיקע געזאַנג צו גאָט, און זיי האָבן געזאָגט, אַזוי צו זאָגן:

איך וועל זינגען צו יהוה,
וואָרום ער איז הויך דערהייכט;
דעם פערד מיט זיין רייטער
האָט ער געשליידערט אין ים.
(ב) מיין שטאַרקייט און געזאַנג איז יהוה,
און ער איז געוועזן מיין ישועה.
דאָס איז מיין גאָט,
און איך וועל אים באַשיינען;
דער גאָט פון מיין פאָטער,
און איך וועל אים דערהויבן.

(ג) יהוה איז אַ קריגסמאַן,
יהוה איז זיין נאָמען.
(ד) פרעהס רייטוועגן און זיין חיל
האָט ער געוואָרפן אין ים,
און זיינע געקליבענע עלטסטע
זייַנען אין ים־סוף דערטרונקען.
(ה) די תהומען האָבן זיי צוגעדעקט,
זיי האָבן ווי אַ שטיין
אין די טיפענישן גענידערט.

(ו) דיין רעכטע האַנט, גאָט,
דו פראַכטיקער אין שטאַרקייט,
דיין רעכטע האַנט, גאָט,
טוט צעברעכן דעם פיינט.
(ז) און מיט דיין גרויסמאַכטיקייט
צעשטערסטו דיינע קעגנשטייער,
שיקסט אַרויס דיין גרימצאָרן,
פאַרצערט ער זיי ווי שטרוי.
(ח) און פון דעם הויך פון דיינע נאָזלעכער
האָבן זיך די וואַסערן געהויפנט;
אַזוי ווי אַ סטויג
זייַנען די שטראָמען געשטאַנען;
די תהומען האָבן געגליווערט
אין האַרצן פון ים.
(ט) דער פיינט האָט געזאָגט:
איך וועל יאָגן, איך וועל כאַפּן,
איך וועל טיילן דעם רויב,
מיין זעל וועט זיך אָנפילן מיט זיי;
איך וועל ציען מיין שווערד,
אויסראָטן וועט זיי מיין האַנט.
(י) האָסטו מיט דיין אָטעם אַ בלאָז געטאָן,
האָט דער ים זיי צוגעדעקט;
זיי זייַנען אײַנגעזונקען ווי בליי
אין די מאַכטיקע וואַסערן.

(יא) ווער איז ווי דו, יהוה,
צווישן די געטער?
ווער איז ווי דו,
פראַכטיק אין הייליקייט,
פאָרכטיק אין לויבונגען,
טוער פון ווונדער?
(יב) האָסט אויסגעשטרעקט דיין רעכטע האַנט,
האָט די ערד זיי אײַנגעשלונגען.
(יג) האָסט געפירט מיט דיין חסד
דאָס פאָלק, וואָס דו האָסט אויסגעלייזט;
האָסט באַלייט מיט דיין שטאַרקייט
צו דיין הייליקער וווינונג.
(יד) פעלקער האָבן געהערט,
האָבן זיי געציטערט,
אַן אַנגסט האָט באַנומען די וווינונג פון פלֶשֶׁת.
(טו) דערשראָקן האָבן זיך
דענסטמאָל די פירשטן פון אדום,
די פירער פון מואב—זיי האָט אַ שוידער באַנומען,
צעגאַנגען געוואָרן זייַנען אַלע וווינער
פון כנען;

(טז) אַן אימה און אַ פּחד איז געפאַלן
אויף זיי.
דורך דער גרויסקייט פון דיין אָרעם
זיינען זיי שטיל ווי אַ שטיין געוואָרן,
בעת דיין פאָלק איז אַריבער, גאָט,
בעת אַריבער איז דאָס פאָלק,
וואָס דו האָסט אויסגעקויפט.
(יז) וועסט זיי ברענגען און זיי פלאַנצן
אויף דעם באַרג פון דיין אַרב,
דעם אָרט, וואָס דו האָסט געמאַכט
פאַר דיר, גאָט, צום וווינען,
דעם היילגטום, גאָט,
וואָס דיינע הענט האָבן אויפגעשטעלט.

גאָט וועט קיניגן
אויף אייביק און שטענדיק.

יידיש — יהואש.

# בָּרְכִי נַפְשִׁי.

לויב גאָט, אָ, מיין זעל! גאָט, מיין גאָט, גרויס ביסטו זייער
אין שענקייט און הערלעכקייט ביסטו אָנגעקליידט.
ער הילט זיך איין אין ליכטיקייט, ווי אין אַ קלייד, שפּרייט אויס די הימלען, ווי אַ טעפּיך;
ער בויט אין די וואַסערן זיינע וווינונגען, ער מאַכט די וואָלקן פאַר זיין רייטוואָגן
און טראָגט זיך אויף די פליגלען פונם ווינט.
ער מאַכט פאַר זיינע שלוחים די ווינטן, פאַר זיינע דינער — דעם פלאַם-פייער.
ער האָט באַפעסטיקט די ערד אויף אירע גרונדפעסטן, אום זי זאָל אייביק פון אָרט
זיך ניט רירן.
דעם אָפּגרונט האָסטו מיט אַ קלייד באַדעקט, אויף די בערג שטייען וואַסערן;
פון דיין געשריי לויפן זיי, פון דיין דונער-שטים איילן זיי;
זיי שטייגן אויף די בערג, זיי נידערן אין די טאָלן, אינם אָרט, ווו דו האָסט זיי באַשטימט.
אַ גרענעץ האָסטו געמאַכט, זיי זאָלן ניט אַריבער און פאַרפלייצן די ערד.
ער לאָזט פליסן די קוואַלן צו די טייכלעך, צווישן די בערג גייען זיי;
זיי טרינקען אָן אַלע חיות פון פעלד, די ווילדע שטילן זייער דאָרשט.
איבער זיי רוען די פויגלען פון הימל, פון צווישן די צווייגן לאָזן זיך הערן זייערע שטימען...
... עס זעטיקן זיך גאָטסביימער, די צעדערן פון לבנון, וואָס ער האָט געפלאַנצט;
וואָס דאָרט בויען די פויגל נעסטן, דער בוטשאַן האָט אויף ציפּרעסן-ביימער זיין הויז.
די הויכע בערג — פאַר די אינדן, די פעלזן — אַ שוץ פאַר די קראָליקעס.
ער האָט באַשאַפן די לבנה צוליב די צייטן, די זון ווייס איר אונטערגאַנג.
ער מאַכט פינסטער, ס'ווערט נאַכט — דאַן ווידעמען זיך אַלע חיות פון וואַלד.
די טיגערן שרייען נאָך רויב, בעטן ביי גאָט זייער שפּייז;
ס'שיינט אויף די זון — און זיי פאַרשווינדן און לאַגערן אין זייערע היילן.
ס'גייט אַרויס דער מענטש צו זיין אַרבעט און צו זיין דינסט ביז אויף דער נאַכט.
ווי גרויס זיינען דיינע ווערק, אָ גאָט! אַלע האָסטו מיט קלוגשאַפט באַשאַפן,
פול איז די ערד מיט דיינע באַשעפענישן!

פון תהילים. קאַפּ. ק״ד.
יידיש — ז. קאלמאנאָוויטש

* * *

עס דאַנקט, גרויסער גאָט, דיר מיין זעלע
און ס'לויבט דיר מיין טיפסטער געזאַנג;
ביי איטלעכן שטויס פון די כוואַליעס,
ביי איטלעכן שטורעם־געדראַנג.

ווען ס'שפּרייט אויס די שיף ווי אַ בושל
די פליגל און טראָגט מיך גאַנץ שנעל;
און אויך, ווען דער תּהום קאָכט און
שטורעמט
ווי נאָכגעאַמט וואָלט ער מיין זעל.

עס פרעגלט דער ים זיך אין פלאַמען
און ס'זידט ווי אַ קעסל די טיף.
די וואַלפיש געגרייט צו דער סעודה
באַגלייטן אין מחנות די שיף.

כ'פאַרגעס אויך מיין איינציקע טאָכטער,
מיין שוועסטער־נשמה, מיין פרייד;
איר זון, וואָס זיין אָפּשייד, אויף שטיקער
צעריסן מיין האַרץ האָט מיט לייד.

די פרוכט מיינע לענדנס, מיין צירונג;
קאָן יהודהן פאַרגעסן? *)
וואָס באַטרעפט עס אַקעגן דיין ליבע,
וואָס האָט מיין נשמה באַזעסן?

ביז כ'וועל דיינע טויערן באַטרעטן,
די טויערן פון הייליקער שטאָט...
און כ'וועל אַלס אַ קרבן מיין האַרצן
עס מקריב זיין דיר, 'גרויסער גאָט!
און מיין קבר זאָל ליבע פאַרציילן,
מיין גרויס־ליבע צו דיר, שטאַרקער גאָט!..

פון ר' יהודה הלוי'ס ים־לידער.
יידיש — י. שווארץ.

*) ר' יהודה הלוי'ס איינִיקל, ווי די היסטאָ־ריקער תּייַזן אויף, האָט אויך געטראָגן דעם נאָמען יהודה.

# גאָט אין הימל.

גאָט אין הימל, טויזנט דאַנקען,
פאַר דעם ליכטיקן פרימאָרגן,
פאַר די רויזן אין מיין גאָרטן,
פאַר דעם היינט און פאַר דעם מאָרגן,
פאַר דער אייביקייט פון ים.
פאַר דער רגע, וואָס מיר דוכט זיך,
אַז איך פלי איבער די ווילִיעס,
איבער גערטנער, איבער סעדער...
טויזנט דאַנקען, טויזנט תּפילות
צו דער זון, וואָס קושט דעם ים!

ז. סעגאלאָוויטש.

# די העלדן פון זשיטאָמיר.

אָ, טויטע העלדן, ווען איך לייען
אין בוכשטאַבן פאַרבלוטיקט רויט
די נייס פון אַייער גבור־טויט,
איך מיז אי ווײנען אי זיך פרייען...

און שטייענדיק אין שמערץ געבויגן
אויף אַייער קבר, מיר ערשיינט
דער מאָרגנדיקער לױן פון היינט,
מיר גלאַנצט דער צוקונפטס רעגנבויגן...

און אין די שוואַרצע איכה־קלאַנגען
פון אומגליקלעכן פאָלק, וואָס מאַכט
„אל מלא רחמים״ אַייך, מיר דאַכט,
צוגלייך זיך הערן ווי געזאַנגען,

וואָס וועקן ווי מוזיק די אויערן:—
„דאָס שקלאַפנפאָלק—עס האָט ערוואַכט
און ברעכט מיט זעלבסטבאַוווסטער מאַכט
פון זיין געפענקעניש די טויערן...

מיט אויפגעהויבן שטאָלצן שטערן
מיט יונגער קראַפט אין יעדן גליד,
מיט מעכטיק־פעסטע שמשון־טריט
זיך גייט עס קעגן שונא ווערן...

אָ, שטאָלצער טאָג — אי זיס, אי ביטער,
ווען זעלבסט־באַפרייטע גלות־קנעכט
מיט שמחה גייען אין געפעכט
און פאַלן קעמפנדיק ווי ריטער...

אין האַרצן מוט, אין האַנט כלי־זיין
און אין די אויגן יענער ברען,
וואָס איז פון תמיד אָן געווען
דער סימן פון אַ פאָלק אַ פרייען"...

* * *

אָ, טויטע העלדן, ווען איך לייען
די נייס פון אייער גבור־סוף,
איך פלוך און בענטש, איך האַס און האָף,
איך מוז אי וויינען אי זיך פרייען...

יהואָש.

# דעבסן.

(דעם העלד און מאַרטירער פונם אַמעריקאַנער פראָלעטאַריאַט).

געגרוויסט זאָל זיין דיין זעל אויף אונדזער בייזער ערד!
אויף טיפע אָפּגרונטן פון ניט דערגרייכטע רוימען
און אויף דער העלער פרייד, וואָס קליינע קינדער טרוימען,
און אויף דעם רויטן בלוט, וואָס פאַרבט דעם שונאס שווערד,
און אויף דעם בלינדן וואָרעם אינם שטויב, וואָס קריכט —
שפרייט אויס דיין ריינע זעל איר פלאַטערדיקן פליגל
און לייגט אויף אייביק טיף אַרויף איר קלאָרן זיגל,
דעם זיגל, אָ, מאַרטירער, פון דיין ליכט!

מאַני לייב.

# יוגנט.

יוגנט — העלער יום־טוב,
יום־טוב פון דעם לעבן;
ווערסט געפייערט פריילעך,
וואָס עס זאָל ניט געבן.

יוגנט — העלער יום־טוב,
זון אין אַלע פענסטער;
און פון יעדן יום־טוב
יוגנט איז דער שענסטער.

ביי דער שווערסטער אַרבעט
אין פאַבריק דער גרויער,
דרינגסטו אויך אַריין דאָרט
און עס וויכט דער טרויער.

און אויך דאָרטן קלינגען
לידער און געלעכטער,
ווען די רעדער יאָגן
יונגע זין און טעכטער.

האָפנונגען די ווייטסטע
דיר אַליין געהערן,
און ווי גאָלדנע שטראַלן
ווינקען דיר באַגערן.

ווו דו ווענדסט זיך, יוגנט,
יום־טוב דיינע וועגן;
און די טעג די העלסטע
גייען דיר אַנטקעגן...

אברהם רייזען.



שמעון פרוג.

# דער אָדלער.

געווידמעט ש. י. אבראַמאָוויטש
צו זיין 70־יאָריקן יובילעאום

קוקט, שוועלבעלעך, מיינע, ווי רויק און ברייט
די גרויסע, די מעכטיקע פליגל צעשפרייט
ער שוועבט צו די שטראַלן... וווהין, פרעגט איר, האַלט ער
זיין לופט־וועג, דער אָדלער, דער אָדלער דער אַלטער?

ער שטרעבט צו דער אייביקער געטלעכער שיין...
זיין האַרץ ווייס פון שרעק ניט, זיין קאָפּ ניט געבויגן;
ניט פינטלענדיק קוקן אין הימל אַריין
די ליכטיקע אָדלערשע אויגן.

ווי אַלט איז ער?—פרעגט ביי דעם רוישנדן וואַלד
און פרעגט ביי די פעלזן, און פרעגט ביי די שטראָמען,
וואָס פליסן אין וואַלד פון די פעלזן... ווי אַלטע?
עס זינגען אַ הערלעכן לויב צו זיין נאָמען

די שטערן, די וואָלקן... זיי ווייסן די צייט,
ווען ער האָט די שאַפונגס־ענוים געליטן,
ווען ער האָט די פעדערן זיינע געביטן,
זיין אָדלערשע יוגנט באַנייט.

ש. פרוג.

# רעליגיעזע מאָטיװן.

## פון „תהלים".

קאַפּיטל כג.

א. אַ מזמור צו דוד
גאָט איז מיין פּאַסטוך,
עס טוט מיר ניט פעלן.

ב. אויף גראָזיקע לאָנקעס
פּיטערט ער מיך,
אויף וואַסערן רויִקע
מאַכט ער מיר ליגן.

ג. ער קוויקט מיין נשמה
און פירט מיך באַרויִקט
אויף וועגן גערעכטע
זיין נאָמען צוליב.

ד. און גיי איך אין טאָל
פון די טויטלעכע שאָטנס,
שרעקט מיך קיין בייז ניט,
ווייל דו ביסט מיט מיר;
דיין רוט און דיין שטעקן
זיי טוען מיך טרייסטן.

ה. דו גרייטסט מיר אַ טיש
קעגן מיינע באַדריקער;
סט׳געזאַלבט מיר מיט בוימאייל
מיין קאָפּ,
מיין בעכער, ער איז איבערפול.

ו. נאָר גוטס און גענאָד
זיי וועלן באַגלייטן
די טעג פון מיין לעבן,
און זיצן וועל איך
אין גאָטס הויז לאַנגע יאָר.

יידיש דוד איינהאָרן.

## פון „תהלים".

גם כי אלך בגי צלמות...
(תהלים כ״ג, ד׳)

איך האָב געוויינט אַגאַנצע נאַכט,
האָט מיר די נאַכט אַ הילף געבראַכט...

איך האָב געוויינט, האָט מיין געוויין
דאָס האַרץ מיר אויסגעוואַשן ריין...

האָב איך געטרונקען שטיל מיין פּיין,
ווי איינער טרינקט אַ קילן וויין...

האָב איך געזאָגט: מיין שמאַרץ איז גרויס,
וועסטו מיר נעמען אין דיין שויס...

האָב איך געזאָגט: איך בין אַ קינד,
וואָס זוכט זיין פאָטער און געפינט...

און ווען איך שטרויכל און איך פעל,
איז תמיד גרייט פאַר מיר דיין שוועל...

און ווען איך גיי אין וויסטן טאָל,
פון ווייטן רופט צו מיר דיין קול...

און ווען איך מעק דיין נאָמען אויס,
ביסטו דער היטער פון מיין הויז...

און ווען איך פיל מיט שטאָלץ זיך אָן,
מיט מיטלייד קוקסטו פון דיין טראָן.

און ווען איך בין ביים לעצטן ראַנד,
שטרעקסטו צו מיר דיין שטאַרקע האַנט...

יהואש.

* *
*

זאָל ס'האַרץ דיינס אין ים זיך ניט שרעקן,
ווען זען וועסטו כוואַליעס באַזיגן;
עס שטייען באַקעמפט די מאַטראָסן,
דער שיפס־קאַפּיטאַן איז אַנטשוויגן.

עס פליען צעריסן די זעגלען,
עס קראַכן און ברעכן די בוימען;
דער ווינט יאָגט און שטיפט מיט די כוואַליאַס.
וואָס קאָכן און זידן און שוימען,

ווי לוסטיקע שניטער מיט הויפנס
פון צייטיקע, גאָלדענע זאַנגען,
וואָס פלעכטן די זאַנגען אין גאַרבן,
און שפילן לויט זייער פאַרלאַנגען.

אָט שלאָגן זיך כוואַליעס ווי לייבן,
אָט וואַרפן זיך כוואַליעס ווי שלאַנגען

אַ רגע — די שיף האַלט ביים זינקען,
די זעגלען אויף שטיקער צעפליטערט;
פאַרצווייפלטע שטייען די שיפסלייט
און איטלעכער יאָמערט און ציטערט.

וואָס העלפן די עצות פון זקנים? —
עס ברעכט זיך דער מאַסטבוים אין ברעקלעך,
די צעדער — געגליכן צו שפענדלעך,
די דעמבעס—פאַרוואַנדלט אין שטעקלעך;

דער ים טוט די בערג, ווי אַ זעמדל, אַ הויב
און וואַרפט די גראַניטענע פעלזן ווי שטויב.

און איטלעכנס האַרץ איז צעבראָכן —
נאָר מיין האַרץ שלאָגט זיכער, אָן מורא,

דאָרט לעבן אויף געטלעכע וואונדער —
דו גיבסט אָפּ אַ לויב־ליד דעם בורא,

דעם גאָט, וועלכער שטילט אַיין די ימען,
וואָס קאָכן אין צאָרן און ברומען;
דו ביסט דיינע זינד זיך מתודה
און ער האָט דיין תפלה פאַרנומען.

דו לויבסט אים און זינגסט זיינע וואונדער
און ער האָט אַנטפלעקט באַלד זיין אָרעם;
ער גיסט זאַפט אין טרוקענע ביינער,
ער קערט אום נשמות אין פגרים.

אַ רגע — דער ים ווערט אַנטשוויגן,
די כוואַליעס — ווי סטאַדעס צעשפרייטע;
און די נאַכט — ווען די זון זינקט אַרונטער
מיט טויזנטער שטערן פאַרזייטע —

אַן עטיאָפּישע שיינהייט — איר הילע
די בלויע מיט גאָלד צוגעקליבן —
די שטערן זיי בלאָנדזשען אין וואַסער
ווי גרים פון היימאַט פאַרטריבן.

זיי צינדן אין וואַסער אָן פלאַמען,
און צינגלען, און יאָגן זיך, שטיפן; —
און ס'זיינען דער ים און דער הימל,
דאָס צירונג פון נאַכט, גלאָז־געשליפן.

דער ים איז אין שיין גלייך צום הימל,
צוויי ימען צוזאַמען געגאַנגען;
אַ דריטער ים, ס'האַרץ מיינס, שלאָגט צווישן
מיט כוואַליעס פון נייע געזאַנגען...

פון ר' יהודה הלוי. יידיש — י. שווארץ

# תּפילות און סליחות.

שמע קולנו—פאַרנעם אונדזער שטים, גאָט, אונדזער גאָט, באַשיץ און דערבאַרעם זיך איבּער אונדז און נעם אָן מיט באַרעמהאַרציקייט און מיט באַווייליקונג אונדזער תּפילה. מאַך אונדז, גאָט, אומקערן צו דיר, און מיר וועלן זיך אומקערן, באַנייַ אונדזערע טעג, ווי פריער, זאָלסט אונדז ניט אָפּוואַרפן פון זיך; און דיין הייליקן גייסט זאָלסטו ניט אָפּנעמען פון אונדז. זאָלסט אונדז ניט אַוועקוואַרפן צו דער צייט פון עלטער; בּעת עס וועלן זיך אויסלאָזן אונדזערע כּחות, זאָלסטו אונדז ניט פאַרלאָזן. זאָלסט אונדז ניט פאַרלאָזן, גאָט, אונדזער גאָט, זאָלסט זיך ניט דערווייטערן פון אונדז. טו מיט אונדז אַ צייכן צום גוטן, וועט מען זען, אַז דו, גאָט, האָסט אונדז געהאָלפן און געטרייסט. פאַרנעם, גאָט, אונדזערע רייד, פאַרשטיי אונדזערע געדאַנקען. זאָלן די רייד פון אונדזער מויל דיר זיין צו רצון און די טראַכטונג פון אונדזער האַרצן—פאַר דיר, גאָט, אונדזער באַשעפער און אויסלייזער. וואָרום צו דיר, גאָט, טוען מיר האָפן. דו וועסט ענטפערן, גאָט, אונדזער גאָט.

---

אויף דיין גרויס באַרעמהאַרציקייט פאַרזיכערן מיר זיך און אויף דיין גערעכטיקייט שטיצן מיר זיך; און אויף דיין פאַרגיבּיקייט האָפן מיר, און אויף דיין הילף קוקן מיר אויס. דו בּיסט דאָך דער מלך, וואָס האָט ליבּ גערעכטיקייט פון קדמונים; וואָס פאַרגיט די זינד פון זיין פאָלק און טוט אָפּ די חטאים פון די, וואָס פאָרכטן פאַר אים; דער וואָס שליסט אַ בּונד מיט די ערשטע און איז מקיים זיין שבועה צו די לעצטע. דו בּיסט דאָך דער, וואָס דו האָסט אַראָפּגענידערט אין דעם וואָלקן פון דיין כּבוד אויפן בּאַרג סינַי, און דו האָסט בּאַוויזן די וועגן פון דיין גוטסקייט צו משה דיין קנעכט, און די שטעגן פון דיין גענאָד האָסטו אים אַנטפּלעקט, און דו האָסט אים געלאָזט וויסן, אַז דו בּיסט דער גאָט פון באַרעמהאַרציקייט און לייטזעליקייט, פון לאַנגמוט און גרויס גענאָד; דער, וואָס טוט פיל גוטס טאָן; דער, וואָס פירט די גאַנצע וועלט מיט דער מדה פון באַרעמהאַרציקייט.

---

אַזוי ווי אַ פאָטער דערבּאַרעמט זיך אויף זיינע קינדער, אַזוי זאָלסטו זיך, גאָט, דערבּאַרעמען אויף אונדז. בּיי גאָט איז די הילף. אויף דיין פאָלק רוט דיין אייבּיקער זעגן. גאָט צבאות איז מיט אונדז; אונדזער פעסטונג איז דער גאָט פון יעקב אויף אייבּיק. גאָט צבאות, ווויל איז דעם מענטשן, וואָס האָפט אין דיר. גאָט, העלף!

דער מלך זאָל אונדז ענטפערן אין דעם טאָג, וואָס מיר רופן צו אים. פאַרגיבּ די זינד פון דעמדאָזיקן פאָלק אין דיין גרויס גענאָד, אַזוי ווי דו האָסט דעמדאָזיקן פאָלק פאַרגעבּן פון מצרים בּיז איצט.

נויג, גאָט, דיין אויער און הער, עפן דיינע אויגן און זע אונדזער פאַרוויסטונג, און די שטאָט, וואָס אויף איר איז דיין נאָמען. וואָרום ניט צוליבּ אונדזער גערעכטיקייט מאַכן מיר פאַלן אונדזער געבּעט פאַר דיר, נאָר צוליבּ דיין גרויס באַרעמהאַרציקייט. גאָט, הער; גאָט, פאַרגיבּ; גאָט, פאַרנעם און טו. זאָלסט ניט פאַרזאַמען צוליבּ דיר אַליין, גאָט!

---

גאָט, דו גאָט, גאָט דערבאַרעמדיקער און לייטזעליקער, געדולדיקער און פיל־גנעדיקער, וואָרהאַפטיקער, וואָס פאַרגיט די זינד און שולד און פאַרברעכן און מאַכט ריין (פון זינד). דו זאָלסט אויך פאַרגעבן אונדזערע זינד און אונדזערע חטאים.

פאַרגיב אונדז, פאָטער אונדזערער, ווייל מיר האָבן געזינדיקט, זיי אונדז מוחל, אונדזער קיניג, ווייל מיר האָבן זיך פאַרשולדיקט, וואָרום, דו גאָט, ביסט אַ גוטער און אַ פאַרגעבער און אַ פילגנעדיקער צו אַלע, וואָס רופן צו דיר.

---

ביי דיר, גאָט, איז די גערעכטיקייט, און ביי אונדז — די שאַנד פונם פנים. וואָס זאָלן מיר קלאָגן, וואָס זאָלן מיר זאָגן, וואָס זאָלן מיר ריידן און וואָס זאָלן מיר זיך גערעכט מאַכן. מיר ווילן זוכן אונדזערע וועגן און מיר ווילן פאָרשן און מיר ווילן זיך אומקערן צו דיר, וואָרום דיין רעכטע האַנט איז אויסגע־שטרעקט צו אַנטפאַנגען די, וואָס טוען תשובה. ניט מיט חסד און ניט מיט (גוטע) מעשים זיינען מיר פאַר דיר געקומען; ווי אָרעמע און ווי בעטלער האָבן מיר גע־קלאַפּט אין דיין טיר. אין דיין טיר האָבן מיר געקלאַפּט, דערבאַרעמדיקער און לייט־זעליקער, מיר בעטן דיך, זאָלסט אונדז ניט לאָזן מיט ליידיקן זיך אומקערן פון דיר, וואָרום דו ביסט דער, וואָס פאַרנעמט דאָס געבעט.

---

# תחינות.

די הקדמה פון שרה בת טובים צו דער תחינה „שלשה שערים“.

איך נעם צו הילף דעם לעבעדיקן גאָט ב״ה, וואָס לעבט אימער און אייביק, און איך שטעל די אַנדערע שיינע נייע תחינה אויף טייטש מיט גרויס ליבשאַפט, מיט גרויס פאָרכט און מיט גרויס ציטערניש, מיט דערשרעקעניש, מיט צעבראָכענע גלידער, מיט גרויס געבעט. גרויס רחמנות זאָל גאָט האָבן אויף מיר און אויף כל ישראל, איך זאָל ניט דאַרפן לאַנג נע ונד צו זיין בזכות אונדזערע מוטערס שרה, רבקה, רחל, לאה, און מיין ליבע מוטער לאה זאָל אויך פאַר מיר בעטן גאָט ב״ה, אַז דאָס וואָס איך בין נע ונד זאָל מיר זיין זיין כפרה אויף מיינע עוונות און השם יתברך זאָל מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב אין מיין יוגנט געשמועסט אין שול, ווען מע האָט געלייענט אין דער ליבער הייליקער תורה:

הער פון דער גאַנצער וועלט, איך מאַך פאַלן מיין געבעט פאַר דיר אַזוי, ווי איך הייב אָן צו מסדר זיין מיין אַנדערע שיינע נייע תחינה מיט מיינער גאַנצער כוונה און מיט מיין גאַנצן גרונט פון מיינעם האַרצן, זאָלסט אונדז היטן פון פיין און פון שמערצן. איך בעט דעם ליבן גאָט ב״ה, אַז ער זאָל שוין האָבן גרויס רחמנות אויף כל ישראל און אויך אויף מיינע אַלטע יאָרן, איך זאָל שוין ניט דאַרפן נע ונד צו זיין. אַזוי ווי דו האָסט דערהערט דאָס געבעט פון אונדזערע אָבות ואמהות, אַזוי זאָלסטו דערהערן מיין געבעט. ליבער גאָט, געדענק דעם זכות פון אונדזער הייליקן פאָטער אַברהם אָבינו עליו השלום, וואָס ער האָט מיט זיין לינקער האַנט באַגריפן אין דעם האַלדז פון זיין זון יצחק און מיט זיין רעכטער האַנט האָט ער גענומען דעם שעכט־מעסער צו שעכטן זיין זון יצחק און דאָס האָט ער געטאָן, ער זאָל דיר צוליב טאָן און האָט זיך ניט אויפגעהאַלטן דיין שליחות צו טאָן. אַזוי, ווי דו האָסט

אים געשיקט, אַזוי קערסטו דיך צו דערבאַרעמען איבער אונדז. און איך בעט הימל און ערד און אַלע הייליקע מַלְאָכים, אַז זיי זאָלן פאַר מיר בעטן, אַז מיינע ביידע תחינות זאָלן אָנגענומען ווערן און עס זאָל ווערן איין קרוין אויף דעם קאָפּ פון זיין הייליקן נאָמען אָמן כן יהי רצון:

---

איין שיינע תחנה אַלע טאָג מתפלל צו זיין אויף פרנסה, ווער דאָ איז איין בעל משא ומתן ובפרט אָן איין טאָג, ווען מען תענית האָט, לכל הפחות אום ערב ראש חודש אין יום-כפור קטן זאָל מען פשיטא די תפלה בכוונה גדולה מתפלל זיין.

אָנָא הָאֵל, איך בעט דיך, אַלמעכטיקער גאָט, דו טוסט אָנבּרייטן פרנסה צו אַלע די באַשעפעניש אין דער גאַנצער וועלט, דו טוסט אויך באַשערן קליידער צו אַלע באַשעפעניש אין דער וועלט, אַזוי בעט איך דיך אויך, דו אַלמעכטיקער, באַרעמהאַר-ציקער פאָטער, קיניג, דאָס דו זאָלסט אונדז געבּן אונדזער נערונג און אונדזער מְחִיָה בשופי, גאַנץ גרינג, דאָס דו זאָלסט אונדז שפייזן און דערנערן, מיך און אונדזער הויזגעזינט און כל ישראל מיט גוטע פרנסה בכבוד. אַזוי איין פרנסה, די דאָ זאָל זיין מיט פרייד, און ניט חלילה מיט צער, מיט הֶיתֵּר און ניט מיט איסור, איין פרנסה, די זאָל זיין מיט כבוד און ניט מיט בזיון, מיט שעמהאַפטיקייט; און איין פרנסה, דאָס מיר ניט ברויכן זאָלן ניט קיין שענקונג אָדער לַיַּונג פון איין בָּשָׂר וָדָם, נאָר מיר זאָלן אַלע צייט געשפייזט ווערן פון דיין פולע האַנט און געטרייע מילדע האַנט; אַזוי איין פרנסה, דאָס מיר זאָלן דערביי קענען דינען דיך און האַלטן דיין ליבע תורה און מצוות די הייליקע, און אונדזער פרנסה זאָל זיין (אַ) זיכערע פרנסה; און דו זאָלסט מיר באַשערן מיין שפייז פון מיין הויזגעזינט און אַלע אונדזערע באַדערפעניש, ווען מיר זיי וועלן ברויכן. און מיר זאָלן זוכה זיין צו זיצן איבער אונדזער טיש מיט פרייד און מיט (אַ) שטילן האַרצן, בכבוד מיט אַלע אונדזער הויז-געזינט; און זאָלן ניט ברויכן צו האָבן אָדער געצוווּנגען צו ווערן, איך אָדער אַלע מייניקע חלילה איבער פרעמדע טישן צו קומען. און מיר זאָלן ניט ברויכן אונטערטעניק צו זיין אַלע טאָג (פון) אונדזער לעבן צו קיינעם מענטשן. און עס זאָל אונדזער לעבנסטאָג אויף אונדז זיין דאָס יאָך פון דיין הייליקן קיניגרייך, צו דינען דיר אַלע צייט מיטן גאַנצן האַרצן מיט אונדזערע קינדער און ניט (מיט אַ) פאַרשעמט פנים. און דו זאָלסט אונדז באַהיטן און באַשירמען פאַר אַרמוט, און פאַר נויטבאַדערפעניש, און פאַר דַלות, פאַר שְׁפָלות. און מיר זאָלן זוכה זיין אורחים איבער אונדזער טיש צו האַלטן. און מיר זאָלן קענען גומל חסד זיין מיט איטלעכן מענטשן, ווער דאָ פון אונדז וואָס פאַרלאַנגען טוט. און דו זאָלסט אונדז באַשערן געלט, דאָס מיר זאָלן קענען צדקה געבן זעלכע לייט, די דאָ זיינען רָאוי צדקה צו נעמען; און דו זאָלסט אונדז שיקן אייטל זעלכע לייט, דאָס אונדזער צדקה אָן זיי אָנגעלייגט איז, און מיר זאָלן ניט געשטרויכלט ווערן מיט זעלכע לייט, די זיי ניט ראוי זיינען צדקה צו נעמען, דאָס מיין צדקה זאָל זיין ניט אָנגעלייגט אָן זיי.

ליבער הימלישער פאָטער, דאַנקען מיר דיר, דאָס דו אונדז פון מוטערלייב אָן ביז אויף דעם היינטיקן טאָג דערצויגן האָסט, און דערנערט האָסט, און האָסט אונדז געשפייזט און אַלץ גוטס געטאָן, אַזוי בעטן מיר דיך, דאָס דו אונדז ווייטער זאָלסט געבן איין פריילעך האַרץ מיט שלום און געזונט. און לאָז דאָך דיין שכינה לייכטן אויף אונדז און דערלייז אונדז אויס דעם לאַנגן גלות דערמיט, דאָס דיין אייביקער נאָמען זאָל דערלייטערט ווערן אויף דער ערד פאַר אַלע פעלקער.

געלויבט ביסטו, גאָט, אַלץ איז דיין און אַלץ איז אין דיינער האַנט און מאַכט. דורך דיין גרויס געגאָד און באַרעמהאַרציקייט ווערן מיר אין דעם גלות דערהאַלטן, און פון דיינער האַנט האָבן מיר אַלע טאָג חסד ורחמים. איך בעט דיך, דו זאָלסט אונדז געבן נאָך דיינעם ליבן ווילן עסן און טרינקען און קליידונג מיט כבוד, דען דו ווייסט, דאָס מיר אויף דער וועלט אָנע דאָס ניט קענען לעבן, און דאָס מיר זעלבסט אָנע דיין גנאָד און ווילן (גאָר) ניט ערוואַרטן, זונדער ווען דיין מילדע האַנט אויפטוסט און לאָזט אַלץ וואַקסן, דאַן ווערן מיר געזעטיקט און אַלץ, וואָס דאָ לעבט. דרום, אֵל שַׁדַי, אַלמעכטיקער גאָט, העלף אונדז, דאָס מיר זאָלן דערקענען דיין חסד, וואָס דו מיט אונדז טוסט אין גלות, און זאָלן דערקענען דיין ווערדיקן נאָמען.

און לאָז אונדז ניט אונדזער לבבות מאַכן באַשווערט מיט דאַגות און מיט איבעריקע זאָרג פון מַשָׂא וּמַתָּן, דאָס מיר זאָלן נאָך גרויס געלט און גוט טראַכטן און מעכטן דעם שטן אין זיינער נעץ ניט זיין געפאַנגען. און גיב אונדז נאָך דעם חסד, דאָס מיר אַלע זאָרג אָנלייגן זאָלן און ווענדן אויף דיין הייליקן נאָמען.

און זאָלסט אונדז לאָזן פאַרגנוגן מיט לחם נָקִי, און מיר זאָלן אונדזער פרנסה אַנטפאַנגען פון דיין הייליקע האַנט, און מיר זאָלן זיך אַלע צייט באַנוגן לאָזן מיט וואָס דו אונדז באַשערן ווערסט, דען עס איז קיין בעסער רייכטום, אַלס וועלכער מענטש, דער זיך באַנוגן לאָזט מיט וואָס, דו ליבער גאָט, אים באַשערן טוסט און מיט דעמזעלביקן משַׂמֵח איז.

און דו זאָלסט דאָך אַמאָל געדענקען אָן דיין פאַרוויסטן בית־המקדש, דאָס עס זאָל באַלד אויפגעריכט ווערן אין אונדזערע טעג אויך, ווייל מיר זיך אין דיינער געטלעכער הילף מעכטן רעכט פריי דערפרייען, דען מיר האָבן יאָ קיין אַנדערע טרייסט און הילף, אַלס דיך, גאָט אַליין, וועלכער אונדז אַלע צייט אין דער גרויסער נויט געהאָלפן האָט, אַזוי האָפן מיר, דאָס דו, אַלמעכטיקער גאָט, וועסט אונדז ווייטער ניט פאַרלאָזן און אַלע צייט העלפן, ווען מיר דיך אָנרופן צו גוטן אָמן, כֵּן יהי רצון.

פון דעם ספר „תחינות ובקשות".

---

# תפילה צו ליכט־בענטשן.

(צוערשט די ברכה „להדליק נר" און נאָכער):

לכבוד דעם אייבערשטן, לכבוד גאָט
און לכבוד זיין געבאָט,
און לכבוד דעם ליבן שבת־קודש, —
וואָס האָט אונדז געבאָטן די ליבע מצוה ליכט צו בענטשן.
גיב מיר אַ גוט האַרץ איך זאָל קאָנען מקים זיין
כל תרי"ג מצוות מיט כל ישראל. אָמן כן יהי רצון.
ווי די ליכט לייכטן, אַזוי זאָל איך זוכה זיין
צו לייכטן — אין דיינע אויגן און לייטישע אויגן.
שלום־עליכם, מלכה, שלום־עליכם, כלה!
העלף־זשע מיר, ליבער גאָט, אָננעמען דעם ליבן שבת־קודש,
ווי אַ מלך—די מלכה, ווי אַ חתן—די כלה:
אין שיינע קליידער און זיסע שפייז מיט שלום און פרייד.
ווי די ליכט לייכטן, אַזוי זאָלן לייכטן
מיינע קינדערס אויגן אין דער תורה. אָמן כי יהי רצון.

# המבדיל.

ברוך ז. מבדיל בין קודש־לחול.
גאָט פון אַברהם, פון יצחק און יעקב,
באַהיט דיין פאָלק ישראל אין דיינעם לויב,
אַז דער ליבער שבת־קודש גייט אַוועק,
און די זיבן טעג פון דער וואָך זאָלן קומען
צו געזונט, צו לעבן, צו מזל און ברכה.
צו חן און צו חסד און צו אַ גוטן געווין.
שיק אונדז, השי״ת, אליהו־הנביא אין
אונדזער שטוב אַריין,

ער זאָל ז. ונדז מיט גוטע בשורות־
טובות מבשר־זיין,

אַז די געזונטע זאָלן ניט קראַנק זיין,
און אַז די קראַנקע זאָלן געזונט זיין,
און די הונגעריקע זאָלן געשפייזט זיין,
און די נאַקעטע זאָלן באַקליידט זיין,
און אונדזער האַרץ זאָל דערפרייט זיין,
און פון ביטערן גלות זאָלן מיר דערלייזט
זיין.

צום ערשטן מאָל הייב איך אָן:
הויכער און שטאַרקער! רוף איך דיך אָן,
פאָטער דו מיין, ליבסטער דו מיין,
שיק אונדז, השי״ת, אליהו הנביאן אין
אונדזער שטוב אַריין;

צום צווייטן מאָל הייב איך אָן:
הויכער און שטאַרקער! רוף איך דיך אָן,
פאָטער דו מיין, ליבסטער דו מיין,
שיק אונדז, הש״ית, אליהו הנביאן אין
אונדזער שטוב אַריין;

צום דריטן מאָל הייב איך אָן:
הויכער און שטאַרקער! רוף איך דיך אָן,
פאָטער דו מיין, ליבסטער דו מיין,
מיט זאַלץ און מיט ברויט
שיק אונדז, הש״ית, אליהו הנביאן אין
אונדזער שטוב אַריין,

מיר זאָלן קיינער ניט ליידן קיין הונגער
און קיין נויט.

אָמן כן יהי רצון, אָמן ואָמן.

פון „לעבן און וויסנשאַפט״.

---

# ישמַח משה.

(פאָלקסליד).

ישמח משה, ישמח משה,
יִשְׂמַח מֹשֶׁה בְּמַתְּנַת חֶלְקוֹ.

ווי האָט מען אים גערופן?
כִּי עֶבֶד נֶאֱמָן, כִּי עֶבֶד נֶאֱמָן
כִּי עֶבֶד נֶאֱמָן קָרָאתָ לּוֹ.

וואָס האָט מען אים געגעבן?
כְּלִיל תִּפְאֶרֶת, כְּלִיל תִּפְאֶרֶת
כְּלִיל תִּפְאֶרֶת בְּרֹאשׁוֹ נָתַתָּ לּוֹ.

ווו איז ער געשטאַנען?
בְּעָמְדוֹ לְפָנֶיךָ, בְּעָמְדוֹ לְפָנֶיךָ,
בְּעָמְדוֹ לְפָנֶיךָ עַל הַר סִינַי.

וואָס האָט ער מיט זיך געבראַכט?
וּשְׁנֵי לוּחוֹת אֲבָנִים, וּשְׁנֵי לוּחוֹת אֲבָנִים,
וּשְׁנֵי לוּחוֹת אֲבָנִים הוֹרִיד בְּיָדוֹ.

וואָס שטייט אין זיי געשריבן?
וְכָתוּב בָּהֶם, וְכָתוּב בָּהֶם,
וְכָתוּב בָּהֶם שְׁמִירַת שַׁבָּת.

פון י. ל. כהנס זאַמלונג.

---

# בָּרוּךְ אֱלֹהֵינוּ.

(פאָלקסליד).

ברוך אלהינו, אונדזער גוטער פריינד!
שבת קדש איז דאָך ביי אונדז היינט.
שבת האָט דאָך אַ פּנים פון יענער וועלט,
שבת טאָר מען ניט האַלטן פייער און
געלט.

שבת אין הימל איז פייער פיל,
האָבן די מַלאָכים זייער שפּיל —
טאַנצן און שפּרינגען און לויבן גאָט,
וואָס ער האָט באַשאַפן אונדזער געבאָט.

ג—מ.

# נאַציאָנאַלע מאָטיוון.



דוד איינהאָרן.

* *
*

מיין פאָלק, עס געהערט מיין נשמה דיין טרויער.
אַזוי ווי די שכינה אין שוואַרצן פאַרהילט,
וועט זי אייביק זיצן מיט בענקשאַפט ערפילט
ביי דיר אויף דיין אַלטן צעוואָרפענעם מויער...

און דאָרט אויף די חורבות, פון בלאַסלעכע שטראַלן,
וועט זי איינזאַם שפינען מיין צערטלעכעס ליד,
וואָס וועט דיך דערגרייכן פאַרחלומט און מיד,
און שטיל אין דיין זעלע, ווי פערל צעפאַלן...

מיין ליד וועט אַן איינזאַמע תפילה דיר ווערן,
אַ בעכער פאַר דיינע פאַרלאָזענע טרערן;
מיט אים וועסטו וועבן דיין טרויריקן ניגון,
מיט אים וועלן מאַמעס די קינדער פאַרוויגן!...

דוד איינהאָרן.

---

## גָלות=מאַרש.

מיט דעם וואַנדערשטאָק אין האַנט,
אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד;
אָן אַ גואל, אָן אַ פריינד,
אָן אַ מאָרגן, אָן אַ היינט, —
ביט געדולדעט, נאָר געיאָגט,

ווו געגעכטיקט, ניט געטאָגט,
אימער וויי, וויי, וויי,
אימער גיי, גיי, גיי,
אימער שפאַן, שפאַן, שפאַן,
כל=זמן כח איז פאַראַן

אונדזער גבורה ליגט אין שטויב,
אונדזער תורה איז אַ רויב,
אונדזער נאָמען — אַ געפּאַר,
אונדזער יחוס — נאָר אַ צער,
אונדזער גאונות — נאָר אַ חטא,
אונדזער פיינקייט — אַ געשפּעט,
אימער שלעכט, שלעכט, שלעכט.
אימער קנעכט, קנעכט, קנעכט,
אימער זוך, זוך, זוך
ברכה אין דעם שונאס פלוך.

און אַזוי, אָ, יאָר נאָך יאָר,
און אַזוי, אָ, דור נאָך דור,
אָן אַ האָפנונג, אָן אַ צוועק,
אַיינגעהילט אין גרויל און שרעק,
וואַנדלען מיר וועלט אויס, וועלט אַיין
פון יסורים נאָר צו פּיין.
אימער טרעט, טרעט, טרעט,
אימער בעט, בעט, בעט,
אימער נויט, נויט, נויט,
און קיין גליק זאָגאַר צום טויט.

מאָריס ראָזנפעלד.

---

# פון טיפעניש.

און מיט טרוקענע ביינער די טאָלן פאַרזייט,
און מיט קללות און טויט האָבן ווינטן געוויט.
פון יחזקאל.

מיינע — טויזנטער יאָריקע ווונדן אין מיר —
רופן, בלוטן מיט אָפענע מיילער צו דיר!...
דען מיין מוט איז געבראָכן, עס לעשט זיך מיין פונק
אין תהומות פון חושך, און שוואַך איז מיין צונג
און ניט זיכער מיין טראָט, און מיין זעל איז פול שאַנד,
און עס וואַקלט מיין קני, און אָן מאַכט איז מיין האַנט.
נאָר אין אויג ברענט פון אויטאָ-דאַ-פעען דער בראַנד,
און אין אויער קלינגט גרויזאַם אַ קייטן-געקלאַנג,
און אַ וויינען פון תהילים, און אַ פּריסטער געזאַנג
און אַ גלאָקן-געקלאַנג און געשרייען פון האַס...
און מיין האַרץ ווערט צעפּלאַצט פון אָנמעכטיקן כעס.

נאָך גאַנץ פרי, אויף מיין מויל האָט דיין נאָמען געגליט
און אַן אויג האָט געוויינט און אַ טרער האָט געבריט.
און אַז אויפקומען פלעג איך אין מיטן דער נאַכט,
אויף דער ערד איז געזעסן מיין זיידע פאַרשמאַכט,
און באַשאָטן מיט אַש האָט זיין גרייז-גרויער קאָפּ
שטום געציטערט פאַרצווייפלט אַרויף און אַראָפּ —
און געצוקט האָט פאַר ווייטאָק זיין טרויער-געזיכט...
ס'האָט אין שאָטנס געצאַפּלט דער פלאַם פון דער ליכט
און זיין שטים האָט געציטערט, געכליפּעט, גענאָגט,
און דורך טרערן די תּפילות פון דוד געקלאָגט.
נאָר זיין אויג האָט געבליצט און געברענט און געפלאַמט,
ווי דאָס אויג פון אַ חיה אין גראַטעס פאַרצאַמט,
און דאָס קינדישע האַרץ איז געוואָרן פאַרסמט.

און אין חלום געזען האָב איך דורות אין בלוט:
ס'האָבן מחנות געוואַנדלט, געטריבן פון רוט
מיט געזונקענע אויגן, געבונדענע הענט
און געקלאַפּט האָבן קעפּ זיך אָן אַייזערנע ווענט...
ס'האָט געשמיסן אַ בייטש, ס'האָט געיאָמערט אַ קינד
און געפּייפט האָט מיט צאָרן אַ שניידנדער ווינט!...

י. י. שווארץ.

---

# זאָג, מאַראַן.

(אַ יידיש-שפּאַנישער מאָטיוו)

זאָג, מאַראַן, דו ברודער מיינער,
וווּ איז גרייט דער סדר דיינער?
— אין אַ טיפער הייל אַ חדר,
דאָרט האָב איך געגרייט מיין סדר.

זאָג, מאַראַן, ווי וועסט זיך קליגן
אַ הגדה ווּ צו קריגן?
— אין דער הייל אין טיפע שפּאַלטן
האָב איך זי שוין לאַנג באַהאַלטן.

זאָג, מאַראַן מיר, ווּ, ביי וועמען
וועסטו ווייסע מצות נעמען?
— אין דער הייל, אויף גאָטס באַראָטן
האָט מיין ווייב דעם טייג געקנאָטן..

זאָג, מאַראַן, ווי וועסט זיך ווערן
ווען מע וועט דיין קול דערהערן?
— ווען דער שונא וועט מיך פאַנגען,
וועל איך שטאַרבן מיט געזאַנגען.

אברהם רייזען.

---

# צו מיין פאָלק!

שטיי אויף דער וואַך!
האָט דיך די שעה פון נסיון געטראָפן,
נעם און באַפריש די פאַרראָסטעטע וואָפן,
מאַך נישט די אויגן צו, לייג זיך ניט שלאָפן,
שטיי אויף דער וואַך!
זיי, ווי אַ פעלז!
דער, וואָס פאַרשטייט נאָר זיין אומגליק — דער קאָן עס!
ליאַרעמען בייז מעג דער ים פון סכנות —
שטיי, ווי פאַרגליווערט אין שטרענגער עקשנות,
זיי ווי אַ פעלז!
בעטל קיין טרייסט!
גרויס איז דער וויי פון דיין גרויסער נשמה,
בעט נישט ביי קיינעם קיין שטראַל פון נחמה,
מאַך ניט דיין שטאָלץ און די הייליקייט טמאָא,
בעטל קיין טרייסט!
גלויב אין דיין קראַפט!
מעג זיין דיין קערפּער צעוווּנדעט, צעשטאָכן,
גלויב אין דיין עתיד מיט פעסטן בטחון.

לייב ניידוס.

---

## ווען כ׳צינד די ליכטלעך אָן די אַכט...

פאַרלאָשן זיינען מיינע שטערן
און פינסטער איז די לאַנגע נאַכט,
דאָך הייבט מיר ליכטיק אָן צו ווערן,
ווען כ׳צינד די ליכטלעך אָן די אַכט!

מיין מאַכט פון שטאָלץ איז לאַנג אַריבער,
דער ווילדער שונא שפּאָט און לאַכט;
עס לעבט דאָך אויף דער אַלטער גבור,
ווען כ׳צינד די ליכטלעך אָן די אַכט!

עס שטומען אַלע מיינע לידער
פון גבורה, העלדנטאַט און מאַכט,
דאָך קלינגען זיי אין האַרץ מיר ווידער,
ווען כ׳צינד די ליכטלעך אָן די אַכט!

אַן אַלטע טרער מיין אויג פאַרטונקלט
און האָט עס שיר נישט בּלינד געמאַכט,
דאָך זעט ווי העל צוריק עס פינקלט,
ווען כ׳צינד די ליכטלעך אָן די אַכט...

אברהם רייזען.

---

## ל י כ ט.

נשמות ווימלען שטויביקע,
דער נעפל איז געדיכט —
צינדט אָן די ליכט, די אייביקע,
די חשמונאים-ליכט!

ווען בלוטיקע געוויטערן
צעטרייסלען אונדזער גאַס,
ווען אָרמע הערצער ציטערן
פאַר אָנמאַכט און פאַר האַס –

ווען וויסטע אימות לויערן
אויף אונדזער אַלטן וועג,
ווען אונדזרע שיפן טרויערן
און בענקען נאָך אַ ברעג —

צינדט אָן דעם שיין דעם ליכטיקן—
ער ווייזט אין שווערע טעג
דעם וויכטיקן, דעם ריכטיקן
דעם אויסדערוויילטן וועג!

זאָל לויכטן ער, דערמאָנענדיק
אָן לאַנג פאַרשוועכטן מוט, —
דערוועקנדיק און מאָנענדיק
פון אונדז דעם אַלטן גלות!

עס פעלן הערצער גלויביקע,
דער נעפל איז געדיכט, —
צינדט אָן די ליכט די אייביקע
די חשמונאים-ליכט!

לייב ניידוס.

---

## ט ר י י ס ט.

טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט,
שטאַרקט דאָס האַרץ, מאַכט פעסט דעם גייסט.
זייט נישט דער ווינט, וואָס לעשט די פלאַם,
נאָר בלאָזט זי אויף, ווייל נאַכט איז סם!
נאָר בוימל גיסט און פוצט די קנויט,
ווייל נאַכט איז גיפט און שלאָף איז טויט!
טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט!

מאַכט פעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גייסט,—
עס האָט געלייכט שוין נישט איין נאַכט,
עס האָט געזיגט שוין נישט איין שלאַכט,
און נישט געלאָזט די פאָן פון האַנט!
עס שטייט — אַן אייזן-פעסטע וואַנט
אין וויסטן, ווילד-פאַרקאָכטן ים.
אָ, שטאַרקט דאָס פאָלק! בלאָזט אויף די פלאַם!

אָ, שטאַרקט דאָס פאָלק! נישט אָפּגעשלאָפּט!
זאָל שפּריצן העל די לעבנסקראַפט
אַלס פייערדיקע זייל ביינאַכט — — —

עס זינקט די נאַכט, דער טאָג ערוואַכט!
און שיקט די שטראַל — אַ גאָלדענע פייל —
אַלס גרוס דער פייערדיקער זייל! —
אָ, טרייסט מיין פאָלק, עס דאַרף די טרייסט,
מאַכט פעסט דאָס האַרץ און שטאַרקט דעם גייסט!

י. ל. פּרץ.

---

## גלוסט זיך מיר וויינען...

גלוסט זיך מיר וויינען געשמאַקער פון האַרצן,
ציט מיך, ווי כמאַרעס, צום ים, צו דעם שוואַרצן,
טיפער צו אַייך, מיינע עלנטע ברידער.
כ'ווייס אויך: אַ טרער פון מיין אייגענער מאַמען
עקבערט דעם תהום דאָרט אין אַייערע ימען,
בענקט אפשר שטילערהייט נאָך מיינע לידער.

*

כ'ווייס: איר האָט טרערן נאָך ניט אויסגעוויינטע,
צרות דערציילטע און נאָך מער געמיינטע,
וואָס ווי פאַרשטיקטע, פאַרבאָרגענע קוואַלן
לעכערן שטיינער און רייסן אַיין קברים,
שלענגלען זיך, בלאָנדזשען אין דרערד, ווי אַ וואָרעם —
און ווערן אין דרערד דאָרט פאַרפאַלן.

*

דורכשלאָגן זאָלן זיך אַייערע טרערן!
גרינגער זאָל ווערן און פרייער זאָל ווערן! —
אפשר, ווער ווייסט, וועט נאָך גאָט אַמאָל געבן:
איבערגיין וועלן די פינסטערע ציטן,
אויך אונדז וועט אפשר געראָטן, ווי לייטן,
בעסערס און שענערס דערלעבן!

*

און פאַר אַ זכר פון היינטיקע כמאַרעס
וועט אַייך פאַרבלייבן אַ נייער „על נהרות‟,
וואָס ער וועט הימל און ערד איבערקערן.
גליקלעך איז דער און געבענטשט זאָל דער ווערן '
וואָס וועט פאַראייביקן אַייערע טרערן,
הייליקע, צוויטוויזנטיעריקע טרערן.

ח. נ. ביאַליק

# עלעג׳עס.

## זכור... פון „קינות לת״ב״.

(א) זכור ה׳ — געדענק, גאָט, וואָס איז געשען מיט אונדז, לוג און זע אונדזער שאַנד. (ב) אונדזער אַרב איז פאַרקערט געוואָרן צו אַנדערע, אונדזערע הייזער — צו פרעמדע. (ג) מיר זיינען יתומים און האָבן נישט קיין פאָטער, אונדזערע מוטערס זיינען ווי אַלמנות. (ד) אונדזער וואַסער האָבן מיר געטרונקען פאַר געלט, אונדזער האָלץ האָבן מיר באַקומען פאַר אַ הויכן פּרייז. (ה) אין נאַקן האָט מען אונדז געיאָגט, מיר זיינען מיד געוואָרן און מע האָט אונדז ניט אָפּגעלאָזט. (ו) צו מצרים האָבן מיר אויסגעשטרעקט די הענט, צו אַשור — זיי זאָלן אונדז זעטיקן מיט ברויט. (ז) אונדזערע עלטערן האָבן געזינדיקט און זיי זיינען שוין נישטאָ, און מיר מוזן ליידן זייערע זינד. (ח) קנעכט געוועלטיקן איבער אונדז און קיינער לייזט אונדז ניט אויס פון זייערע הענט. (ט) מיט סכּנות נפשות האָבן מיר אַריינגעבראַכט אונדזער ברויט (צוליב דער געפאַר) פון דעם שווערד אין מדבר. (י) אונדזער הויט איז ווי דער אויוון דערהיצט געוואָרן צוליב דעם פיבער פון הונגער. (יא) ווייבער האָבן זיי געפּייניקט אין דער שטאָט ציון, יונגפרויען — אין די שטעט פון יהודה. (יב) די האַרן זיינען געהאַנגען געוואָרן דורך זייער האַנט (פון די שונאים), דאָס פּנים פון די זקנים האָבן זיי ניט געשוינט. (יג) די בחורים האָבן געשלעפּט מילשטיינער און די יונגע קינדער זיינען געשטרויכלט געוואָרן איבער די האָלץ (וואָס זיי האָבן געשלעפּט). (יד) די אַלטע לייט זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון די טויערן, די יונגע לייט — פון זייערע געזאַנגען. (טו) עס איז פאַרשטערט געוואָרן די פרייד פון אונדזער האַרץ, אונדזער טאַנץ איז פאַרקערט געוואָרן צו טרויער. (טז) עס איז אַראָפּגעפאַלן די קרוין פון אונדזער קאָפּ. ווי איז אונדז וואָס מיר האָבן געזינדיקט! (יז) אויף דעם טוט ווי טאָן אונדזער האַרץ, איבער דעם זיינען פאַרטונקלט געוואָרן אונדזערע אויגן: (יח) אויף דעם באַרג ציון, וואָס איז פאַרוויסט געוואָרן, פוקסן טוען דאָרט אַרומגיין.

---

# יידישע מאָטיוון.

I.

האָסט ניט צוגעהערט מיין תּפילה,
ניט פאַרנומען מיין געוויין —
און מיין הייסע טרער געפאַלן
איז אויף האַרטן, קאַלטן שטיין.

און אין שוואַרצן טאָג פון צאָרן
האָסט דיין פּנים אָפּגעווענדט —
כ׳האָב אומזיסט צו דיר גערופן,
ס׳האָט אומזיסט מיין האַרץ געברענט.

און פאַר זינד פון טאַטעס שטראָפסט
פּיצלעך עופהלעך פון ברוסט;
און די קינדערשע געמיטער
ווערן פרי פון פלאַם געקושט.

פון די יונגע קלאָרע אויגן
ברענט אַ האַס אַרויס און שפּריצט;
אויף די בלייכע יונגע ליפּן
ווערט אַ קללה איינגעקריצט.

האָסט ניט צוגעהערט מיין תפילה,
ביט פאַרנומען מיין געוויין —
און מיין הייסע טרער געפאַלן
איז אויף האַרטן, קאַלטן שטיין.

II.

...און וואָס וועסטו ענטפערן, גאָט,
און וואָס וועסטו זאָגן —
ווען קומען אַמאָל וועט דער טאָג,
די שעה וועט שלאָגן ?...

מיט וואָס וועסטו ענטפערן, גאָט,
פאַר גיהנמס פון דורות,
וואָס האָבן געגליט און געזידט
פאַר קיינעמס עבירות ?...

און ווי וועסטו שטילן דעם שטראָם,
פון טרערן די ימען —
דעם קול פונם שרייענדן בלוט
אין פייער און פלאַמען ?

און ווי וועסטו לעשן דעם פלאַם
פון נקמה אין האַרצן ?
דעם בליק פונם קינד, וועלכער ברענט
מיט פייער מיט שוואַרצן ?

ווען קומען אַמאָל וועט דער טאָג,
די שעה וועט שלאָגן —
אוי, וואָס וועסטו ענטפערן, גאָט,
און וואָס וועסטו זאָגן ?

י. י. שווארץ.

---

# יידישע עלעגיע.

אַ צער פון טויזנט דורות ליגט אויף מיר;
די גרויסע פיין געשטעמפלט האָט מיין שטערן.
מיין טייערע, ווער ווייס, צי איך וועל ווען
דעם שופר פון מיין אויסלייזונג דערהערן ?

מיין טייערע, איך ווייס ניט, וואָס איז שווער,
צי הבלס טויט, צי קינס לאַנגער לעבן, —
נאָר מיך באַשטראָפט אין צווייען האָט מיין גאָט:
ער האָט דעם צער פוןביידן מיר געגעבן.

אַליין בין איך פון אַלעמען פאַרשעמט
און טראָג אויף זיך די זינד פון אַלע מענטשן —
ווו נעמט מען, זאָג, די כוחות פון אַמאָל:
אין פייער גיין — און גאָט פון דאָרטן בענטשן ?

דוד איינהאָרן.

---

*  *
*

I.

און ווי נאָר דער פרילינג באַווייזט זיך אין פעלד,
דערפיל איך זיך עלנט און שפּל.
כ׳גיי אום אויפן גרויסן פּאַראַד פון דער וועלט,
ווי צווישן חתנים אַן אָבל.

עס שלעפּן די פיס זיך אין גאָרטן, אין וואַלד,
און ווו נאָר אַ גרעזל טוט גרינען;
דאָס האַרץ אָבער ׳בלייבט צום אַרומיקן קאַלט
און קאָן זיך קיין טרייסט ניט געפינען...

וואָס פייניקט אַזוי מיך און וואָס אַזוי קלעמט,
ווען פול איז די וועלט מיט געזאַנגען;
וואָס פיל איך אַזוי זיך דערשלאָגן און פרעמד,
ווען אַלץ איז פון ליבע געפאַנגען?

און טריבע געדאַנקען, און שווערע ווי בליי
זיך פלאָנטערן, קריכן אין מוח —
אָ, ניין, ניט פאַר מיר האָט צעבליט זיך דער מאַי,
ניט מיר שיקט דער גאָרטן זיין ריח!

II.

מיך רייצן די דופטן און זאָגן מיט שפּאָט:
„דערשטיק דיינע בעסטע פאַרלאַנגען“.
אַ ווינטל לויפט דורך און פאַרטרויט מיר אַ סוד:
„פאַרגאַנגען דיין פרילינג, פאַרגאַנגען“.

עס זאָגט מיר די חנעוודיק בליענדע בלום:
„פאַרוועלקט איז דיין יוגנט אין שימל“.
„אַן אייביקע כמאַרע דיך וויקלט אַרום“ —
פאַרנעם איך פון לויטערן הימל.

„פאַרשלאָסן דיין גייסט, אין אַ שטייגל פאַרשפאַרט“ —
דער פויגל־כאָר רופט אין זיין שאַלן.
„דו בלאָנדזשעסט אין חושך, בייטאָג ווי ביינאַכט“ —
מיר בלענדנדיק זאָגן די שטראַלן.

און זעצט זיך די זון, און אַ טוי פאַלט אַרויס,
און שאָטנס פאַרשפרייטן זיך קילע.
דאַן פרווו איך זיך קניען, נאָר כ׳ווייס שוין פאָרויס:
פאַרהאַסט און פאַרשעמט איז מיין תפילה.

נ. אייזין.

# אמאליקע טעג.

צעשטעלט זיך אין רייען אַמאָליקע טעג,
פאַרשווונדענע טעג פון מיין לעבן,
איך וועל אַייך אַדורכגיין פון אָנהייב
ביז ברעג,
און יעדערן „שלום" אָפּגעבן.

איך וועל מיר פאַר יעדערן געבן אַ נייג,
און שטרעקן מיט ליבשאַפט די האַנט אַייך;
עס וועט זיך באַווייזן אַ טרער אין מיין
אויג —
אַן אַלטע—זי איז דאָך באַקאַנט אַייך.

אָך, קלייבט זיך צוזאַמען פאַרגאַנגענע טעג!
פאַרגעסט וואָס איך האָב אַייך געשאָלטן,
עס איז נאָר געוועזן פאַר צרות אָן ברעג
עס האָט מיר מיט אַייך ניט געגאָלטן.

איר זענט אַזוי חושכדיק פינסטער געוועזן
און שווער ווי די ריזיקע בערגער,
געהאָפּט האָב איך בעסערע טעג פאַר
מיר זען,
אומזיסט אָבער—די זיינען ערגער! ..

אברהם רייזען

---

# עלעגיע.

די זון פאַרגייט אין פלאַמען.
די זון — מע זעט זי קוים.
אַזוי פאַרגייט מיין האָפענונג,
אַזוי פאַרלעשט מיין טרוים.

די נאַכט, די נאַכט איז פינסטער,
די נאַכט איז שטום און שוואַרץ,
אַזוי זעט אויס מיין טרויער,
אַזוי זעט אויס מיין האַרץ...

וועלט, דו, וועלט, דו זאָרג ניט —
באַלד לייכט אויף דיין טאָג!
אייביק איז מיין טרויער,
אייביק איז מיין קלאָג.

יצחק קאַצענעלסאָן.

---

# נע־ונד.

פון לאַנד צו לאַנד, פון שטאָט צו שטאָט,
עס פאַלן שווער די אויגן צו;
דו וואַנדערסט טעג, דו וואַנדערסט נעכט
און בענקסט נאָך פריינד, און בענקסט נאָך רו

דו זוכסט — און ווייסט ניט וואָס דו ווילסט,
דו טראַכסט — און ווייסט ניט דיין געדאַנק!

ביסט יונג, און וואַרעם איז דיין בלוט
און פילסט זיך מיד, און פילסט זיך קראַנק.

עס טרייבט אַן אומבאַוווסטע מאַכט
און שטרענג באַפעלט זי: גיי און גיי!
דו גייסט — און ס'שטאַרבן טעג נאָך טעג
און עפּעס טוט דיר אַזוי וויי.

דו פרעגסט: וואָס איז דער צוועק פון גיין?
און זיפצסט אַליין: ווער ווייסט!... ווער ווייסט?...
און בלייבן בלייבסטו נע־ונד,
און שטאַרבן ווערסטו אָן אַ טרייסט...

שעפּס.

---

# כאָטש אַ טרער.

איך בין מער די גאָלדענע צייט ניט מקנא,
פון יוגנט און גלויבן און גליק,
ווען מיר האָט אין האַרצן דער פרילינג געלויכטן
און מאַי האָט געלאַכט אין מיין בליק...

דאָס האַרץ איז פאַרחושכט, דער קאָפּ איז געבויגן,
עס איז גאָר ניטאָ מער דער מוט —
צו טראַכטן פון דאַמאָלסט—עס גלויבט זיך שיר גאָרניט
אַז ס'איז ווען אַמאָל געווען גוט...

נאָר איין זאַך, איין איינציקע, בין איך מקנא,
און קען ניט פאַרגעסן נאָך יעצט:
די טרער, וועלכע האָט ווי אַ רעגן אום זומער
די אויגן מיט פרישקייט באַנעצט...

דאַן פלעגן די שמערצן ווי נעפּל צערינען,
די וואָלקנס צעפליען גאָר שנעל,
די ברוסט פלעגט זיין פרייער, דער קאָפּ פלעגט זיך הויבן,
די וועלט פון דאָס ניי ווערן העל...

איצט זיינען די ליידן ווי פינסטערע קריעס,
דאָס האַרץ איז אַ פעלזיקער שטיין,
ניטאָ וואָס ס'זאָל שמעלצן די פראָסטיקע אייז־בערג,
און מאַכן די פעלזן צעגיין...

דער שטיין ווערט אַלץ האַרטער, די לאַסט ווערט אַלץ שווערער,
און דריקט וואָס אַ רגע אַלץ מער,
עס בעט זיך אומזיסט די פאַרקלעמטע נשמה,
אַ טרער כאָטש, אַן איינציקע טרער...

יהואָש.

---

## הארבסט־מאָטיוו.

טאָג — און דאָך קיין ליכט ניט;
נאַכט — און דאָך קיין שטערן;
שווערע, שוואַרצע וואָלקנס —
און קיין דונער הערן.

טויטע, טעמפּע קלאַנגען,
טונקל־גרויע פאַרבן;
אַלעס, דאַכט זיך, גוסטט,
אַלעס קלייבט זיך שטאַרבן.

און עס פרירט אין האַרצן,
ס׳שטאַרבט אָפּ שטיל דאָס האָפן;
מאַכטלאָז בויגט דער קאָפּ זיך —
שלאָפן, שלאָפן, שלאָפן!...

ל. לאנדוי.

---

## דער אָוונטגלאָק.

אָ, מוזע, רוף מיך נישט מיט דיינע צויבערפינגער,
וועק נישט די סטרונעס פון מיין קראַנקן האַרץ!
פאַרמשפּט איז צום טויט דיין בלאַסער זינגער,
צו ענדע איז דאָס ליד פון קאַמף און שמאַרץ.

זיין וועג איז זייער שווער, ער האָט אויף אים באַגעגנט
דערנער, שטיינער, פאַרליימדונג, הונגער נויט און קעלט—
עס האָט געבליצט, געדונערט און גערעגנט
און ער האָט אָפּדאַכלאָז געוואַנדערט אויף דער וועלט.

איצט קלאַפּט דער טויט אין זיין לעבנסקאַמער,
ער זאָגט: „צו ענדע איז דיין אַרבעטסטאָג,
פאַרלעש דיין פייער, לייג אַוועק דיין האַמער,
קום! דו הערסט?... עס קלינגט דער אָוונטגלאָק.

עס קלינגט דער אָוונטגלאָק, יאָ, איך הער אים קלינגען,
מיין טויט־אורטייל הער איך אין זיין קלאַנג.
און לעבן ווילט זיך... עס ווילט זיך טרוימען, זינגען,
קעמפן קעגן יעדן שקלאַפנצוואַנג...

איך וואָלט געוואָלט, אָ פאָלק, דיין רויטן זעגל
נאָך מאַכן רויטער מיט מיין האַרצנס בלוט...
און ווי אַ לייב מיט זיינע שאַרפע נעגל
דיין פיינד באַקעמפן מיט שטאָלצן העלדנמוט.

דאָך, וואָס נוצן די הייליקסטע פאַרלאַנגען?
צו ענדע איז מיין לעבנסשטורעמטאָג! —
צו ענדע — טרוימען, כּרערן און געזאַנגען,
ער רופט, דער טויט, עס שלאָגט דער אָוונטגלאָק.

ד. עדעלשטאַט.

# פּ׳לאָזאָפּ׳שע מאָט׳וון.

---

## פונם ספר „קהלת״.

### קאַפּיטל א.

א) די ווערטער פון קהלת דעם זון פון דוד, קיניג אין ירושלים: —

ב) נאַרישקייט פון נאַרישקייטן — זאָגט קהלת — נאַרישקייט פון נאַרישקייטן; אַלץ איז נאַרישקייט!

ג) וואָס פאַר אַ נוץ איז דעם מענטשן אין זיין גאַנצער מאַטערניש, וואָס ער מאַטערט זיך אונטער דער זון?

ד) אַ דור פאַרגייט און אַ דור קומט אָן, און די ערד באַשטייט אייביק.

ה) און עס שיינט (אַרויס) די זון, און עס פאַרגייט די זון און פון איר פּלאַץ, צו וועלכן זי שטרעבט דאָרטן, שיינט זי (ווידער) אַרויס.

ו) גייענדיק צו דרום און זיך אומדרייענדיק צו צפון, קרייזט זיך און גייט רונד אַרום דער ווינט, און אין זיינע קרייזן קערט אום זיך דער ווינט.

ז) אַלע שטראָמען גייען צום ים און דער ים ווערט ניט פול; פון דעם פּלאַץ, וווהין די שטראָמען גייען, (פון) דאָרטן קומען זיי ווידער.

ח) אַלע זאַכן מיען זיך. קיין מענטש קען (עס) ניט אויסדריקן. ניט זאַט ווערן קען דאָס אויג זעענדיק און ניט פול דאָס אויער — הערנדיק.

ט) וואָס איז געשען, דאָס וועט (ווידער) געשען און וואָס איז געטאָן געוואָרן, דאָס וועט (ווידער) געטאָן ווערן; און עס איז ניטאָ קיין נייס אונטער דער זון.

י) פאַראַן אַ זאַך, וואָס מע זאָגט (אויף איר): אָט זע, עס איז אַ נייס! (און דאָך) איז עס שוין געווען פון אַלטע צייטן, (און) שוין געווען פאַר אונדז.

יא) (עס בלייבט ניט) קיין אָנדענקען פון די אַמאָליקע, און פון די שפּעטערדיקע, וואָס וועלן ערשט זיין, פון זיי וועט אויך ניט בלייבן קיין אָנדענקען צווישן די, וואָס וועלן נאָך שפּעטער זיין.

יב) איך, קהלת, בין געווען קיניג איבער ישראל אין ירושלים.

יג) און איך האָב אָפּגעגעבן מיין האַרץ צו זוכן און צו פאָרשן מיט קלוגהייט וועגן אַלצדינג, וואָס פּאַסירט אונטער די הימלען. דאָס (אויך) איז אַ שלעכטע באַשעפ־טיקונג, וואָס גאָט האָט געגעבן דעם מענטשנס קינדער זיך צו באַשעפטיקן מיט איר.

יד) איך האָב געזען (די) אַלע זאַכן, וואָס ווערן געטאָן אונטער דער זון, און אַלצדינג איז בלויז נאַרישקייט און ווינט־יאָגעניש —

טו) אַ פאַרקרימונג, וואָס מע קען ניט אויסגלייכן, און אַ פעלער, וואָס קען ניט גאַנץ געמאַכט ווערן.

טז) גערעדט האָב איך מיט מיין האַרצן, זאָגנדיק: אָט בין איך גרויס געוואָרן און האָב דערוואָרבן מער קלוגהייט ווי איטלעכער, וואָס איז געווען פאַר מיר (אַ הער־שער) איבער ירושלים, און מיין האַרץ האָט אָנגעזען פיל חכמה און קענטעניש.

יז) און איך האָב אָפּגעגעבן מיין האַרץ צו פאַרשטיין חכמה און (אויך) צו פאַרשטיין משוגעת און נאַרישקייט; איך ווייס אָבער, אַז דאָס אויך איז ווינט־יאָגעניש.

יח) דען אין פיל חכמה איז פיל פאַרדרוס, און דער, וואָס מערט קענטעניש, מערט ווייטאָק.

## קאַפּיטל ב.

א) איך האָב געזאָגט אין מיין האַרצן: קום לאָמיך דיך פּרובירן מיט לוסטי־קייט, און געניסן גוטס זאָלסטו; אָבער דאָס אויך איז נאַר־שקייט.

ב) אויף לאַכן האָב איך געזאָגט: ס׳איז משוגע, און אויף לוסטיקייט — וואָס טוט זי אויף?

ג) איך האָב געקלערט אין מיין האַרצן, צו־צוגעווינען צו וויין מיין לייב (צו דער זעלבער צייט וואָס) מיין האַרץ זאָל זיך מיט חכמה אַרומפירן; און זיך האַלטן אָן נאַרישקייט ביז איך וועל זען, וועלכעס איז דאָס בעסטע פאַר דעם מענטשנס קינדער, וואָס זיי זאָלן טאָן אונטער די הימלען אין זייערע געציילטע טעג פון לעבן.

ד) איך האָב גרויסע זאַכן אויפגעטאָן: איך האָב מיר געבויט הייזער, איך האָב מיר געפלאַנצט וויינגערטנער.

ה) איך האָב מיר געמאַכט גערטנער און סעדער און איך האָב איינגעפלאַנצט אין זיי יעדן (סאָרט) פרוכטבוים.

ו) איך האָב מיר געמאַכט סאַזעווקעס פון וואַסער, אום פון זיי אָנצוטרינקען דעם וואַלד מיטביימער באַוואַקסן.

ז) איך האָב איינגעשאַפט קנעכט און דינסטן, און הויז־שקלאַפן האָב איך גע־האַט; איך האָב געהאַט אַ סטאַדע פון רינדער און שאָף מער ווי אַלע, וואָס זיינען געווען פאַר מיר אין ירושלים.

ח) איך האָב מיר אויך אָנגעזאַמלט זילבער און גאָלד און אוצרות פון קיניגן און פון די לענדער; איך האָב מיר איינגעשאַפט זינגערס און זינגערינס און די פאַר־גניגנס פון דעם מענטשנס קינדער און אַלערליי רייצנדע שיינהייטן.

ט) און איך בין געווען גרעסער און האָב מער דערוואָרבן ווי איטלעכער, וואָס איז געוועזן פאַר מיר אין ירושלים; אויך איז מיר מיין חכמה בייגעשטאַנען.

י) און (קיין זאַך), וואָס מיינע אויגן האָבן פאַרלאַנגט, האָב איך פון זיי ניט געמינדערט; איך האָב ניט צוריקגעהאַלטן מיין האַרץ פון קיין לוסטיקייט, כּדי מיין האַרץ זאָל זיך אָנפרייען מיט מיין האָרעוואַניע, דען דאָס איז דאָך געווען מיין (איינציקער) טייל פון מיין האָרעוואַניע.

יא) האָב איך זיך אָבער געקערט צו אַלע מיינע אויפטועון, וואָס מיינע הענט האָבן אויפגעטאָן, און צו דער האָרעוואַניע, וואָס איך האָב געהאָרעוועט אום (דאָס) אויפצוטאָן און — אַלץ איז נאַרישקייט און ווינט־יאָגעניש און קיין נוץ איז ניטאָ אונטער דער זון.

יב) און געווענדט האָב איך זיך צו זען חכמה און ס׳איז משוגעת (בלויז) און נאַרישקייט; דען וואָס (קען אויפטאָן) דער מענטש, וועלכער קומט נאָך דעם קיניג? (בלויז) דאָס וואָס מע האָט שוין פריער געטאָן.

יג) דאַן האָב איך איינגעזען, אַז אַ מעלה האָט חכמה איבער נאַרישקייט, ווי די מעלה פון ליכט איבער פינסטערניש.

יד) דער חכם האָט זיינע אויגן אין קאָפּ און דער נאַר גייט אין פינסטערניש. אָבער איך ווייס אויך, אַז איין שיקזאַל וועט זיי אַלעמען טרעפן.

טו) און איך האָב געזאָגט אין מיין האַרצן: ווי דער שיקזאַל פון דעם נאַרן,

(אַזוי) וועט מיר אויך פּאַסירן, צו וואָס דען בין איך קליגער געוועזן? און איך האָב געטענהט מיט מיין האַרצן, אַז דאָס אויך איז נאַרישקייט.

טז) דען עס בלייבט ניט קיין ערינערונג פון דעם חכם אַזוי ווי פון דעם נאַרן — אויף אייביק; דען דאָס אַמאָליקע וועט אין די קומענדיקע טעג אינגאַנצן פאַרגעסן זיין. און ווי שטאַרבט דער חכם? — גלייך ווי דער נאַר.

יז) און איך האָב פיינט געקראָגן דאָס לעבן, ווייל צווידער איז מיר געוואָרן די פּאַסירונג, וואָס פּאַסירט אונטער דער זון; דען אַלצדינג איז נאַרישקייט און ווינט־יאָגעניש.

יח) און איך האָב פיינט געקראָגן מיין גאַנצע האָרעוואַניע, וואָס איך האָב אָנ־געהאָרעוועט אונטער דער זון, אום זי איבערצולאָזן פאַר אַ מענטשן, וואָס וועט קומען נאָך מיר.

יט) און ווער ווייס, צי וועט ער אַ חכם זיין אָדער אַ נאַר? און דאָך וועט ער געוועלטיקן איבער מיין האָרעוואַניע, וועלכע איך האָב צונויפגעהאָרעוועט מיט מיין חכמה אונטער דער זון. דאָס אויך איז נאַרישקייט.

כ) און איך האָב זיך איבערגעלייגט, זיך מיאש צו זיין אין מיין האַרצן פון מיין גאַנצער האָרעוואַניע, וואָס איך האָב אָנגעהאָרעוועט אונטער דער זון.

כא) דען ס'איז דאָ אַ מענטש, וואָס זיין אַרבעט איז מיט חכמה און מיט קענ־טעניש און מיט פעיִקייט, און פאַר אַ מענטשן וואָס האָט דערויף ניט געאַרבעט לאָזט ער איבער זיין אייגנטום. דאָס אויך איז אַ נאַרישקייט און אַ גרויסער אומרעכט.

כב) דען וואָס קומט אַרויס דעם מענטשן פון זיין גאַנצער האָרעוואַניע און פון דער שטרעבונג פון זיין האַרצן — וואָס ער מיט זיך (אַזוי) אונטער דער זון?

כג) דען אַלע זיינע טעג זיינען ווייטאָקן און זיין באַשעפטיקונג — פאַרדרוס; צומאָל ביינאַכט שלאָפט ניט זיין האַרץ. דאָס אויך איז נאַרישקייט.

כד) עס איז אויך ניט גליק פאַר דעם מענטשן, ער זאָל עסן און טרינקען און לאָזן זיין זעל געניסן גוטס פאַר זיין האָרעוואַניע. דאָס אויך, האָב איך געזען, קומט פון גאָטס האַנט.

כה) דען ווער נאָך קען עסן און געניסן מער ווי איך (האָב געקענט)?

כו) דען דעם מענטשן, וואָס איז ביי אים אָנגענומען, גיט ער (גאָט) חכמה און קענטשאַפט און פרייד; און דעם זינדיקן גיט ער אַ באַשעפטיקונג: צו קלייבן און צו זאַמלען (אום עס דערנאָך) אַוועקצוגעבן צו דעם, וואָס איז אָנגענומען ביי גאָט. דאָס אויך איז נאַרישקייט און ווינט־יאָגעניש.

יידיש יהואש.

# פונם ספר „איוב“.

דער העלד פונם בוך „איוב“ — איז אַן אמת פרומער מאַן, וואָס צייכנט זיך אויס מיט זיינע מדות טובות, אים קומט אויס אויסצושטיין זייער אַ סך צרות; זיין עשירות איז צערויבט געוואָרן, זיין משפחה צעשטערט, און ער גופא איז געוואָרן געשטראָפט מיט אַ שרעקלעכער צרעת. זיינע פריינט קומען אים טרייסטן; צווישן אים און זיינע פריינט קומט פאָר אַ ריי דיאַלאָגן. מיר ברענגען דאָ אַ פּאָר קאַפּיטלעך פון איובס ענטפערס אויף זיינע פריינדס טרייסטווערטער און מוסר.

## קאַפּיטל ט.

א) און איוב האָט געענטפערט און געזאָגט:

ב) ווי קען אַ מענטש גערעכט זיין קעגן גאָט?

ג) ווען ער זאָל וועלן זיך קריגן מיט אים, וואָלט ער אים ניט געקענט ענטפערן איינס פון טויזנט.

ד) קלוגהאַרציק (איז ער) און שטאַרק אין קראַפט. ווער האָט זיך אַיינגעשפּאַרט קעגן אים און איז געבליבן גאַנץ?

ה) ער רוקט איבער בערג (פון זייער פּלאַץ) און זיי ווייסן ניט; ער (איז דער, וועלכער) קערט זיי אום קאַפּויר אין זיין צאָרן.

ו) ער שאָקלט די ערד אַרויס פון איר אָרט און אירע זיילן ווערן צעטרייסלט.

ז) ער זאָגט נאָר צו דער זון, און זי שיינט ניט, און אויף די שטערן לייגט ער אַ זיגל.

ח) ער האָט די הימלען אויסגעצויגן איינער אַליין און ער טראָמפּלט אויף די הויכקייטן פון ים.

ט) ער האָט באַשאַפן די שטערן פון בער, דעם אָריאָן און די זיבן גרויסע שטערן און די קאַמערן פון דרום.

י) ער טוט זאַכן גרויסע, גאָר ניט צו דערפאָרשן, און וווּנדער — אָן אַ צאָל.

יא) דאַכט זיך, ער גייט מיך פאַרביי, דאָך זע איך אים ניט; ער גייט דורך און איך באַמערק אים ניט.

יב) ווען ער כאַפּט אַוועק, ווער וועט אים אָפּהאַלטן? ווער וועט אים זאָגן: וואָס טוסטו?

יג) גאָט ציט ניט צוריק זיין צאָרן. אונטער אים בייגן זיך די העלפערס פון דעם שטאָלצן.

יד) און איך זאָל אים ענטפערן? און אויסקלייבן מיינע ווערטער קעגן אים?

טו) ווען איך זאָל אַפילו גערעכט זיין, קען איך ניט ענטפערן. איך קען זיך בלויז בעטן פאַר מיין ריכטער.

טז) ווען איך זאָל רופן און ער זאל מיר אָפּענטפערן, וואָלט איך אויך ניט געגלויבט, אַז ער פאַרנעמט מיין שטים.

יז) ער, וועלכער צעשמעטערט מיך מיט זיין שטורעמווינט און האָט געמערט מיינע ווונדן אומזיסט.

יח) ער לאָזט מיך ניט מיין אָטעם אָפּציען, דען ער פילט מיך אָן מיט ביטערקייטן.

יט) קומט עס צו קראַפט, איז ער מעכטיק. קומט עס צו געריכט, ווער וועט אים פאַר מיך גיין לאָדן?

כ) ווען איך זאָל אַפילו גערעכט זיין, וועט מיך מיין אייגן מויל באַשולדיקן, ווען איך זאָל זיין אומשולדיק, וועט ער מיך אַלס פאַרדאָרבן אַרויסשטעלן.

כא) בין איך אומשולדיק? איך ווייס אַליין ניט מיין אייגענע זעלע. איך פאַראַכט מיין אייגן לעבן.—

כב) עס איז אַלץ איינס. דעריבער האָב איך געזאָגט: אי דעם אומשולדיקן אי דעם פאַרדאָרבענעם פאַרניכטעט ער.

כג) ווען די רוט טויט פּלוצלונג (עמיצן), דאַן לאַכט זי פון די פּייניקונגען פון די אומשולדיקע.

כד) די ערד איז איבערגעגעבן געוואָרן אין דער האַנט פון דעם שלעכטן. די געזיכטער פון די ריכטער האָט ער פאַרדעקט. אויב ניט (ער), ווער דען איז עס?—

כה) און מיינע טעג זיינען פלינקער ווי אַ שטאַפעט, זיי זיינען אַנטלאָפן און האָבן קיין גוטס ניט געזען.

כו) זיי זיינען פאַרשווונדן ווי שיפלעך פון ריטער, ווי דער אָדלער, וועלכער פלאַטערט אַרונטער אויף (זיין) שפּייז.

כז) זאָל איך זאָגן: איך וועל פאַרגעסן מיין קלאָג, איך וועל אַוועקוואַרפן מיין טרויער-געזיכט און וועל מונטער זיין—

כח) האָב איך מורא פאַר מיינע ווייטאָקן, איך ווייס, אַז דו וועסט מיך ריין ניט אַרויסלאָזן.

כט) איך וועל בלייבן דער שולדיקער. צו וואָס דען זאָל איך זיך מיען פאַר גאָרנישט?

ל) ווען איך זאָל זיך האָבן געוואַשן אין שניי-וואַסער און האָבן געריייניקט מיינע הענט מיט לויג—

לא) וואָלסטו מיך אין אַ זומפּיקן גראָבן איינגעטונקען און מיינע קליידער וואָלטן מיך עקלהאַפט געמאַכט.

לב) דען ער איז ניט אַ מענטש אַזוי ווי איך, איך זאָל אים ענטפערן, און מיר זאָלן צוזאַמען קומען פאַר געריכט.

לג) עס איז ניטאָ ווער עס זאָל צווישן אונדז אַנטשיידן, ווער עס זאָל אויף אונדז ביידן אַרויפלייגן זיין האַנט.

לד) זאָל ער נאָר אָפּטאָן פון מיר זיין רוט, זאָל זיין שרעק מיך נאָר ניט סטראַשען—

לה) און איך וועל ריידן און איך וועל זיך פאַר אים ניט שרעקן, דען איך ביי זיך בין ניט אַזוי (שולדיק).

## קאַפּיטל י.

א) מיין זעל איז מיד פון מיין לעבן, איך וועל לויז לאָזן מיין קלאָג, איך וועל ריידן אין דער ביטערניש פון מיין געמיט.

ב) איך וועל זאָגן צו גאָט: פאַראורטייל מיך ניט, לאָז מיך וויסן פאַר וואָס דו שטרייטסט קעגן מיר.

ג) איז דיר גוט, ווען דו אונטערדריקסט? ווען דו פאַראַכטעסט דאָס ווערק פון דיינע הענט און באַלייכטסט די פּלענער פון די וואָס טוען שלעכטס?

ד) האָסטו דען אויגן פון פליש? קוקסטו דען ווי אַ מענטש קוקט?

ה) זיינען דיינע טעג אַזוי ווי די טעג פון אַ מענטשן? אָדער זיינען דיינע יאָרן ווי די טעג פון אַ מאַן?—

ו) ווען דו זוכסט מיין זינד און פאָרשט נאָך מיין פאַרברעכן.

ז) ווייסטו דאָך, אַז איך בין אומשולדיק, און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל ראַ־טעווען פון דיין האַנט.

ח) דיינע הענט האָבן מיך געפורעמט, האַרמאָניש צוזאַמען רונד אַרום, און דאָך פאַרניכטעסטו מיך.

ט) דערמאָן זיך, אַזוי ווי ליים האָסטו מיך געקנאָטן. ווילסטו מיך ווידער אומ־קערן אין שטויב?

י) דו האָסט מיך דאָך אַזוי ווי מילך אויסגעגאָסן, ווי קעז האָסטו מיך פאַר־גליווערט.

יא) מיט הויט און מיט פלייש האָסטו מיך פאַרקליידט. מיט ביינער און מיט אָדערן האָסטו מיך דורכגעוועבט.

יב) לעבן און גנאָד האָסטו מיר געשאָנקען און דיין אויפפאַסונג האָט אָפּגעהיט מיין גייסט.

יג) דאָך דאָס האָסטו פאַרבאָרגן געהאַלטן אין דיין האַרצן; איך ווייס אַז, דאָס איז ביי דיר געוועזן (באַשלאָסן):

יד) אַז אויב איך זינדיק זאָלסטו אויף מיר אַכט געבן, און פון מיין שולד זאָלסטו מיך ניט פריישפּרעכן.

טו) אויב איך בין שלעכט, דאַן וויי איז מיר, און ווען איך בין גערעכטיק, זאָל איך מיין קאָפּ ניט אויפהויבן. איך בין געזעטיקט מיט שאַנד. אָ, זע מיין עלנט׳

טז) און עס ווערט אַלץ גרעסער. ווי אַ לייב יאָגסטו זיך נאָך מיר, און קערסט זיך אַלץ ווידער אום זיך קעגן מיר וווּנדער (גרויזאַם) אַרויסצוּווייזן.

יז) דו באַנייסט דיינע עדות קעגן מיר, דו פאַרמערסט קעגן מיר דיין צאָרן. ענדערונגען און אָפּקומענישן (קומען נאָכאַנאַנד) איבער מיר.

## קאַפּיטל כא.

א) און איוב האָט געענטפערט און געזאָגט:

ב) אָ, הערט מיין וואָרט און זאָל דאָס זיין די טרייסטונג אַייערע (וואָס איר זאָלט מיר געבן).

ג) האָט געדולד מיט מיר און איך וועל ריידן, און נאָך מיין ריידן וועט איר מאַכן שפּאַס.

ד) האָב איך דען קעגן אַ מענטשן אַ קלאַגע? — וואָרום זאָל מיין געדולד ניט פּלאַצן?

ה) קערט זיך צו מיר און ווערט דערשטוינט, לייגט אַרויף די האַנט צום מויל.

ו) ווען איך דערמאָן זיך, ווער איך דערשראָקן, אַ ציטערניש נעמט אָן מיין פלייש.

ז) וואָרום לעבן די וואָס טוען שלעכטס, זיי עלטערן זיך און ווערן רייך?

ח) זייערע קינדער שטייען לעבן זיי, זייערע שפּראָצונגען (זיינען) פאַר זייערע אויגן.

ט) זייערע הייזער זיינען זיכער פון שרעקן, און די רוט פון גאָט (פאַלט) ניט אויף זיי.

י) זיין אָקס באַפרוכפּערט און פאַרפעלט ניט, זיין קו קעלבט זיך און פאַר־וואַרפט ניט.

יא) זיי שיקן זייער יונגוואַרג אַרויס ווי די לעמער, זייערע קינדערלעך שפּרינגען (לוסטיק) אַרום.

יב) זיי נעמען פויק און האַרף און מאַכן זיך לוסטיק צו דעם קלאַנג פון דער פלייט.

יג) זיי פאַרברענגען זייערע טעג אין װוילטאָג און אין אַ רגע (אָן לאַנגע מאַ-טערניש) גייען זיי אין גרוב אַריין.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

כב) קען (עמיצער) לערנען קענטעניש צו גאָט, װעלכער אורטיילט די העכסטע?—
כג) דער שטאַרבט אין זיין פולער שטאַרקייט, רויִק און זאָרגלאָז;
כד) זיינע געפעסן זיינען פול מיט מילך, און זאַפטיק איז די מאַרך פון זיינע ביינער.
כה) און דער שטאַרבט מיט אַ פאַרביטערטע זעל און האָט קיין גוטס ניט גענאָסן.
כו) צוזאַמען ליגן זיי אין שטויב און דער װאָרעם דעקט זיי צו.—

יידיש יהואָש.

# די יונגע יאָרן.

(פאָלקסליד)

איבער בערג, איבער טאָלן
פליען טויבן פאָרן,
נאָך קיין נחת ניט געהאַט,
שוין אַוועק די יאָרן.

שפאַנט, קינדער, שפאַנט די פערד,
לאָמיר גיכער פאָרן,
אפשר װעלן מיר נאָך קענען
דעריאָגן אונדזערע יאָרן.

מיר האָבן דעריאָגט אונדזערע יאָרן
אויפן גרויסן בריק,
יאָרן, יאָרן, קערט זיך אום
צו אונדז גלייך צוריק.

ניין, ניין, מירן ניט גיין,
ס'איז ניטאָ צו װעמען,
האָט איר אונדז ניט געדאַרפט
יונגערהייט פאַרשעמען.

---

# עס לעשן זיך שטערן.

עס לעשן זיך שטערן אין הימל,
עס לעשן זיך לעבנס אויף דר'ערד.
פאַר װעמען ס'איז ליכטיק זיין גורל
און װעמען ס'איז טרויער באַשערט.

עס טרעפן זיך טייכן מיט טייכן,
און גיסן אין ים זיך אַריין,
און מענטשן און לעבנס פאַרגייען,
אַליין אין דעם אייגענעם פיין...

און פאַלט װען אַ שטערן פון הימל,
דאַן האָט ער זיין ליכטיקן װעג,
און מענטשן און לעבנס פאַרגייען,
אַליין אויף אַ פינסטערן שטעג...

פרץ הירשביין.

---

# די וואָלקנס.

און דער אָוונט איז ווילד און פאַראומערט,
און דאָס האַרץ איז מיט אַנגסט איבּערפילט,
און די וואָלקנס, זיי יאָגן דערשראָקן,
אין געהיימניש און חושך פאַרהילט.

און דער הימל איז פול מיט בּאַוועגונג,
פול בּהלה און פינסטערער מאַכט,
און די וואָלקנס, זיי יאָגן און יאָגן,
און פאַרשווינדן אין שטורעם און נאַכט.

אַזוי פליען די טעג און די יאָרן
דורך די טאָלן פון יאָמער און פיין,
אַזוי טראָגן זיך דורות
אין דעם אייבּיקן גאָרנישט אַריין.

אַזוי גייען די לעבּנס צום קבר
אין געהיימניש און חושך פאַרהילט.
און דער אָוונט איז ווילד און פאַראומערט,
און דאָס האַרץ איז מיט אַנגסט איבּערפילט.

א. ליעסין.

---

* * *

עס וויאַנען נאָך אונטן די טויט געלע בּלעטער,
וואָס האָבּן געגרינט פאַראַיאָרן,
די שטענגלעך, וואָס האָבּן געבּליט לעצטן זומער
נאָך זיינען פאַרפוילט ניט געוואָרן,
און אויבּן שוין רירט זיך
דאָס לעבּן און צירט זיך,
מיט בּלעטער שוין נייע בּאַדעקט זיך דער וואַלד,
עס שפּרייט זיך מיט קרעפטיקער יונגער געוואַלט
דער פרילינג נאָר=אָקאָרשט געבּאָרן:

עס וויאַנען נאָך אונטן די טויט געלע בּלעטער,
און אויבּן שוין שמייכלט דאָס לעבּן,
אַן אייבּיקער פּלאָנטער פון וועלקן און וואַקסן,
אַ מיש=מאַש פון שטאַרבּן און שטרעבּן...
מיט האַסטיקע טריט
דאָס לעבּן וואָס בּליט
צעטראַמפּלט דאָס לעבּן וואָס האַלט שוין בּיים סוף,
עס בּייטן די פאַרבּן זיך, ס׳בּייט זיך דער שטאָף,
נאָר תּמיד דאָס זעלבּיקע לעבּן.

יהואש.

# סאָציאַלע מאָטיוון.

* *
*

הייב איך מיך אויף,
עס איז שוין זעקס דער זייגער,
גיב איך אַ קוק אין שפּיגעלע,
דאָס פּנים איז ווי אַ פּגר!
אָך, דו ליבער גאָט,
זאָג זשע שוין אַליין:
צי האָב איך קיין אַנדער האָפענונג,
נאָר אַ שניידערין צו זיין!

הייב איך מיך אויף,
דער האָן גיט אַ קריי,
דאָס האַרץ איז מיר טרוקן,
ס'איז נישטאָ קיין גלעזל טיי!
אָך, דו ליבער גאָט, א. אַ. וו.

גיי איך צו דער אַרבעט
נישט מיט גרויס אָכאָטע,
קום איך אַריין אין וואַרשטאַט,
מאַכט מען מיך צו בלאָטע.
אָך, דו ליבער גאָט, א. אַ. וו.

נעם איך מיר צו דער אַרבעט,
די מאַדאַם ליגט נאָך אין בעט,
גיט זי אַ געשריי:
וואָס קומסטו אַזוי שפּעט!
אָך, דו ליבער גאָט, א. אַ. וו.

איך אַרבעט אָפּ דעם ווינטער,
דאָס פּנים איז מיר חושך,
נעם איך געלט מאָנען,
זאָגט מען צו אויף פּסח.
אָך, דו ליבער גאָט, א. אַ. וו.

קומט מיין מאַמע נאָך געלט,
שטייט זי ביי דער טיר,
גיט מען אַ געשריי:
נישטאָ קיין געלט פאַר איר!
אָך, דו ליבער גאָט, א. אַ. וו.

אָך, דו ליבער גאָט,
האָב אויף מיר רחמנות!
כ'וועל פּטור ווערן דאָס שניידעריי,
פאַסט איך אַ תענית.
אָך, דו ליבער גאָט,
זאָג זשע שוין אַליין:
צי האָב איך קיין אַנדער האָפענונג,
נאָר אַ שניידערין צו זיין!

פאָלקסליד.

פון דער זאַמלונג „אַרבעט און פרייהייט“ פון ש. לעהמאַן.



אברהם רייזען.

# ווי קום איך?

ווי קום איך צו זינגען? פון וואַנען, מיין קינד?
ביי אונדז האָט אין קוימען געברומט נאָר דער ווינט;
די קינדער — זיי פלעגן נאָר זאָגן: האַם=האַם!
און אָפטמאָל די מאַמע — אַ קללה צום גראַם.

ווי קום איך צו שיינקייט? פון וואַנען, מיין קינד?
דער וועג צו די פעלדער — דורך גוים און הינט...
די גאַס איז געווען אַזוי אָרעם און וויסט,
ביי איטלעכער טיר — נאָר אַ בערגעלע מיסט...

---

# אָרעמעס לעבן.

אָרעמעס לעבן! נאָר שטענדיק זיך מאַטערן,
שטענדיק צו לעבן אין נויט;
כוחות די יונגע די פרישע צעפטרן,
זוכנדיק טרוקענעס ברויט!

וואָגלען און וואַנדערן! ווו טאָגן, ניט נעכטיקן,
נעכטיקן ניט, ווו געטאָגט!
הערן דאָס שפּעטן פון בייז=נידערטרעכטיקן,
שווייגן — קיין וואָרט ניט געזאָגט!

בוקן זיך, בויגן זיך נידעריק, נידעריק,
ברעכן דעם קערפּער אויף האַלב;
ריידן תחנונים און וויינענדיק, ציטערדיק
בעטן ביים גאָלדענעם קאַלב...

שטיקן פאַרלאַנגען און שטרעבונגען קראַפּטיקע,
שטיקן און דריקן אין האַרץ,
בלומען פון יוגנט, די פרישע, די זאַפטיקע,
לאָזן צעטרעטן אויף שוואַרץ...

אברהם רייזען.

---

# אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט.

וואָס טוען צוויי עופהלעך קליינע אין גאַס —
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט?
די הענטעלעך — אַייז און די פיסעלעך — נאַס,
די ליפּעלעך — בלוי און די בעקעלעך — בלאַס:
ווו איז זייער היים אין דער וועלט?
— זייער היים! זייער היים בין איך, זאָגט די גאַס,
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט.

ווו גייען צוויי קינדערלעך קליינינקע היינט,
אין רעגן, אין קעלט און אין ווינט?

וואָס? גאָר אָן אַ פאָטער, אַ מוטער, אַ פריינט?...
יתומימלעך? נעבעך! וואָס זע איך? מיר שיינט,
אַז איינער פון זיי איז גאָר בלינד!
— געוויס, זאָגט די גאַס, און איך בין זייער פריינד
אין רעגן, אין קעלט און אין ווינט.

וואָס בלייבן זיי שטיין מיטאַמאָל דאָ אַליין
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט?
צום האַנדלען — צו אָרעם, צום בעטלען — צו קליין,
צו שוואַך און צו ערלעך צום גנבענען גיין,
ווי קריגן זיי עסן אָן געלט?
איצט שווייגט שוין די גאַס. אַך, איר האַרץ איז פון שטיין,
דער ווינט שווייגט, דער רעגן, די קעלט.

מאָריס ווינטשעווסקי.

---

# מיין ניט...

מיין ניט, די וועלט איז אַ קרעטשמע — באַשאַפן
מאַכן אַ וועג זיך מיט פויסטן און נעגל
צום שענק־פאַס, און פרעסן און זויפן, ווען אַנדערע
קוקן פון ווייטן מיט גלעזערנע אויגן,
פאַרחלֶשט און שלינגען דאָס שפּייעכץ און ציען
צוזאַמען דעם מאָגן, וואָס וואַרפט זיך אין קרעמפן —
אָ, מיין ניט, די וועלט איז אַ קרעטשמע!

מיין ניט, די וועלט איז אַ הפקר — באַשאַפן
פאַר וועלף און פאַר פוקסן, פאַר רויב און פאַר שווינדל;
דער הימל — אַ פאָרהאַנג, אַז גאָט זאָל ניט זעען;
דער נעפּל — מע זאָל אויף די הענט דיר נישט קוקן;
דער ווינט — צו פאַרשטיקן די ווילדע געשרייען;
די ערד — איינצוזאַפן דאָס בלוט פון קרבנות —
אָ, מיין ניט, די וועלט איז אַ הפקר!

די וועלט איז קיין קרעטשמע, קיין בערזע, קיין הפקר!
געמאָסטן ווערט אַלעס, געוואוינגן ווערט אַלעס!
קיין טרער און קיין בלוטיקער טראָפּן פאַרגייען,
אומזיסט ווערט קיין פונק און קיין אויג נישט פאַרלאָשן!
פון טרערן ווערט טייכן, פון טייכן ווערט ימים,
פון ימים—אַ מבול, פון פונקען—אַ דונער—
אָ, מיין נישט לֵית דִין ולית דַין.

י. ל. פרץ.

---

# דאָס געבעט.

(נאָכאַמונג)

רבונו של עולם!
נאָך ווייניק געליטן?
ווען וועסטו, רבונו
של עולם, פאַרשיטן

דעם אָפּגרונט דעם טיפן,
וואָס טיילט דיינע קינדער
אויף שטאַרקע און שוואַכע,
אויף לעמער און שינדער?

* * *

און ברייט איז דער אָפּגרונט,
און טיף ווי אַ תהום,
און זאַפּט אין זיך איין
אונדזער בלוט ווי אַ שוואָם!...

* * *

עס ווערן אין אָפּגרונט,
— ווו ס׳מעסער נאָר בליצט, —
מיט בלוט אויך די ריינסטע
אידעען באַשפּריצט...

עס ציטערט פון דאָרטן
דעם ווייטאָקס געוויין,
דאָרט ליגט די נקמה
און קריצט מיט די ציין...

דאָרט ליגט די פאַרצווייפלונג
דערשראָקן, פאַרבליפט,
מיט ליפּן ווי קוילן,
ביים בעכער פון גיפט...

* * *

רבונו של עולם!
נאָך ווייניק געליטן?
ווען וועסטו דעם שרעקלעכן
אָפּגרונט פאַרשיטן?

דאָרט ברעכן די פליגל
די אָדלער די גרעסטע,
דאָרט ווערן פאַרשטיינערט
די הערצער די בעסטע...

רבונו של עולם,
צי שפּראָצט דען דיין לויב
פון פינסטערן, פוילן
און בלוטיקן שטויב?

י. ל. פּרץ.

---

# מיין רוע־פּלאַץ.

נישט זוך מיך, ווו די מירטן גרינען!
געפינסט מיך דאָרטן נישט, מיין שאַץ.
ווו לעבנס וועלקן ביי מאַשינען —
אָ, דאָרטן איז מיין רוע־פּלאַץ.

נישט זוך מיך, ווו די פייגל זינגען!
געפינסט מיך דאָרטן נישט, מיין שאַץ!
אַ שקלאַף בין איך; ווו קייטן קלינגען —
אָ, דאָרטן איז מיין רוע־פּלאַץ.

נישט זוך מיך, ווו פאָנטאַנען שפּריצן!
געפינסט מיך דאָרטן נישט, מיין שאַץ!
ווו טרערן רינען, ווו ציינער קריצן —
אָ, דאָרטן איז מיין רוע־פּלאַץ.

און ליבסטו מיך מיט ריינער ליבע,
טאָ קום צו מיר, מיין ליבער שאַץ!
און הייטער אויף מיין האַרץ דאָס טריבע
און מאַך מיר זיס מיין רוע־פּלאַץ.

מאָריס ראָזענפעלד.

---

# צום שקלאַף.

ווען כ׳זע דיינע הערשער, וואָס טרינקען דיין בלוט —
דיין בלוט, וואָס איז מיר אַזוי טייער,
דאַן צינדט זיך אין האַרצן ביי מיר אָן אַ גלוט,
עס פלאַקערט באַלד אויף דאָרט אַ פייער...

אַ וויטנדער פייער פון צאָרן און האַס,
און יעטווידער נערוו שרייט נאָך ראַכע;
איך וויל דאַן צערייבן, צעמאָלן אויף אַש
די אַלע, וואָס דריקן די שוואַכע...

נאָר, שקלאַף, ווען איך זע, אַז דו גיסט זיך קיין ריר
און ווילסט זיך גאָר בעסער ניט מאַכן —
אָ, דאַן ווערט דאָס האַרץ שיר צעשפרונגען אין מיר,
איך הייב אָן פאַר ווייטאָק צו לאַכן...

יוסף באָוושאָווער.

---

* *
*

און דו אַקערסט, און דו זייסט,
און דו פיטערסט, און דו נייסט,
און דו האַמערסט, און דו שפּינסט —
זאָג מיין, פאָלק, וואָס דו פאַרדינסט?

וועבסט ביים וועבשטול טאָג און נאַכט,
גראָבסט אונדז אַייזן פון דער שאַכט,
ברענגסט די שפע אונדז אַריין,
פול מיט תּבואה און מיט וויין.

נאָר — ווו איז דיין טיש געגרייט?
נאָר — ווו איז דיין יום־טוב־קלייד?

נאָר — ווו איז דיין שאַרפער שווערד?
וואָסער גליק איז דיר באַשערט?

שאַפסט אונדז אוצרות אָן אַ שיעור,
אַלץ פאַר יענעם, נישט פאַר דיר,
און פאַר זיך האָסטו אין נויט
נאָר געשמידט אַ שווערע קייט...

מאַן פון אַרבעט, אויפגעוואַכט,
און דערקען דיין גרויסע מאַכט.
ווען דיין שטאַרקע האַנט נאָר וויל,
שטייען אַלע רעדער שטיל!...

ג. הערוועג.

---

# נישט תּמיד...

נישט תּמיד נאָנט איז אונדז דער שלום,
דער ליבעס ציטערדיקער טרוים.
נישט תּמיד ליב איז אונדז דער חלום
אונטער דעם ווייסן עפּלבוים...

ס׳איז דאָ אַ צייט, ווען ס׳ווערט פאַרביטן
דער טרוים אויף קאַמף, די בלום אויף
שווערד,
ווען ס׳ווערט דאָס האַרץ פון פאָלק
צעשניטן
און ס׳דעקט אַ רויטער טוי די ערד...

ס׳איז דאָ אַ צייט פון גרויסע שטרייטן,
פון שיינער הייליקער געפאַר.
געעפנט ווערן נייע ווייטן,
און שטיין ווערט גאָט, — און שקלאַף
ווערט — שר!...

און וויי צו דעם, וואָס האָט אויף וואָפן
ניט אויסגעטוישט זיין צאַרטן טרוים,
און האָט די שטורעם־שעה פאַרשלאָפן
אונטער דעם ווייסן עפּלבוים...

לייב ניידוס.

# דער וועכטער.

עס שלייכט צו אַ שטאָט בייננאַכט
די שווערד!
נאָר אויפן טורעם דער וועכטער וואַכט:
ער הערט!

און בלאָזט טראָמפּייט
און שמעטערט מיט מאַכט.
עס ציטערט די נאַכט,
דאָס פאָלק ערוואַכט:
דער שונא גייט, דער שונא גייט!

און ס׳פלאַקערט אויף די שלאַכט
אין הויף, אין גאַס,
אויף מויער און וואַנט —
פאַר ווייב און קינד,
פאַר פאָלק און לאַנד!

פאַר רעכט און פריי גייט אַלץ אין קאָן.
ווער זיגן וועט, דאָס ווייסט איין גאָט,
דער וועכטער האָט
דאָך זיינס געטאָן!
ער האָט זיין ערע ניט באַפלעקט,
ער האָט געוועקט!
ער האָט געדינט זיין פאָלק, זיין לאַנד!

נאָר ווי דעם וועכטער, שפּאָט און שאַנד,
וואָס האָט בייננאַכט
אַן אויג פאַרמאַכט
און דערוואַכט
ערשט אין דער בראַנד.

י. ל. פּרץ.

---

# די וואַנט.

די אויגן — פול צאָרן, פאַרגאָסן מיט בלוט,
די הערצער — זיי שלאָגן מיט קראַפט און מיט מוט —
מיר שטיי׳ן ביי אַ הויכער, געמויערטער וואַנט, —
מיט העק און מיט האַמערס, און אַייזנס אין האַנט —
מיר ברעכן די וואַנט!

די וואַנט איז געמויערט גאָר פעסט און גאָר דיק,
פאַרצוימט אונדז די וועגן צ׳ם לעבן, צום גליק;
פאַרשטעלט אונדז די ליכטיקע זון און זי מאַכט
פון פריילעכן טאָג אונדז א פינסטערע נאַכט —
מיר ברעכן די וואַנט!

און פאַלט פון דער שטיינערנער וואַנט ווען אַראָפּ
אַ שטיין צי אַ ציגל, טרעפט ווע̇מען אין קאָפּ, —
די איבריקע בלייבן דאָך שטיין גאָר אָן שרעק
און אַרבעטן ווייטער, מע לויפט נישט אַוועק —
מיר ברעכן די וואַנט!

די אַרבעט דאַרף דויערן, די אַרבעט איז שווער —
פאַרזאַמלט זיך, ברידער, קומט אַלע אַהער,
זאָל יעדערער צולייגן פעסטער זיין האַנט,
מיר וועלן די הויכע, די פינסטערע וואַנט
צעברעכן, צעברעכן!...

אַ. רייזען.

# פון דער סעריע „אויף די וועגן סיבירער".

*   *
*

איבער וועגן לאַנג שוין אָפּגעזוימערטע,
אונטער הימלען גרויע און פאַרקומערטע
גייען מענטשן, גייען אײַנגעבויגענע,
פרויען — קראַנקע, קינדער — ניט געזויגענע.

דורך די אַלטע קליידער, די צעריסענע,
שטיקער לייבער זעען זיך צעביסענע,
אַלע אויגן — טונקעלע, פאַרלאָשענע,
נאָר מיט קאַלטע טרערן אָנגעגאָסענע.

קיינער שטעלט אין וועג זיך ניט אַנטקעגן זיי,
וווּ, ווי ווייט איז זייער היים צו פרעגן זיי;
זיי אַליין אויך — קיינער רעדט צום אַנדערן,
שוין פאַרגעסן פון ווען אָן זיי וואַנדערן.

גלאַט אַזוי אַמאָל צונויפגעקליבענע,
איבער גוואַלד פון זיך אַליין געטריבענע,
גייען מענטשן, מענטשן אײַנגעבויגענע,
שלעפּן זיך מיט קינדער ניט געזויגענע.

ה. לייוויק.

---

*   *
*

וואָלט כאָטש ווער געקומען
אונדז אַנטקעגן,
זאָגן: „פריד צו אײַך"
פון יוצא וועגן.

גלאַט אַזוי אַ שאָטן
זען פון וועמען,
זאָגן: „פריד צו דיר"
און זיך פאַרשעמען...

זאָל זיך כאָטש פאַר אונדז ווער
איבערשרעקן,
שליידערן אין פּנים
אונדז אַ שטעקן...

קומט ניט, קומט ניט קיינער
אונדז אַנטקעגן;
פעלדער — ווילד פאַרוואַקסן,
טויטע וועגן...

ה. לייוויק.

---

*   *
*

אײַנגעשמידטע — זײַנען מיר,
יעדער אין אַ קאַמער זיצט באַזונדער;
אָנגעשפּאַרטערהייט בײַם טיר
שטייען מיר און וואַרטן אויף אַ וווּנדער:

פּלוצלונג איינער שטילערהייט
עפֿענען וועט אַלע טירן,
וועט צערײַסן אונדזער קייט,
אונדז פון תּפיסה אַרויספירן.

וועט אונדז פירן פאַרן האַנט
איבער וועלדער, איבער גרויסע ימען,
צו אַ ווײַטן, ווײַטן לאַנד, —
און אַהיים אונדז ברענגען, צו דער מאַמען.

ה. לייוויק.

---

# ערגעץ.

וועגן געלאָדן מיט ביקסן, קאַנאָנען און קוילן;
מענטשן מיט אויגן פאַרשטויבטע מאַרשירן אין רייען;
שטיל די מוזיק און געזאַנגען, מע הערט קיין באַפעלן;
נאָר ווייטע פאַרבאָרגענע ערגעץ, פאַרשטיקטע געשרייען...

מע זעט ניט קיין פירער פאָרויס; אַלע פירער—זיי זיינען
פאַרלאָרן געגאַנגען אין שלאַכט פון די טיפע טראַנשעען.
געפירט פון דער פינסטערער נאַכט אין די דרעמלענדע אויגן
מאַרשירן אין ערגעץ אַליין די פאַרשטויבטע אַרמעען.

שעה איין און שעה אויס, אָן אַ אָפּשטעל, די פערד ווי די מענטשן,
געדולדיקע, מידע, זיי שלעפּן די משא פאַר צווייען,
די גלאַנציקע אויגן האַלב־אָפּן פאַרלאָפן מיט טרערן.
זיי גייען אַהין, וווּ עס גייען די שטומע אַרמעען...

די נאַכט ווערט אַלץ קלערער און העלער, דער טאָג קומט אַנטקעגן,
אַלץ נענטער עס ווערן די ווייטע פאַרשטיקטע געשרייען...
עס האָט זיך אין מזרח די זון נאָך קיין האַלבע באַוויזן,
שוין ליגן אין גריבער פאַרשאָטן די שטומע אַרמעען...

ה. לייוויק.

---

# דער העלד.

מעדאַלן האָט דריי מיר געשאָנקען דער קעניג
און האָט נאָך דערצו מיר די פרייהייט געשאָנקען;
אַ העלד בין איך, ליבסטע, איז דאָס דיר נאָך ווייניק?

איין האַנט האָב איך מקריב געווען פאַר מיין קעניג,
די צווייטע וועט העלדיש און טריי דיך אומאַרמען—
און איז דיר איין אָרעם, מיין טייערסטע, ווייניק?

מיין היים—פאַר דעם צינז האָט פאַרנומען דער קעניג,
דערפאַר אָבער האָט ער די לענדער פון שונא
עראָבערט... מיין ליבסטע, איז דאָס דען נאָך ווייניק?!

איין האַנט... דריי מעדאַלן... אַ העלד ביי מיין קעניג!
און יעדערער קומט דאָך אונדז שענקען מיט חשק
אַ שיינע נדבה. איז דאָס דיר נאָך ווייניק?

ה. רויזנבלאַט.

# נ ב י א ' ש.

## פון עמוס.

... ווײ איז צו די, וואָס פאַרוואַנדלען דאָס געריכט אין אַ גיפט, רעכט און גערעכטיקייט האָבן זײ מיט די פיס געטראָטן. זײ האָבן פײנט דעם, וואָס שטעלט זיך אַיין אין געריכט פאַר דער גערעכטיקייט, און קאָנען ניט אָנקוקן דעם, וואָס זאָגט דעם אמת. און אָט דערפאַר, וואָס איר פאַרשטויסט דעם אָרעמאַן און נעמט בײ אים שוחד אין ברויט, וועט איר בויען הײזער פון געהאַקטע שטײנער און וועט אָבער אין זײ ניט וווינען; איר וועט אָנפלאַנצן גרויסאַרטיקע ווײנגערטנער, אָבער זײער ווײן וועט איר ניט טרינקען. וואָרום — איך ווײס — צאָלרײך זײנען אַײערע זינד, און אָן אַ שיעור — אַײערע עברות. איר דריקט די אומשולדיקע, איר נעמט שוחד און פײניקט די ניט=פאַרמעגלעכע אין געריכט.

... האָט פײנט שלעכטס, ליבט גוטס, פירט אַײן דעם אמת אין געריכט, אפשר וועט דאַן יהוה, דער גאָט צבאות, רחמנות האָבן איבער דעם רעשט פון יוסף.

אַזוי זאָגט דעריבער יהוה, דער גאָט צבאות: אויף אַלע פּלעצער וועט זיך הערן אַ געוויין, און אין אַלע גאַסן וועט מען שרײען: „ווײ! ווײ!” די אַקערער וועלן רופן די קלאָגער, זײ זאָלן מתפלל זײן און קלאָגן, און אין אַלע ווײנגערטנער וועט זײן אַ זיפצערײ, ווען איך וועל נאָר דורכגײן צווישן דיר, — האָט געזאָגט יהוה.

אַן אומגליק אויף די, וועלכע רופן צו דעם טאָג פון יהוה! אויף וואָס איז אַײך דער טאָג פון יהוה? ער איז דאָך פינסטערניש און ניט ליכט. גלײך ווי אײנער וואָלט אַנטלויפן פון אַ לײב און אַרײנפאַלן צו אַ בער, אָדער ער וואָלט קומען אַהײם און זיך אָנגעשפאַרט מיט דער האַנט אָן דער וואַנט, און אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס גע= געבן. יאָ, דער טאָג פון יהוה איז פינסטערניש און ניט ליכט, אַ שרעקלעכע פינסטערניש.

איך האָב פײנט, איך פאַראַכט אַײערע ימים=טובים, און איך וויל ניט דעם ריח פון אַײערע יום=טובדיקע קרבנות. — און בשעת איר דערלאַנגט מיר אַײערע פײער=אָפּפער, נעם איך ניט אָן מיט פרײד אַײערע מתנות און אויף אַײערע דאַנק= אָפּפער פון פעטע קעלבער קוק איך ניט. אַוועק פון מיר מיטן טומל פון אַײערע לידער, דעם נגון פון אַײערע האַרפן וויל איך ניט הערן! זאָל בעסער ווי דאָס וואַסער זיך גיסן די געזעצלעכקייט און די גערעכטיקייט — ווי אַ ניט אויפהערלעכער שטראָם! ...

יִדיש — ש. אַ י י ז נ ש ט א ט.

# פון ישעיה א.

די זעונגען פון ישעיהו, דעם זון פון אָמוץ, וואָס ער האָט געזען איבער יהודה און ירושלים, אין דער צייט פון עוזיהו, יותם, אָחז, חזקיהו, די מְלָכִים פון יהודה:

הערט צו, הימלען, פאַרנעם, דו ערד, ווייל יהוה רעדט.
זין האָב איך געהאָדעוועט און דערהויבן, און זיי האָבן געפעלשט אין מיר.
דער אָקס ווייס זיין באַלעבאָס און דער אייזל — זיין האַר,
און ישראל ווייס ניט. מיין פאָלק פאַרשטייט עס ניט.
ווי איז דער זינדיקער אומה, דעם פאָלק, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט געזעצלאָזיקייט,
דעם מערדער=געשלעכט, דעם פאַרברעכערישן דור,
זיי האָבן פאַרלאָזן יהוה, באַליידיקט דעם הייליקן פון ישראל און זיך אָפּגעקערט פון אים...
וואָס מער איר ווערט געשלאָגן, אַלץ פאַרעקשנטער זייט איר אין אַייער מרידה!
אַייער גאַנצער קאָפּ איז דאָך קראַנק, און דאָס האַרץ איז אָפּגעשוואַכט,
פון דער פוס=זויל ביזן שפּיץ קאָפּ איז ניטאָ אויף אים קיין געזונטער אָרט,
נאָר געשווירן און ביילן
און אַייטערדיקע ווונדן, ניט אַרומגעשמירטע מיט בוימל,
אַייער לאַנד איז אַ מדבר, אַייערע שטעט — איבערגעגעבן דעם פייער.
פרעמדע עסן פאַר אַייך אין די אויגן די פּירות פון אַייערע פעלדער.
אַלץ איז פּוסט געוואָרן, ווי נאָך דער צעשטערונג פון סדום.
און די טאָכטער פון ציון איז געבליבן ווי אַ ביידל אין אַ וויינגאָרטן,
ווי אַ שומר=געצעלט אין אַ גאָרטן, ווי אַ וואַך=טורעם.
ווען גאָט צבָאות וואָלט אונדז ניט איבערגעלאָזט קיין קליינעם רעשט,
וואָלט מיט אונדז געוואָרן כּמעט דאָס גלייכע וואָס מיט סדום, מיר וואָלטן געגליכן
זיין צו עמורה.

הערט=נאָר צו די ווערטער פון יהוה, איר מְלָכִים פון סדום!
פאַרנעמט די תּורה פון אונדזער גאָט, איר פאָלק פון עמורה!
צו וואָס דאַרף איך אַייערע פיל קרבנות? — זאָגט יהוה.
איך בין זאַט מיט די פייער=אָפּפער פון די שעפּסן בעק
און מיט דעם פעטס פון די געשטאָפּטע קעלבער,
און דאָס בלוט פון די אָקסן, ציגעלעך און בעק וויל איך ניט.
איר קומט פאַר מיין געזיכט, — אָבער ווער בעט אַייך, איר זאָלט טרעטן מיינע הויפן!
ברענגט מיר ניט קיין פאַלשע מתּנות, זיי זיינען פאַר מיר אַן עקלהאַפטער ווייריך,
די ראָשי חדשים, שבּתים און פייערלעכע פאַרזאַמלונגען, די תּעניתים און ימים=טובים
אַייערע טראָג איך ניט אַריבער
זיי זיינען מיר צו לאַסט, איך בין מיד זיי צו טראָגן.
און ווען איר שפּרייט אויס אַייערע הענט, קער איך אָפּ פון אַייך מיינע אויגן,
וויפיל איר זאָלט ניט בעטן, הער איך ניט:
אַייערע הענט זיינען פאַרפלעקט אין בלוט. וואַשט זיך אַרום, רייניקט זיך,
מיינע אויגן זאָלן ניט זען אַייערע שלעכטע מעשים;
הערט אויף צו טאָן שלעכטס, לערנט זיך אויס טאָן גוטס;
זוכט דעם אמת; האַלט אָפּ דעם געוואַלד=טוער;
באַשיצט דעם יתום, שטעלט זיך איין פאַר דער אַלמנה!

קומט, לאָמיר באַטראַכטן, זאָגט יהוה:
זוען אַייערע זינד זיינען ווי דער רויטער ווערעמל, קאָנען זיי דען ווייס ווערן ווי שניי?
אָדער אויב זיי זיינען רויט, ווי פּורפּור, קאָנען זיי דען ווייס ווערן ווי וואָל?
זוען איר וועט זיין אונטערטעניק און צוהערן זיך, וועט איר געניסן פון דער ערדס גוטס.
ווען איר וועט אָבער ניט ווען און וועט ווידערשפעניקן, וועט אַייך אויפעסן דאָס שווערד.
אמת, — אַזוי זאָגט יהוה.
אָ, ווי איז געוואָרן צו אַ זונה די געטרייע הויפּט־שטאָט,
וואָס איז געווען פול מיט גערעכטיגקייט; אמת, האָט אין איר גערוט, און איצט — מערדער!
דיין זילבער איז געוואָרן פּסולת, דיין ריינער וויין איז געמישט מיט וואַסער.
דיינע האַרן זיינען פאַרברעכער און חברה־לייט פון גנבים,
אַלע נעמען זיי מיט פאַרגעניגן מתנות און יאָגן זיך נאָך שוחד,
די רעכט פון יתום פאַרטיידיקן זיי ניט, און די טענה פון דער אַלמנה קומט ניט פאַר זיי.
דערפאַר איז אַזוי דאָס וואָרט פון גאָט צבאות, דעם מעכטיקן פון ישראל.
אָ, איך וועל חוזק מאַכן איבער מיינע קעגנער און רעכענען זיך מיט מיינע פיינט.
און איך וועל קעגן דיר שיקן מיין האַנט, און איך וועל פון דיר אַראָפּנעמען ווי מיט זייף דיינע פּסולת,
און וועל אָפּטיילן פון דיר די צומישונג פון בליי,
און וועל אויף דאָס ניי באַשטימען איבער דיר אַזעלכע ריכטער ווי אַמאָל, און עצה־געבער ווי פאַרצייטן.
דאַן וועט מען ווערן דיר זאָגן: די וואוינונג פון אמת, די געטרייע הויפּטשטאָט.
ציון וועט זיך ראַטעווען דורך גערעכטיקייט, און אירע צוריקגעקערטע — דורך גערעכטיקייט.
אויף אַלע אָפּטריניקע און זינדיקע — די מפּלה,
און אויף די, וואָס פאַרלאָזן יהוה — דער אונטערגאַנג!
און איר וועט זיך שעמען פאַר די דעמבן, וועלכע אַייך האָט זיך געגלוסט,
און אַייך וועט זיין אַ חרפּה פאַר די גערטנער, וואָס איר האָט אויסדערוויילט,
ווייל עס וועט מיט אַייך געשען ווי מיטן דעמב, וואָס פון אים זיינען אַראָפּגעפאַלן די בלעטער, און מיטן גערטנדל, וואָס האָט קיין וואַסער ניט.
און די שטאַרקע וועלן זיין ווי פלאַקס
און די מעשים פון זייערע הענט — ווי אַ פונק,
און זיי וועלן צוזאַמען ברענען, און קיינער וועט ניט לעשן.

יידיש — ש. איי זנשטאַט.

-----------

# פון יחזקאל.

גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
„צו די הירטן גיי און זאָג...
אַיי, די מערדער, אַיי, די הירטן,
עס וועט זיין צו זיי אַ קלאָג!"

*

אַיי, די מערדער, אַיי, די הירטן,
עס וועט קומען אייער שטראָף;
ווייל זיי האָבן זיך געפּאַשעט,
זיך געפּאַשעט, נישט די שאָף;

*

נאָר די בעסטע וואָל געטראָגן,
און דאָס פעטסטע פלייש געפרעסן;
נאָר אום זיך אַליין געקימערט;
אָן די שעפּעלעך פאַרגעסן!...

*

נישט געשטאַרקט די אָפּגעשוואַכטע,
און—נישט אויסגעהיילט קיין ווונד;
די פאַרוווּנדטע און די קראַנקע
נאָך געוואָרפן פאַר די הינט!

*

נישט געזוכט גאָר די פאַראירטע,
אַ פאַרבלאָנדזשעטע — פאַרפאַלן!
און געפירט זיי אין אַ מדבר,
אָן אַ גרעזל, אָן אַ קוואַלן.

*

און געיאָגט זיי אויף די בערגער,
ווו אַ שטיין און ווו אַ דאָרן;
ווילדע טירע, חיות רָעות
זיינען פון זיי זאַט געוואָרן!

*

און פאַר זיך אַליין געקוילערט,
זיך געפּאַשעט, נישט די שאָף...
אוי אייך, שעפער, וויי אייך, הירטן,
עס וועט קומען אייער שטראָף.

יידיש י. ל. פּרץ.

---

# פון ישעיה ב.

א) טרייסטעט, טרייסטעט מיין פאָלק, זאָגט אייער גאָט.

ב) רעדט צו דעם האַרצן פון ירושלים און רופט צו איר, אַז פול געוואָרן איז איר צייט, אַז פאַרגעבן געוואָרן איז איר פאַרברעך, אַז זי האָט געקריגן פון דער האַנט פון גאָט דאָפּל פאַר אַלע אירע זינד.

ג) אַ שטים רופט אין דער וויסטע: רייניקט אָפּ דעם וועג פון גאָט, גלייכט אויס אין דער סטעפּע אַ שטעג פאַר אונדזער האַר.

ד) יעדער טאָל זאָל אויפגעהויבן ווערן און יעדער באַרג און בערגל זאָל ווערן נידעריק; און דער קרומער פלאַץ וועט ווערן גלייך און די (באַרג) שפּיצן— אַ טאָל.

ה) און אַנטפּלעקט זאָל ווערן דער גלאַנץ פון גאָט, און זען זאָל יעדער לייב צוגליין; דען דאָס מויל פון גאָט האָט גערעדט.

---

א) און דו, ישראל, מיין קנעכט; יעקב וועלכן איך האָב אויסדערווילט, דער זאָמען פון אַברהם מיין פריינד.

ב) וואָס איך האָב דיך פעסט אָנגענומען פון די עקן פון דער ערד און פון אירע (פאַרשיידענע) טיילן האָב איך דיך אַרויסגערופן, און איך האָב געזאָגט צו דיר: מיין קנעכט ביסטו, איך האָב דיך אויסדערווילט, און איך האָב דיך ניט פאַראַכטעט.

ג) דו זאָלסט ניט שרעקן זיך, דען מיט דיר בין איך; דו זאָלסט ניט צעטראָגן זיין, דען איך בין דיין גאָט; איך קרעפטיק דיך און העלף דיך; איך שטיץ דיך מיט דער רעכטער האַנט פון מיין גערעכטיקייט.

ד) דען שעמען זיך און צו שאַנד וועלן ווערן די, וואָס היצן זיך קעגן דיר; זיי וועלן זיין ווי נישט; און אונטערגיין וועלן די, וואָס שטרייטן מיט דיר.

ה) דו וועסט זיי זוכן און וועסט זיי ניט געפינען — די וואָס קריגן זיך מיט דיר; ווי נישט און גאָרנשיט וועלן זיין די, וואָס קעמפן קעגן דיר.

ו) ניט שרעקן זאָלסטו זיך, דו וואָרעם פון יעקב, הייפעלע פון ישראל; איך העלף דיר — זאָגט גאָט — און דיין אויסלייזער איז דער הייליקער פון ישראל.

ז) אָט מאַך איך דיך פאַר אַ שאַרפע דרעש־ראָד, אַ נייע, וואָס האָט ציינער; דו וועסט צעדרעשן בערג און צערייבן; און בערגלעך וועסטו ווי שפריי מאַכן.

ח) דו וועסט זיי צעוואַרפן, און דער ווינט וועט זיי אַוועקטראָגן, און דער שטורעם וועט זיי צעשפרייטן; און דו וועסט זיך פרייען מיט גאָט; מיט דעם הייליקן פון ישראל וועסטו זיך רימען.

ט) די אָרעמע און די נויטבאַדערפטיקע זוכן וואַסער און ס׳איז ניטאָ; און זייער צונג איז פון דורשט פאַרטריקנט; איך, גאָט, וועל זיי ענטפערן; (איך) דער האַר פון ישראל וועל זיי ניט פאַרלאָזן.

י) איך וועל אויף די נאַקעטע באַרג־שפּיצן אויפעפענען טייכן; און אין די טאָלן וועל איך אויסברעכן קוואַלן; איך וועל פון דער וויסטע מאַכן — אַ סאַזעווקע פון וואַסער; און פון דעם פאַרטריקנטן לאַנד — וואַסער־אויסגוסן.

יא) איך וועל אַיינזעצן אין דער וויסטע דעם צעדער, דעם אַקאַציענבוים, און דעם מירטנבוים און דעם אייִלבוים; איך וועל פלאַנצן אין דער סטעפּע דעם ציפּרעס און דעם טענענבוים און דעם בוקסנבוים צוזאַמען.

יב) אום זיי זאָלן זען און וויסן און אַריינטאָן זיך (אין זינען) און באַגרייפן צוזאַמען, אַז די האַנט פון גאָט האָט עס געטאָן, און דער הייליקער פון ישראל האָט עס באַשאַפן.

---

א) אָט איז מיין קנעכט, וועלכן איך וועל שטיצן; מיין אויסדערוויילטער. וועלכן מיין זעל באַגערט; איך האָב אַרויפגעגעבן מיין גייסט אויף אים; אַן אורטייל איבער די פעלקער וועט ער אַרויסלאָזן.

ב) ער וועט ניט שרייען און ער וועט ניט הילכן; און ער וועט ניט לאָזן הערן דרויסן זיין שטים.

ג) אַ צעשפּאָלטענעם שטעקן וועט ער ניט צעברעכן; אַ טונקעלן פלאַקס־קנויט וועט ער ניט פאַרלעשן; מיט וואַרהייט וועט ער אַן אורטייל אַרויסלאָזן.

ד) ער וועט ניט מיד ווערן און וועט ניט אָפּגעשוואַכט ווערן, ביז ער וועט ברענגען אויף דער ערד גערעכטיקייט; און אויף זיין לערע וואַרטן די אינזל־לענדער.

יידיש — יהואָש.

---

# אין שחיטה־שטאָט.



ח. נ. ביאליק.

„... פון שטאָל און אַייזן, קאַלט און
האַרט און שטום,
שמיד אויס אַ האַרץ פאַר זיך, דו
מענטש, — און קום!
קום גיי אין שחיטה־שטאָט, זאָלסט זען
מיט דיינע אויגן,
זאָלסט אָנטאַפּן מיט דיינע אייגענע הענט
אויף צוימען, סלופּעס, טויערן און ווענט,
אויף שטיינער פון דער גאַס, אויף אַלע
העלצער
דאָס שוואַרץ־פאַרטריקנט בלוט מיט די
געהירן
פון דיינע ברידערס קעפּ און העלדזער.
און אומבלאָנדזשען זאָלסטו צווישן חורבות
דורך ווענט צעבראָכענע מיט אויסגע־
קרימטע טירן,
פאַרביי צעשטירצטע אויוונס, האַלבע
קוימענס,
אַנטבלויזטע שוואַרצע שטיינער, האַלב־
פאַרברענטע ציגל,
ווו פייער, האַק און אַייזן האָבן נעכטן
אויף דער בלוט־חתונה אַ ווילדן טאַנץ
געשפּילט;
און קריך דורך בוידעמער, דורך לע־
כעריקע דעכער,
און קוק זיך איין אין אַלע שוואַרצע
לעכער —
דאָס זיינען אָפּ׳נע, שוואַרצע, שטומע
ווונדן׳
וואָס וואַרטן מער אויף קיין רפואה אין
דער וועלט...

אין גאַסן וועסטו גיין, מיט פעדערן פאַר־
פלייצטע —
דו באָדסט זיך אין אַ טייך, אַ ווייסן טייך,
וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט פון מענטשנס
בלוטיקן שוויס;
דו טרעטס אויף גאַנצע בערג צעפליקטע
האָב־און־גוטס —
דאָס זיינען גאַנצע לעבנס, גאַנצע לעבנס,
צעבראָכענע אויף אייביק ווי אַ שאַרבן!
דו גייסט, דו לויפסט, דו פּלאָנטערסט
זיך אין חורבן,
מעש, זילבער, פוטער, שמות, זייד און
אַטלעס,
צעריסענע, צעפליקטע אויף פיץ־פיצלעך,
מיט פיס צעטראָטענע שבתים, ימים־
טובים, נדנס,
טליתים, תפלין, פאַרמעט, שטיקער תורה,
יריעות הייליקע, קלאָר ווייסע וויקעלעך
פון דיין נשמה,
זע, זע, זיי וויקלען זיך אַליין אַרום
דיין פוס
און קושן דיר די טריט פון מיסט אַרויס
און ווישן אָפּ פון דיינע שיך דעם שטויב...—
דו לויפסט? צו ליכט און לופט אַנטלויפסטו?
אַנטלויף, אַנטלויף — דער הימל לאַכט
אויס דיר!
די זון וועט דיר מיט שפּיזן אויסשטעכן
די אויגן,
אַקאַציען, מיט פרישע גרינס־און־ווייס
באַצויגן,
וועלן סמען דיך מיטן ריח פון בלוט און
בליטן,
דיין קאָפּ מיט בלימעלעך און פעדערן
באַשיטן,

און שטיקלעך גלאָז פון מיטן גאַס מיט טויזנט גלאַנצן
יועלן דיר אַנטקעגן אויף דיין בייז־ווונדער טאַנצן...
דען גאָט האָט דיר מיט מילדער האַנט געשענקט אַ צווילינג:
אַ שחיטה מיט אַ פּרילינג;
דער גאָרטן האָט געבליט, די זון געלויכטן—
און דער שוחט האָט געשאָכטן...
דער חלף האָט געגלאַנצט, און פון דער ווונד
האָט בלוט מיט גאָלד געפליסט...
אַנטלויפסט? באַהאַלטסט זיך אין אַ הויף?— אומזיסט!
אָט איז אַ בערגל מיסט!
דאָ האָט מען צוויי געקעפּט: אַ יידן מיט זיין הונט...
אין מיטן הויף האָט נעכטן זיי איין האַק געקעפּט,
און היינט האָט זיי אַהער איין שוויין פאַרשלעפּט,
געשנאָרט, געגריבלט זיך אין זייער אויסגעמישטן בלוט.
שאַ, מאָרגן וועט אַ פרישער רעגן קומען
און אָפּשווענקען דאָס בלוט אין רינשטאָק, ס'זאָל ניט שרייען
צום הימל גוואַלד פון מיסט אַרויס; און אפשר
איז שוין דאָס איינגעזונקען אין דעם תהום דעם שטומען
און זויגט די דערנער אָן ביי אַ פלויט אַ קרומען,
און מאָרגן וועט די זון, ווי היינט, ווי נעכטן,
ווי אַלע טאָג, אַ ליכטיקע אַרויסגיין
פון מזרח זייט, געמינערט ניט אַ האָר נישט,
און שאַ, און שטיל, און גלייך ווי גאָרנישט...

און ווילד, משוגע ווילד, פאַרקריכסטו אויף אַ בוידעם
און בלייבסט דאָרט שטיין אין פינסטערניש אַליין;
דו פילסט? דאָ שוועבט נאָך איצט אַרום דער טויט־שרעק
און פאָכעט מיט אַ קאַלטן שוואַרצן פליגל
און פרירט די וואָרצלען פון די האָר אין קאָפּ;
און דאָ און דאָרט, פון אַלע שוואַרצע לעכער —
זע אויגן, אויגן, שטומע אויגן קוקן...
דאָס קוקן די נשמות פון די קדושים,
פאַרוואָגלטע, פאַרשטויסענע נשמות,
וואָס האָבן זיך איניינעם דאָ אין ווינקל
צונויפגעפּרעסט דערשראָקענע — און שווייגן...
אָט דאָ האָט זיי די שאַרפע האַק געפונען
און אָט אַהערצו קומען זיי אַ קוק טאָן,
צום לעצטן מאָל אין זייערע שוואַרצאַפּלען
פאַרחתמענען פון זייער סוף דעם אָפּשיין,
די גאַנצע שרעק פון זייער טויט דעם ווילדן,
די גאַנצע תוכחה פון זייער וויסטן לעבן...
און ציטערנד, ווי טויבן פאַר דער שחיטה,
דאָ טוליען זיי זיך צו דעם דאַך איניינעם
און קוקן לאַנג אויף דיר מיט שטומע אויגן,
וואָס מאַנען נאָר און פרעגן דיך אָן לשון
און טענהן שטומערהייט אַלץ יענע אַלטע טענה,
וואָס האָט נאָך קיינמאָל ניט דערגרייכט צום הימל
און וועט צום הימל קיינמאָל ניט דערגרייכן:
„פאַר וואָס פאַר וואָס? און נאָכאַמאָל פאַר וואָס?...“

און דו פאַרדרייסט דעם קאָפּ — ניטאָ קיין הימל!
אַ דאַך, אַ שטומער דאַך, מיט שוואַרצע שינדלען;
אָט הענגט אַ שפּין — גיי, פרעג דעם גרינעם שפּין!
ער האָט געזען אַלצדינג, ער איז אַן עדות־

איין לעבעדיקער עדות אויף דעם בוידעם,
לאָז ער זשע דיר דערציילן אַלע מעשיות:
אַ מעשה פון אַ בויך מיט פעדערן געפילט,
פון נאָזלעכער מיט נעגל, קעפּ מיט האַמערס,
פון מענטשן נאָכן קוילען קאָפּ־אַראָפּ, ווי גענדז,
צום באַלקן פון דעם בוידעם אויפגעהאַנגען,
און פון אַ קינד אַן אײַנגעשלאָפנס מיט זיין מאַמעס
צעשפּאַלטענע און טויטע ברוסט אין מיילכן,
און נאָך אַ קינד אַ לעבעדיקס צעריסן,
אינײַנעם מיט זיין לעצטן שריי אויף צווייען —
אַ האַלבער „מאַ ...!“ און „מאַמע“ ניט געענדיקט ...
און נאָך, און נאָך פיל מוראדיקע מעשיות,
וואָס לעכערן דיין קאָפּ, וואָס עקבערן דעם מוח
און טויטן דיר אויף אייביק דיין נשמה.
און דו דערשטיקסט אין קעל דיין ווילדן בריל
און שפּרינגסט אַראָפּ און לויפסט אַרויס אין גאַס —
און נאָכאַמאָל פאַר דיר אַ וועלט ווי נעכטן
און אומפאַרשעמט גיסט אויס די זון, ווי, תּמיד,
פאַר יעדער שוועל, פאַר יעדער טיר איר שפּיללּיכט
און וואַרפט אַרויס איר גאָלד פאַר די חזירים ...

און ווייטער, מענטש, קום ווייטער, כוועל דיר ווייזן
באַהעלטענישן — שטאַלן פון חזירים,
און זע מיט דיינע אויגן אַלע מיסטן,
ווו דיינע ברידער, חשמונאימס יורשים,
די אייניקלעך פון אייביקע קדושים,
אין יעדער לאָך צו דריי מנינים האָבן
אין יענעם שחיטה־טאָג זיך אויסבאַהאַלטן

און גרויס געמאַכט צווישן מיסט מיין נאָמען ...
אַנטלאָפן, ווי די מייז, באַהאַלטן זיך, ווי וואַנצן,
און, ווי די הינט, געשטאָרבן ... און צו מאָרגנס
איז פון זיין שטוב אַ זון אַרויס און האָט געפונען
אין מיסט זיין טאַטנס פּגר ... וואָס־זשע וויינסטו, מענטש ?
צו וואָס פאַרדעקסטו מיט די הענט דיין פּנים ? —
קריץ שטאַרקער מיט די ציין און פּלאַץ פאַר ווייטאָק !

איצט גיי אַראָפּ אין טאָל, דאָרט גרינט אַ גאָרטן,
אין גאָרטן שטייט אַ שטאַל, די טויטע שטאַל ;
ווו אַיינגעשלאָפענע אויף זייערע קרבנות,
טויט־שכורע פון בלוט, וואַמפּירן ווילדע—
זע, ליגן דאָ אין שטאַל צעווישן רעדער
צעבראָכענע, מיט בלוט און מאַרך פאַר־שפּריצטע,
מיט שפּיצן אָפענע און אויסגעשטרעקטע,
ווי פינגער מערדערשע צו עמיצנס אַ האַלדז.
וואַרט אויס, פאַרנאַכט, ווען פייערדיק און בלוטיק
וועט אונטערגיין אין מעריב־זייט די זון-
זאָלסטו זיך שטיל אַריינגנבען אין שטאַל—
און ווער פאַרפאַלן דאָרט אין תּהום פון שרעק...
אַ שרעק, אַ שרעק ! זי שוועבט דאָ אין דער לופטן,
זי רוט אויף אַלע ווענט, זי איז אַיינ־געפּרעסט אין שטילקייט...
שאַ, הער זיך איין: סע רירן זיך די רעדער..
דאָס צאַפּלען דאָרט פון אונטן שטיקער אֵברים,
זיי וואַרפן זיך אין אייגן בלוט און גוססן...
אַ שטילער קרעכץ, אַ כאָרכלען פון אַ האַלדז

אַ ניט דערקוילעטן, אַ לעצטער זיפץ,
אַ צוגעשטיקטער רוף, אַ קריץ פון ציין...—
דאָס אַלעס וואַלגערט זיך דאָ ערגעץ
אונטער רעדער,
און שלאָגט זיך אָן די שפּיצן, אָן די
העלצער,
און שפּאַרט זיך דורך פון לעכער און פון
שפּאַלטן,
און בלייבט פאַרגליווערט הענגען אין
דער לופטן,
אַ שוואַרצע חופּה אויף דיין קראַנקן קאָפּ.
אַ וויי, אַ שטומער וויי, אַ צער, אַ גרויסער
צער ...
יסורים שטומע פלאַטערן ... שאַ, שטילער,
ס׳איז נאָך דאָ עמיצער מיט דיר, ער
בלאָנדזשעט
מיט צוגעמאַכטע אויגן אין דער פינסטער,
פאַרטיפט אין אָפּגרונטן פון גרויסן אומעט,
שטרעקט אויס פאַר זיך צוויי דאַרע הענט
צום שוואַרצן
מיט שטומע אַנגסטן אָנגעפּילטן חלל
און טאַפּט דאָס פינסטערניש מיט בלינדע
פינגער,
ניט זוכנדיק קיין אויסוועג פאַר זיין
טרויער—
ס׳איז ער, ס׳איז ער אַליין, דער גרויסער
שמערץ־גייסט,
וואָס האָט זיך זעלבסט פאַרשלאָסן דאָ
אין תּפיסה
און אָן רחמנות זיך אַליין פאַרמשפּט
אויף אייביקע, אויף גרויסע שטומע ליידן;
און ערגעץ דאָ אין שטאַל, אַרום אַייך
ביידן,
איז נע־ונד, און שוועבט אַרום און רוט
ניט,
און קאָן פאַר זיך קיין ווינקל ניט געפינען,
אַ מידע, אַ טויט־מידע, שוואַרצע שכינה.
האַרץ־רייסנד! וויינען וויל זי — און זי
קאָן ניט,
כאָטש איין געשריי טאָן—און זי שווייגט...
שטיל וואַרגט זי זיך מיט אירע טרערן,
פאַרשפּרייט די פליגל איבער די קדושים,
פאַרלייגט דעם קאָפּ אַרונטער און פאַר־
גייט זיך
און וויינט, און וויינט אין זיך אָן לשון...

— — — — — — — — — —

שאַ, גיי פּאַמעלעך צו, פאַרשליס די טיר
און אויג־אויף־אויג בלייב איבער דאָ
מיט איר.
און לאָז זיך אָנזאַפּן אויף אייביק דיין
נשמה
מיט אירע שטילע, ברענענדיקע ליידן;
און ווען אין דיר וועט אַלעס אָפּשטאַרבן
און שווייגן —
נעם ריר זיי אָן — זיי וועלן אויפלעבן
און ריידן.
און גיי אַוועק, צעטראָג זיי אין דיין שויס
אין אַלע עקן פון דער גאַנצער וועלט
און זוך, נאָר ניט געפין פאַר זיי קיין
נאָמען ...

איצט גיי אַרויס פון שטאָט, ווען קיינער
זעט ניט,
און שלייך זיך שטיל, פּאַמעלעך צום
בית־עלמין,
און שטעל זיך אויף די פרישע קדושימס
קברים,
און שטיי, און קוק, און לאָז אַראָפּ די
ברעמען —
און ווער פאַרשטיינערט!
דיין האַרץ זאָל אויסגיין, חלשן אַ טרער—
נאָר טרוקן, ווי אַ שטיין אין מדבר,
בלייבט דיין אויג;
און שרייען וועסטו וועלן, רייסן קברים,
און ברילן ווי אַן אָקס צום שחיטה־
באַנק געבונדן —
נאָר שטום ווי די מצבות, בלייבסטו שטיין.
נעם קוק זיי אָן, דאָ זיינען זיי די קדושים,
דאָ ליגן זיי געשחטענע, ווי קעלבער,
און האָסט פאַר זיי קיין טרער, ווי איך—
קיין לוין ...
איך בין אַהער געקומען, טויטע ביינער!
ביי אַייך מחילה בעטן: זייט מיר מוחל,
זייט מוחל אַייער גאָט, איר אייביקע פאַר־
שעמטע,

פאַר אייער ביטער פינסטער לעבן זייט מיר מוחל,
פאַר אייער צען מאָל ביטערן, פינסטערן טויט.
אַז איר וועט קומען מאָרגן אונטער מיינע טירן
און אָנקלאַפּן ביי מיר און מאָנען לוין —
וועל איך אייך עפענען, קומט זעט —
איך האָב נישט!
אַ גאָטס רחמנות איז אויף אייך — נאָר כ׳האָב נישט!
אַ יורד בין איך, גלייך מיט אייך פאַר־אָרעמט ...
און ווי, און ווונד, און ווי איז אַלע וועלטן!
און לאָזן אַלע הימלען ברומען פאַר רחמנות! —
אַ זעלכע קרבנות — און אומזיסטע!
אומזיסט אַזוי געלעבט, אַזוי געשטאָרבן,
ביט וויסנדיק צו וואָס, פאַר וואָס, פאַר וועם?
אין וואָלקן איינגעהילט איר קאָפּ, וועט אייביק
מיין אַלטע שכינה וויינען שטיל פאַר בושה,
און נאַכט אויף נאַכט וועל איך אַראָפּ פון הימל
באַוויינען זיך אויף אייער קבר...
די שאַנד איז זייער גרויס, און זייער גרויס דער ווייטאָק —
און וואָס איז גרעסער? — זאָג שוין דו, בן־אדם!
ביין, שווייג בעסער, און זיי אַ שטומער עדות,
אַז דו האָסט מיך אין אָרעמקייט געפונען
און צוגעזען מיין עלנד און מיין טרויער.
און גייענדיק צוריק — נעם מיט, בן־אדם,
אַ טייל פון צער מיינעם, פון שטילן ווייטאָק,
און מיש אים אויס מיט צאָרן־גיפט און וואַרף אים
אין שויס פון די נאָך־לעבעדיקע מתים...

ווילסט גיין צוריק — פאַרקוקסטו זיך אויף גרעזלעך —
אַ פרישע יונגע בשורה פון אַ פרילינג
פילט אָן דיין האַרץ, באַהויכט דיר דיינע אויגן
מיט שטילן באַנג נאָך ווייטן, נייען לעבן, —
ס׳איז קברים־גראָז, סע שמעקט מיט טויט, בן־אדם!...
רייס אויס אַ הויפן גראָז, פאַרוואַרף דאָס הינטער זיך
און זאָג דערביי, צומאַכנדיק די אויגן:
„מיין פאָלק איז אָפּגעריסן גראָז — צי קאָן דען
אַן אָפּגעריסענעס נאָך לעבן“?...
און קוק זיך מער ניט אום — אַנטלויף פונדאַנען,
צו די נאָך־לעבעדיקע לויף, ס׳איז היינט אַ תענית,
און פאַל אַריין צו זיי אין שול, און ווער פאַרפאַלן
אין זייער ברענענדיקן ים פון טרערן...
דו הערסט? יללות, ווילדע שרעקלעכע יללות,
דורך מיילער אָפענע, דורך ציין פאַר־קלעמטע,
צערייסן זיך אויף טויזנט לעבעדיקע שטיקער,
פאַרמישן זיך און גיסן זיך צונויף
אין איין פאַרצווייפלטן און מוראדיקן יאָמער,
וואָס וואַרפט זיך, ווי אַ קראַנקער אין דער לופטן
אויף קעפּ, פאַרריסענע צום פייכטן באַלקן,
אויף פנימער פאַר ווייטאָק אויסגעקרימ־טע ... —
אַ גרויל, אַ גרויל! אַ פראָסט נעמט דורך דיין לייב!
אַזוי קלאָגט נאָר אַ פאָלק, וואָס איז פאַרלוירן,
וואָס אַש און רויך איז זיין נשמה, און אַ מדבר,
אַ וויסטער מדבר, איז זיין האַרץ געוואָרן.
קיין איינציק גרעזל האַס, קיין קערנדל נקמה!

דו הערסט? זיי קלאַפּן זיך אין ברוסט
„אשמנו“!
זיי בעטן, איך זאָל זיי די זינד פאַר־
געבן...
צי זינדיקט דען אַ שאָטן אויף די ווענט —
אַ שאַרבן אַ צעבראָכענער, אַ טויטער
וואָרעם? —
וואָס בעטן זיי? וואָס שטרעקן זיי די
הענט?
אָ פויסט ווו איז? ווו איז אַ גרויסער דונער,
וואָס זאָל זיך אָפּרעכענען פאַר אַלע דורות,
און אַיינלייגן די וועלט, צערייסן הימלען,
מיין שטול, מיין כסא־כבוד, איבערקערן!..
— — — — — — — —
— — — — — — —
— — — — — — —

און הער בן־אדם!
צעשרייט דער חזן זיך ביים עמוד:
„טו, גאָט, פאַר די געשאָכטענע קרבנות!
פאַר די צדיקים טו, פאַר פרומע זקנים?
פאַר זויגנדיקע קינדער טו, פאַר פּיצלעך
קינדער“!
און נאָכשרייען מיט קולי־קולות וועט
דער עולם,
אַזוי, אַז אַלע ווענט און זיילן פון דעם הויז
מיט דיר איניינעם וועלן ציטערן פאַר
פחד —
וועל איך אויף דיר אַן אַכזר זיין, אַ גרוי־
סער אַכזר —
מיט זיי וועסטו. ביי מיר ניט וויינען!
און הייבט זיך אויף אין דיר אַ בריל
און רייסט זיך —
דערשטיק איך אים צווישן דיינע ציין!
דו זאָלסט דאָס אומגליק ניט ווי זיי
פאַרשוועכן,
פאַרבלייבן זאָל דאָס אומבאַקלאָגט
לדורות..
און דיין ניט־אויסגעוויינטע טרער באַ־
גראָב אין זיך,
אין האַרצן טיף פאַרמויער זי, בוי אויס
דאָרט.
פון האַס, פון גרימצאָרן און גאַל פאַר
איר אַ פעסטונג,
און לאָז זי וואַקסן דאָרט אַ שלאַנג אין
נעסט,
און זויגן זאָלט איר איינער פון דעם
צווייטן,
און תמיד בלייבן הונגעריק און דאָרשטיק,
און ווען אַ בייזער יום־הדין וועט קומען —
צעברעך דיין האַרץ, באַפריי די בייזע
שלאַנג!
און לאָז זי אָפּ ווי אַ פאַרסמטע פייל,
טויט־הונגעריק מיט ברענענדיקן גיפט,
אין מיטן האַרצן פון דיין אייגן פאָלק...

און מאָרגן גיי אַרויס אין גאַס, בן־אדם,
און זע: אַ מאַרק, אַ מאַרק פון לעבעדיקן
בראָכוואַרג!
דערשלאָגענע, האַלב־טויטע מענטשן־
ווערעס,
צעבראָכענע און אויסגעקרימטע רוקנס,
פאַרוויקלטע אין שמאַטעס, הויט און ביינער
מיט קינדער וויסטע קאַליקעס, מיט ווייבער
צום טויט פאַרמאַטערטע און אַיינגעדאַרטע,
אַ היישעריק, סוף־זומערדיקע פליגן,
באַפאַלן טיר און טויער, אַלע פענסטער,
באַלאַגערן די שוועלן פון די הייזער
און שטרעקן אויס, געלערנטע צו בעטלען,
קרומע הענט
מיט אויפגעדעקטע אייטעריקע וווּנדן,
און יעדער שרייט אויס זיין פעקל סחורה,
פאַררייסנדיק די לויזע אויגן צו די
פענסטער,
ווי קנעכט, ווי הינט געשלאָגענע צום
באַלעבאָס:
אַ גראָשן פאַר אַ וווּנד, אַ גראָשן פאַר
אַ וווּנד!
אַ גראָשן פאַר אַ טאָכטער אַ געשענדטע!
אַ גראָשן פאַר אַן אַלטן טאַטנס טויט
און פאַר אַ יונגן חופּה־זון אַ קדוש!

צום בית־הקברות מיט די טאָרבעס,
שלעפּער!

אַהינצו גייט, גראָבט אויס די ווייסע ביינער
פון אייערע קדושימס פרישע קברים,
שטאָפּט אָן די טאָרבעס, יעדערער זיין טאָרבע,
און לאָזט זיך אין דער וועלט אַריין, און שלעפּט זיך
פון שטאָט צו שטאָט, ווו ערגעץ אַ יריד,
און אונטער אַלע פרעמדע הויכע פענ־סטער
זינגט הייזעריקע בעטלערשע נגונים,
און רחמים בעט, און שנאָרעט אויס, און שווינדלט,
ווי ביז אַהער, מיט אייער פלייש און ביין.

— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

און איצט גענוג, אַנטלויף, דו מענטש, אַנטלויף אויף אייביק!
אין וויסטן מדבר לויף — און ווער משוגע!
צערייס אויף טויזנט שטיקער דיין נשמה
און וואַרף אַרויס דיין האַרץ פאַר ווילדע הינט;
און לאָז דיין טרער אַראָפּפאַלן אויף הייסע שטיינער
און דיין געשריי זאָל איינשלינגען דער שטורעם...

ח. נ. ביאַליק.

# דאָס לעצטע וואָרט

(נביאיש):

איך בין צו אייך פון גאָט געשיקט:
ער האָט געזען איר ווערט דערשטיקט;
ער האָט געזען, איר פוילט און פאַלט,
איר ווערט פון טאָג צו טאָג מער אַלט;
און אָפּגעלאָזט האָט זיך די האַנט
און אויסגעלאָזט האָט זיך די מאַכט —
און גאָט האָט זיך אין אייך דערמאָנט,
און ער האָט מיך צו אייך געבראַכט.

און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
„צו שווער דער יאָך — איך קאָן ניט מער!..
גיי רייס פון זייער האַרץ אַן „אוי״!
שיס אויס פון זייער אויג אַ טרער!
און שווער זאָל זיין די טרער און ביטער
און הויך זאָל זיין דער לעצטער קרעכץ,
אַזוי — די ערד זאָל טאָן אַ ציטער
און אָפּטרייסלען פון זיך דאָס שלעכטס״.

איך האָב געפאָלגט און בין געגאַנגען,
מיין וועג איז פול געווען מיט שטיינער;
נאָר איין געפיל און איין פאַרלאַנגען
האָט טיף געגליט אין מיינע ביינער;
איך האָב געפילט, איר זייט באַ שלאַנגען...
און מיט אייך, ביי אייך—קיינער, קיינער...
מיך האָט געטריבן אייער ווייטיק,
איך האָב געמיינט מיין הילף איז נייטיק.
איך בין געשטראָפט פון גאָט מיט האַרץ:
איך האָב אַ האַרץ, וואָס קרענקט פאַר יענעם,
וואָס קאָרטשעט זיך פון פרעמדן שמאַרץ
און ווערט פאַרברענט פון יעדנס גיהנם...
איך האָב געהערט, עס איז אייך שווער,
האָב איך געמיינט, איר פילט און וויסט
און וואַרגט זיך שטיל מיט אייער טרער
און זוכט אַ הילף און בעט אַ טרייסט,—
און טייער זיינען די מינוטן...
„איך גיי, איך קום — כ׳וועל היילן ווונדן,
מיט אייך אינייַנעם וועל איך בלוטן,
און ווו מע דאַרף, וועל איך פאַרבינדן,
און ווו מע מוז, וועל איך אָפּלעקן
דאָס בלוט, וואָס טריפט פון אייער ווונד.
כ׳וועל טרייסטן, בעטן, וויינען, וועקן —
און וועל ניט לאָזן גיין צו גרונד!
איך גיי, איך קום — איך טראָג אַ טרייסט,

איך טראָג אַ בשורה פון נחמה;
איך בין געבענטשט פון גאָט מיט גייסט —
אייך וועל איך שענקען מיין נשמה...
איך בין פון גאָט מיט מוט באַשמידט,
וואָס רייסט אויס בערג און ווערט ניט מיד,
וואָס לאָזט מיין רוקן זיך ניט בויגן
און קוקט דעם בייז גלייך אין די אויגן;
און גאָט האָט מיר געשענקט אַ צונג,
אַ שאַרפן, ווי אַ שאַרפן קלונג, —
אויב איר זיינט שטיין—איז זי אַן אייזן,
אויב איר זיינט אייזן—איז זי שטאָל...
איך קום, איך וועל זיך נאָר באַווייזן—
און איר וועט אויפשטיין מיט אַמאָל!"...
איצט שטיי איך אונטער אייער טיר —
און אָפּגענומען איז מיין לשון;
עס הענגט אַ שווערע נאַכט אויף מיר—
מיין פונק, מיין ליכט איז אויסגעלאָשן.
מיך האָט באַגעגנט שפּאָט און שאַנד,
איר האָט פאַר מיר די טיר פאַרמאַכט—
און אָפּגעשטויסן איז גאָטס האַנט
און גאָטעס וואָרט איז אויסגעלאַכט...

איך האָב שוין מער קיין שפּראַך פאַר
אייך —
פאַר אייך איז פרעמד און טויט גאָטס
שפּראַך.
איך האָב געזאָגט איין וואָרט—האָט דאָס
דער ווינט פאַרטראָגן מיט איין בלאָז;
נאָך איינס האָב איך געזאָגט—איז דאָס
געפאַלן, ווי אַ פונק, אויף גראָז —
נאָר טרוקן איז געווען דאָס גראָז
און אויסגעברענט האָט דאָס מיט רעש
און ס'איז דערפון געוואָרן אַש.
האָב איך אַרויסגעלאָזט אַ קול—
האָט דאָס געטראָפן ווי אַ קויל
און ווי אַ דונער דורכגעלאָפן
אין מיטן שיינעם, העלן טאָג
און גלייך אין האַרצן אייך געטראָפן —
און אויסגעבראָכן האָט די קלאָג!
און אויסגעשאָסן האָט די טרער! —
נאָר, ווי מיר! פאַלש איז אייער ג'וויין!
ניט קיינער, קיינער גלויבט אים מער.
ניט גאָט, ניט איך, ניט איר אַליין...

בין איך צו אייך אין שמוץ געקראָכן
און אַלע קליידער איינגעריכט,
כ'האָב מיט די הענט פאַר אייך געבראָכן
און הילף ביי אייך פאַר אייך געזוכט...
נאָר קיינער קומט צו הילף ניט, קיינער,
און איך בין איינער, איינער, איינער...
מיין תפילה האָט געהערט די וואַנט,
איר האָט פאַר מיר די טיר פאַרמאַכט;
און אָפּגעשטויסן איז גאָטס האַנט
און גאָטעס וואָרט איז אויסגעלאַכט!...

נאָר ווייסט, איר אומגליקלעכע ווייסט—
איך האָב ניט מער פאַר אייך קיין טרייסט...
איך האָב אַ וואָרט אַ שרעקלעך וואָרט,
וואָס וועט אייך הויבן פון דעם אָרט;
וואָס וועט דאָס ליכט אייך מאַכן שוואַרץ
און וועט פאַרסמען אייך דאָס האַרץ,
אין מויל פאַרגיפטן אייך דעם ביסן
און ביטער מאַכן אייך דאָס ברויט,
דאָס לעבן וועט דאָס אייך פאַרמיאוסן
און וועט ניט געבן אייך דעם טויט...
ניטאָ פאַר אייך קיין וואָרט נחמה!
איך האָב פאַרברענט שוין מיין נשמה
און האָב מיין בונט מיט אייך צעריסן...
צעבראָכן ליגט אין דר'ערד מיין מוט—
איך וועל אויף אייך מיין גאַל אויסגיסן
און וועל באַשפּייען אייך מיט בלוט...

און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
„דאָס לעצטע מאָל שריי אויס אַן „אוי"!
און גיב אַ קרעכץ צום לעצטן מאָל.
אַז ציטערן זאָל באַרג און טאָל;
און נעם זיך אָן מיט גאַל און זאָג:
הערט, טויבע, הערט!
עס גייט אַ טאָג,
איך לאָז אַרויס אַ זון פון רעכט
און וועל די וועלט מיט ליכט באַגיסן—
נאָר איר אַליין וועט בלייבן קנעכט
און וועט קיין טראָפּן ליכט געניסן...
און בלינדערהייט, מיט זין און טעכטער,

וועט איר אַרומלויפן פאַרסמט
אַהין, אַהער, פאַר טויזנט מייל,
און בעטן, חלשן אַ שטראַל ...
נאָר אַייך באַגעגנט אַ געלעכטער,
וווהין איר קומט, האָט איר פאַרזאַמט"...

איך שליס אויף אוצרות לעבן, מאַכט,
און ימים פרייד וועל איך צעגיבן —
נאָר איר אַליין וועט זיין פאַרשמאַכט
און אַייער קוואַל וועל איך באַטריבן;
און טרוקענע, מיט זין און טעכטער,
וועט איר אין פרעמדע טירן קלאַפן,
מיטן פנים צו דער ערד צופאַלן
און איבער פרעמדע קוואַלן קניען
און דאָרשטיק אַייער האַלדז אויסציען
און בעטן, חלשן — אַ טראָפּן ...
נאָר אַייך באַגעגנט אַ געלעכטער.
פאַר אַייך פאַרשלאָסן אַלע קוואַלן.

איך שיק אַראָפּ אַ מילדן גייסט,
וואָס פרישט ווי טוי פון גאָט און ווייזט
אַ נייעם וועג צו נייע הימלען —
נאָר איר וועט טרוקן זיין, ווי שטרוי,
און ניט אויף אַייך וועט פאַלן טוי,
איר?—איר וועט אייביק פוילן, שימלען.
און אויב ס׳איז נאָך פון פרי׳ר געבליבן
אַ פונק פון גייסט, געפיל און גלויבן,
אַן ערנסטער זיפץ, אַ הייסע טרער — —
וועל איך דאָס איינציקוויז אָפּרויבן.
און אַייער האַרץ וועט בלייבן לער
אָן טַעם, אָן רֵיח, אָן לייב און לעבן ...

און וויסט וועט ווערן אַייער צעלט,
און אומשלעפן וועט איר זיך מידע,
ווילד=פרעמדע אויף אַ פרעמדער וועלט
און בעטלער אויף אַ רייכער סעודה,
און שטייענדיק ביי פרעמדע שוועלן,
וועט איר די ווונדן זיך אויפדעקן
און וועט פאַר פרעמדע זיי אויסשטעלן,
אַ ציטערדיקע האַנט אויסשטרעקן
און בעטן הילף אויף בעטלער=לשון —
נאָר אויסבעטלען וועט איר פאַר געלט,
און לעבן וועט איר פאַר אַ גראָשן...

און שווער וועט אַייך דאָס לעבן ווערן—
אַ לאַנגע נאַכט און ניט איין שטערן...
און אַייער קרעכץ פאַרטראָגט דער ווינט
און אַייער קול וויל גאָט ניט הערן...
און שרעקלעך גרויס וועט זיין די נויט,
ווי גרויס און שרעקלעך איז די זינד;
און איר וועט חלשן דעם טויט
און בענקען וועט איר נאָכן לעבן...
נאָר גאָט וועט אַייך ניט ביידע געבן...
און שרעקלעך וויי וועט זיין דער שמאַרץ...
אַפילו אַייער אייגן האַרץ
וועט אַייער אייגן מויל ניט גלויבן...
איר וועט זיך פרווון הויבן, הויבן —
אַן אָטעם טאָן—און וועט ניט קענען.
דאָס איז אַ קבר, נאָר באַגראָבן
זיינט איר דאָרט לעבעדיקערהייט...
דאָס איז אַ פייערדיקער גיהנם,
וואָס וועט קיין ענדע קיין מאָל האָבן—
נאָר ס׳איז אַ גיהנם אָן אַ טויט...

און גאָט זאָגט מיר:
„איצט גיי אַראָפּ
צום טעפּערס הויז און קויף אַ טאָפּ,
און טו אַ וואָרף, און זאָג דערביי
שטאַרק הויך, אַז יעדערער זאָל הערן:
„אַזוי וועט איר צעבראָכן ווערן!"
און רייד ניט מער, ניט ווייז, ניט שריי,
בויג אָן דעם קאָפּ און ווער פאַרשטומט —
עס גייט דער טאָג, ער קומט, ער קומט"...

ח. נ. ביאליק.

# סאַטירע און איראָניע.

## די פרומע קאַץ.

דריי זינגפויגעלעך זיינען געוועזן אין איין שטוב, און אַלע דריי, איינס נאָכן צווייטן — האָט די קאַץ צורעכטגעמאַכט...

עס איז קיין איינפאַכע קאַץ נישט געוועזן, נאָר אַן אמת, אמת פרומע נשמה, וואָס האָט נישט אומזיסט געטראָגן די ווייסע גוט־יידישע יופּע און געהאַט אייגעלעך, אין וועלכע דער הימל האָט זיך געשפּיגלט...

עס איז אַ פרומע קאַץ, אַ טבילה־קאַץ געווען! צען מאָל אין טאָג האָט זי זיך געוואַשן, און געגעסן האָט זי שטיל, ערגעץ אין אַ זייט, אין אַ ווינקעלע...

אַ גאַנצן טאָג האָט זי געכאַפּט וואָס עס איז מילעכדיקס, און ערשט, אַז די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט זי געגעסן פלייש, כשר מויזן־פלייש...

און נישט געאײַלט זיך צו דער אַכילה, ווי אַ גראָבע זאַך. נישט געכאַפּט און געשלונגען, ווי פּרעסער טוען; נאָר בנעימות, שפּילנדיק... זאָל דאָס מייזל לעבן נאָך אַ רגע, נאָך אַ רגע... זאָל עס אַביסל אַרומטאַנצן, אָפּציטערן, ווידוי זאָגן, — אַ פרומע קאַץ כאַפּט נישט...

אַז מע האָט אין שטוב אַריין דעם ערשטן זינגפויגל געבראַכט, האָט זי אויף אים באַלד רחמנות באַקומען; עס האָט זי ביים האַרץ אָנגעכאַפּט.

— אַזאַ שיינס, — זיפצט זי, — אַזאַ קליינס, אַזאַ מחיהדיק פייגעלע זאָל קיין עולם הבא נישט האָבן!

— און עס קען קיין עולם הבא נישט האָבן! — איז זיכער די קאַץ.

ערשטנס, וואַשט זיך עס דייטשעריש מיטן גאַנצן לייב אין שיסעלע וואַסער...

צווייטנס, אַז מע האָט עס איינגעזעצט אין שטייג, איז עס שוין אַ חיה רעה, כאָטש אַ יונג, זיס און פיין זינגפייגעלע... האַלט עס שוין מער פון דינאַמיט, ווי פון שולחן־ערוך!

היינט דאָס זינגען אַליין! דאָס אויסגעלאַסענע זינגען, דאָס צופייפן און דאָס קוקן גלייך אָן אַ שום דרך־ארץ אין הימל אַריין! דאָס רייסן זיך אַרויס פון שטייג צו דער זינדיקער וועלט, צו דער פרייער לופט, צום אָפענעם פענסטער...

צו איז נאָך אַמאָל אַ קאַץ אין אַ שטייג געזעסן? צו האָט נאָך אַמאָל אַ פרומע קאַץ אַזוי געפּיפן, אַזוי זמרי־בן־סלואדיק געפּיפן?

— און אַ שאָד! — וויינט דאָס פרומע האַרץ אין דער פרומער קאַץ, — עס איז דאָך אַ לעבעדיקע זאַך, אַ טייערע נשמה, אַ פונק פון דער הויך!

דער קאַץ קומען טרערן אין די אויגן:

— און דאָס גאַנצע אומגליק איז, וואָס דער זינדיקער גוף איז אַזוי שיין, דער עולם־הזה דעריבער — אַזוי גלוסטיק, דער יצר־הרע אַזוי שטאַרק...

ווי קען אַזאַ קליין זיס פייגעלע זיך אַנטקעגנשטעלן דעם שרעקלעכן גרויסן יצר־הרע?

און וואָס מער עס לעבט, מער זינדיקט עס, גרעסער ווערט זיין די שטראָף...

האַ!

און אַ הייליק פייער האָט זיך אָנגעצונדן אין דער קאַץ, דאָס פייער פון פנחס

בן־אליעזר בן אַהרן הכהן... און זי איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן טיש, ווו די שטייג מיטן זינג־פייגעלע איז געשטאַנען, און —

עס פליען שוין פעדערן אין צימער...

---

מע האָט די קאַץ געשלאָגן... די שלעג נעמט זי אָן פאַר ליב... זי האָט פרום אָפּגעקרעכצט, אָפּגעמיאַוטשעט אַ יאָמערלעכן על חטא...

מער וועט זי שוין נישט זינדיקן...

די קלוגע קאַץ פאַרשטייט, פאַר וואָס מע האָט זי געשלאָגן. מער וועט זי אויף קיין שלעג נישט פאַרדינען...

— מע האָט זי געשלאָגן, — פאַרשטייט די קאַץ, — דערפאַר, ווייל זי האָט פאַרפּעדערט די שטוב, ווייל אויפן ווייסן געשטיקטן טישטוך זיינען געבליבן פלעקן פון בלוט...

אַזאַ פּסק מוז מען מקיים זיין גוט, שטיל און פרום, עס זאָל קיין פעדער נישט פליען, קיין טראָפּן בלוט נישט פאַלן...

און — אַז מע האָט דעם צווייטן זינגפויגל געקויפט און אין שטוב געלאָזט, האָט זי אים שוין שטיל און פיין דערוואָרגן און מיט די פעדערן צוזאַמען איינגעשלונגען...

---

מע האָט די קאַץ געשמיסן...

אַצונד האָט ערשט די קאַץ פאַרשטאַנען, אַז נישט וועגן פעדערן גייט עס, נישט וועגן פלעקן פון בלוט אויפן טישטוך...

דער סוד איז, אַז מע טאָר נישט טויטן! אַז מע דאַרף ליב האָבן, מוחל זיין, אַז נישט מיט אַרבע מיתות בית־דין *) פאַרבעסערט מען די זינדיקע וועלט!

מע דאַרף מחזיר למוטב זיין **), מוסר זאָגן, צום האַרץ ריידן!

אַ קאַנאַריק אַ בעל־תשובה קען קומען צון אַזאַ מדרגה, צו וועלכער די פרומסטע קאַץ וועט נישט דערגרייכן!

און די קאַץ דערפילט, ווי עס וואַקסט אין איר דאָס האַרץ פאַר פרייד!

אויס אַלטע, שלעכטע און האַרטע צייטן! אויס בלוט פאַרגיסן!

רחמנות, רחמנות, און נאָכאַמאָל רחמנות...

און מיט רחמנות איז זי צוגעגאַנגען צום דריטן קאַנאַריק!

— שרעק דיך נישט, — מאַכט זי מיט דער ווייכסטער שטימע, וואָס איז אַמאָל אַרויס פון אַ קאַציקן האַלדז, — זינדיק ביסטו דו, נאָר איך וועל דיר קיין שלעכטס נישט טאָן, ווייל איך האָב רחמנות אויף דיר!

איך וועל דיר אַפילו די שטייג נישט עפענען, איך וועל דיך אַפילו נישט אָנרירן!

דו שווייגסט? — זייער גוט! איידער פרעכע לידער צו זינגען, איז גלייכער שווייגן!

דו צאַפּלסט? — נאָך בעסער! צאַפּל, צאַפּל, מיין קינד, נאָר נישט פאַר מיר, פאַרן בורא עולם צאַפּל, פאַר זיין ליבן נאָמען!

---

*) די פיר אַרטן פון טויט־שטראָף, וואָס האָבן עקסיסטירט ביי די יידן אין פּאַלעסטינע (פאַר־שטיינען, פאַרברענען, דערהרגענען און דערוואָרגן).

**) אומקערן צו גוטן, אַרויפפירן אויף אַ גיטן וועג.

הלואַי זאָ'סטו שוין אַזוי בלייבן — שטיל, ריין און צאַפּלדיק...

איך וועל דיר העלפן צאַפּלען! פון מיין פרומער נשמה וועל איך הויכן אויף דיר שטילקייט, זיסקייט און פרומקייט... מיט מיין הויך זאָל אַריין אמונה אין דיין לייב, יראת שמים אין דיינע ביינדעלעך, תשובה און חרטה אין דיין הערצעלע!

און די קאַץ פילט ערשט, ווי גוט עס איז מוחל צו זיין, ווי אַ פרייד עס איז יענעם אַריינצובלאָזן מיטן הויך פרומקייט און ערלעכקייט...

און עס וואַקסט דאָס פרימסטע האַרץ אין דער פרימסטער ווייסער קאַץ —

נאָר דער קאַנאַריק קען אין דער קאַצן־לופט נישט עטעמען —

עס האָט אים דערשטיקט!

י. ל. פּרץ.

---

# די נאַכטוועכטער.

אַ נאַכט—אַ מחיה! דאָס נעכטל איז טייער!
נאָר היט אַייך פאַר פייער! היט אַייך
פאַר פייער!
נאָר נישט געקאָכט און געזאָטן!
פאַרשליסט נאָך די פענסטער און טירן
און טויערן,
פאַרמאַכט נאָך די אויגן, פאַרשטאָפּט אַייך
די אויערן,
און שנאָרכט אַייך, ווי גאָט האָט געבאָטן!

און קענט איר נישט שלאָפן, נו, ליגט
כאָטש באַריט!
און הערט זיך שטיל אַיין ווי די פלעדער־
מויז פליט.
ווי שטיל, און ווי האַרציק און טייער!
און הערט איר גערויש, געשרייען, גע־
לעכטער,
צי קללות — זייט רויִק, מיר זיינען די
וועכטער!
און היטן אַייך אַלע פאַר פייער!

פאַרשאָלטן זאָל ווערן ווער ס'רירט זיך
און גייט
און צינדט אָן אַ פייער, צו רירט די
טראָמפּייט
צום בלאָזן, צום וועקן ביינאַכט!

מע וועט אין גהינום די לייבער זיי
דרעשן!
און דאָ וועל' מיר לעשן און לעשן און
לעשן.
געטריי וועל' מיר דינען דער נאַכט.

שלאָפט אַיין! מיר דאַוונען, מיר בעטן
און קניען
פאַר גאָט! דער רבונו של עולם זאָל ציען
אַ וואָלקן אויף אַייך ווי אַ בליי!
אַ וואָלקן אַ שוואַרצן! אָ, גאָט וועט אונדז
הערן,
ער וועט נאָך פאַרלעשן לבנה און שטערן,
און דעמאָלט — ווי אָטעמט זיך פריי!

און מיר וועלן רופן נאָך פעסטער, גע־
טרייער;
היט אַייך פאַר פייער! היט אַייך פאַר
פייער!
שאַ, קיין גערויש, קיין געלעכטער!
קיין ליכטל אין מוח, קיין פלעמל אין
האַרץ!
פרום זאָל זיין! רויִק און טויטלעך און
שוואַרץ!

מיר זיינען, מיר זיינען די וועכטער!

י. ל. פּרץ.

# מָשיחַס-צייטן.

אַז משיח וועט קומען, וועלן אַלע יידן אַרומגיין לעטניע, אין לאַנגע טלית-קטנס און וועלן האָבן דעם גרויסן נחת-רוח פון דער וועלט. בולקעס וועלן וואַקסן, טייערע קוכנס און שטרודלען וועט מען אָפּשניידן פון בוים. אַוווּ מע טוט אַ קוק, רינט מילך און האָניק, און פּירות פונם גן-עדן ליגן פאַר יעדער שטוב הויפנסווייז. פ״ש קומען אָן פאַרטיק געקאָכט און לייגן זיך אַנידער אויפן טיש. גענדז און אינדיקעס זיינען דאָ אָן אַ שעור און קאָסטן גאָרניט. טייערע וויינען און בוימלען גיסן זיך אין אַלע הייזער. און אַלץ קומט אַליין צום מענטשן, ווי דער שלו און דער מָן... איטלעכן טאָג איז סעודת שלמה בשעתו *), און ס׳ווערט צוגעשפּילט צו דער יויך, ווי אויף אַ חתונה. איטלעכער ייד פאָרט אַרויס ווי אַ קיסר מיט ברענענדיקע פערד און מיט אַ בריטשקע. די ווייבער גייען אָנגעטאָן אין סאַמעט און אין זיידנס מיט צירונג און מיט העלדזער פּערל, אַז עס בלישטשעט; און אַוווּ מע טוט אַ קוק, איז לויטער תענוג. די זון שיינט תמיד, מע זעט קיינמאָל ניט קיין כמאַרע. ס׳איז ניטאָ קיין ווינטער, קיין זאַווערוכע, און מ׳שלאָפט בייטאָג מיט אַזאַ מין מתיקות; איטלעכער מענטש איז געבעט אַזוי ווייך און מ׳איז צוגעדעקט מיט זיידענע קאָלדרעס. אויף יעדן ווונק קומען צען משרתים און עבדים ושפחות, וואָס טראָגן אַלץ צו און באַדינען איטלעכן יידן, ווי מ׳באַדינט אַ שררה. און גאָלד און אַבנים טובות שטייען אין פעסלעך, אָבער נאָר צום פאַרגעניגן, וואָרום קויפן טאָר מען ניט, — ווער שמועסט האָרעווען, צו גאָר טאָן אַ מלאָכה. ס׳גאָר ניט קיין חלוק צווישן אַן אָרעמאַן און אַ נגיד, צווישן דעם פּראָסטן עולם און די איידעלע. איטלעכער ייד איז אַזוי רייך, ווי דער אַנדערער. נאָר די הייזער זיינען פאַרשיידן וועדלוג איטלעכנס גוסט. אַלע שטעט זיינען ווי גערטנער, און מ׳איז פריילעך און בניחה דעתיה **), ווי אום שבת זומער בשנת שובע ומבורכת ***). פאַר אַלע גזרות רעות און הריגות, וואָס יידן האָבן געהאַט צו ליידן אין גלות, ווערט איצונד באַצאָלט; פאַר יעדער יידישער טרער, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן, וועט מען קריגן אַ זאַק מאַנדלען. און מיאוסקייטן וועט מען גאָרניט זען — איטלעכער ייד וועט האָבן אַ שיין פּנים. און די נקבות וועלן זיין לויטער בת-מלכהס און פּרינצעסינען; און זיי וועלן זיין תמיד יונג און ליכטיק און אויסגעפּוצט. און דער צער פון קינדער האָבן וועט גאָר גאָרניט מער זיין, און קיין שלאָפקייט, קיין קראַנקייט. אַלע וועלן זיין פריש און געזונט און לעבעדיק. אַי, וועט דאָס דעמאָלט זיין גוט צו לעבן און צוצוזען, ווי דער אייבערשטער האָט אַלץ מקיים געווען, וואָס ער האָט צוגעזאָגט! און שפּעטער וועט טאַקע קומען תחית המתים. אַלע טאַטעס און זיידעס, אור-אור-זיידעס, באָבעס, פעטערס, מומעס, פאַרשטאָרבענע קינדער, — אַלע וועלן אויפשטיין און וועלן זיך פרייען מיט די זייעריקע. יאָ, וועט דאָס זיין אַ קושן און אַ האַלדזן! ניטאָ מער קיין יתומים און קיין אַלמנות ניט; ניטאָ קיין חשוכי-בנים ****). די קרומע וועלן אַלע ווערן גלייך, די בלינדע—זעענדיק, און די טויבע הערנדיק, — אַלע מומים פון גוף און פון דער נשמה וועלן ווערן ווי אָפּגעווישט. קיינער ווערט ניט אין כעס, קיינער רעדט ניט אויף זיין חבר אַ שלעכט וואָרט, קיין

---

*) אַ רייכער מאָלצייט צו דער צייט.

**) גוט אויפגעלייגט.

***) אין אַ זאַט און געבענטשט יאָר.

****) קינדערלאָזע.

קנאה ושנאה איז ניטאָ. און אין אַלע הערצער איז שמחת יום־טוב. עפּעס אַ קליינינקייט, יידן האָבן דערלעבט די גאולה, די אמתע גאולה, וואָס אַלע נביאים האָבן דערויף געזאָגט נביאות, און אַלע ספרים הקדושים האָבן דערפון גערעדט! אַ קלייניקייט, דער שופר פון משיחן האָט זיך געלאָזט הערן פון איין עק וועלט ביז אין דעם אנדערן! אַז די אומות האָבן זיך דערשראָקן, און אַלע שונאי ישראל האָבן געהאַט זייער מפּלה. און די גבורי ישראל זיינען אַלע ווי שמשון. ס'איז אַ וועלט פון לויטער גבורה און תענוג און נקמה באויבי ה'. און מ'לעבט און מ'פרייט זיך, און יידן זיינען ביי גאָט כל ולך און האָבן אָפּגענומען גאָר די וועלט.

און אַפילו די חיות רעות האָבן אויך באַקומען אַן אַנדער טבע. אָקסן גייען אַרום מיט וועלף שפּאַצירן; אַ קליין שעפעלע שפילט זיך מיט אַ בער, קיינער טשעפּעט ניט דעם אַנדערן. קיין חיה און קיין בהמה איז ניט הונגעריק; קיין בוים דאַרט ניט פון טרוקנקייט. אַלץ וואַקסט פון אַליין. ס'קומט אויס, ווי אַן אייביקער קוואַל האָט זיך אויפגעעפנט; ווי מזל און ברכה, עושר וישועה, נחת וצדק וכל טוב האָט באַגאָסן די וועלט; ווי קליינע פידעלעך שפּילן ביי איטלעכן אין האַרצן: ברכי נפשי לה' לה' עולם ומלואו, — אויף אַלץ, וואָס דערויף שיינט די זון.

מ. י. בערדיטשעווסקי.

# עפּיגראַמען.

* *
*

שקר, שטייט, „אין לו רגלים“,
אָבער אמת—ער האָט פיס,
פאָרט דער שקר אין קאַרעטן
און דער אמת גייט צו פוס.

י. ל. פרץ.

* *
*

ווען איך בין גאָט, וואָלט איך אַנדערש געשטראָפט!
איך וואָלט אַ זינדער אַ האַרטן
צוגעזאָגט אַלעס, אי נחת, אי גליק —
און וואָלט אים געהייסן נאָר וואַרטן!...

י. ל. פרץ.

## טובות.

זיי האָבן מיר געלט געבאָרגט,
ווען מיר איז שלעכט געווען,
זיי האָבן פאַר מיר געזאָרגט,
איך זאָל ניט אונטערגיין.
דאָך האָבן זיי מיין וויי
מיר אימער אויפגעוועקט;
דען שטענדיק האָבן זיי
די גוטס מיר צוגעשטעקט.

מ. ראָזנפעלד.

## פרידן.

צעשמעלצן ווילן זיי דעם שווערד,
ער זאָל אַלס אַקעראייזן דינען,
צו אַקערן דערמיט די ערד,
אום דאָרט צו זוכן, צו געפינען
נאָך אַ שאַרפערע געווער,
וואָס זאָל קענען שניידן מער.

מ. ראָזנפעלד.

# אינהאַלט:

## פאַרשיידענע לירישע מאָטיוון.

### פאָלקסלידער.


זייט.

וויג־ליד — — — — פון דער זאַמלונג י. ל. כהן . . . . . . 4
דאָס קינד ליגט אין וויגעלע... „ „ „ ג—מ. . . . . . . 5
איז געפלויגן... „ „ „ „ . . . . . . 6
טאַכטער, דו ליבסטע... „ „ „ „ . . . . . . 6
צו וויינען און צו קלאָגן... „ „ „ „ . . . . . . 8
סאָלדאַטן־ליד „ „ „ „פנקס“. . . . . . . 8


### אינדיווידועל־קינסטלערישע לידער.


אויפן בוידעם שלאָפט דער דאַך. (פאָלקסטימלעך) — ב. שאַפיר . . : 9
אַ בריוו פון אַמעריקע (פאָלקסטימלעך) — מ. וואַרשאַווסקי . . . . 9
אוי, מאַמעניו, טייערע... (פאָלקסטימלעך) — מאַני לייב . . . . . . 10

---

ווי איך זינג — מאָריס ראָזנפעלד . . . . . . . . . . . 11
מיין סוד — יהואָש. . . . . . . . . . . . . . . . 12
דיין ליד — אַ. רייזען. . . . . . . . . . . . . . 12
דער טרערן־מיליאָנער — מ. ראָזנפעלד. . . . . . . . . . 12
דער נביא — יהואָש . . . . . . . . . . . . . . . 13
כ׳בין ניט אויף אייער רוף געגאַנגען — ח. נ. ביאַליק. . . . . . 13
עס גיבן נשמות — לייב ניידוס. . . . . . . . . . . 13
מיין איינציקער פאַרלאַנג — מאָריס ווינטשעווסקי. . . . . . 14
איך האָב אַ קיניגרייך... — יהואָש . . . . . . . . . . 14

---

ערב פרילינג — יהואָש . . . . . . . . . . . . . . 15
פרילינג־ווינטן — מ. בראָדערזאָן . . . . . . . . . . . 15
פרילינג־טרוים — יהואָש . . . . . . . . . . . . . 16
די ערד ערוואַכט (פאַטעטישע סאָנאַטע) — לייב ניידוס . . . . . 17

עס זיינען פאַרפולט... — ד. האָפשטיין. . . . . . . . . . . 20
זעיר־אַנפּין — יהואָש . . . . . . . . . . . . . . 20
כ׳האָב צום גראָז זיך איינגעבויגן... — יהואָש . . . . . . . . 20
דאָס טייכל — יהואָש. . . . . . . . . . . . . . 20
עס האָט מיך פאַרפלאָנטעט... — ח. נ. ביאַליק . . . . . . . 21
ים־לידער — ז. סעגאַלאָוויטש. . . . . . . . . . . . 22
אַ שטראַל — אָשר שוואַרצמאַן. . . . . . . . . . . . 22
ביים זונענפאַרגאַנג — לייב ניידוס. . . . . . . . . . . 22
אין הימל־רוים — ד. האָפשטיין. . . . . . . . . . . . 23
זון־פאַרגאַנג — מ. קולבאַק . . . . . . . . . . . . 23
בין־השמשות — יהואָש. . . . . . . . . . . . . . 23
ס׳דרימלען אַרום אונדז... — יהואָש . . . . . . . . . . 25
אַ גאָרטן ביי מיין הויז — יואל סלאָנים . . . . . . . . . 25
אין אַ לבנה־נאַכט — דוד איינהאָרן . . . . . . . . . . 26

הארבסט — ל. יפה. . . . . . . . . . . . . . . 26
הארבסט־מאָטיוו — א. זאק. . . . . . . . . . . 27
הארבסטיקע בלעטער — לייב ניידוס. . . . . . . . 27
הארבסט — יואל סלאָנים. . . . . . . . . . . . 28
* * — פרץ מארקיש. . . . . . . . . . . . . . 29

דער יום־טוב־טאנץ — ל. מילער. . . . . . . . . 30
* * — ל. מילער. . . . . . . . . . . . . . . 30
שניי — ב. ביאלאָסטאָצקי. . . . . . . . . . . 30
ערוואַרטונג — לייב ניידוס. . . . . . . . . . . 30
אויפן זילבערנעם שניי — י. שווארץ. . . . . . . 31
ווינטער — לייב ניידוס. . . . . . . . . . . . 31
שניי — יהואָש. . . . . . . . . . . . . . . 32
ווינטער־לידער — ח. נ. ביאליק. יידיש — י. שווארץ און ז. שניאור . 33
ווינטער — פרץ מארקיש . . . . . . . . . . . 35
ליטע — דוד אײנהאָרן. . . . . . . . . . . . 37
זכרונות — דוד אײנהאָרן . . . . . . . . . . 37
אין גאָרטן, אין שאָטן... — לייב ניידוס . . . . . 38
א סגולה — מרים אולינאָווער. . . . . . . . . 38
די נאשערקע „ . . . . . . . . . . . . . . . 39
דער באָבעס טאנץ — ה. רויזנבלאט. . . . . . . 39

שטאָט — ד. האָפשטיין. . . . . . . . . . . . 40
ניו־יאָרק — לעיעלעס. . . . . . . . . . . . 40


## לידער אין פּראָזע.


ביים ברעג פון דער ווייכסל — שלום אש. . . . . . 41
אויפן ים — ל. שאפּיראָ. . . . . . . . . . . . 44
ביימער — י. ל. פרץ. . . . . . . . . . . . . 46
* * (פון „א זומערוווינונג") — י. ל. פרץ. . . . . 47
* * (פון „מקובלים") „ . . . . . . . . . . . 47
* * (פון „א גלגול פון א ניגון") „ . . . . . . . 48
* * (פון „וואנדער־טרוימען") — פרץ הירשביין . . . 49
מיין בענקשאפט — ז. שניאור. . . . . . . . . . 51


## ליבע־מאָטיוון.


דער בלאסער בת־מלכּה — ווידמונג צו דוד אײנהאָרנס „שטילע געזאנגען" . 52
שיר השירים — יידיש י. ל. פרץ. . . . . . . . 62
הער נאָר, דו שיין מיידעלע... — פאָלקסליד. . . . . 62
א ליד פון א פויגל — „ . . . . . . . . . . . 63
מיינע שבתים... — „ . . . . . . . . . . . . 63
שרייב איך א בריוועלע (פאָלקסטימלעך) — מאני לייב . . . 63
פערל „ — פרץ הירשביין. . . . . . . . . . 64
פאָלקס־מאָטיוו „ — אברהם רייזען. . . . . . . 64
שימאָנע סאן — יהואָש. . . . . . . . . . . . 64
א נאכט ביים ניעמאן — לייב ניידוס. . . . . . . 65
* * — אָשר שווארצמאן. . . . . . . . . . . . 65
* * — ש. אימבער (פון „וואנדער־לידער") . . . . . 66

זייט.
* * — פון פּאָל־ווערלען. יידיש לייב ניידוס . . . . . . 66
עס נעמט... — א. ניסענזאָן. . . . . . . . . . . 66

## אָדע און הימן.

דאָס ליד פון ים־סוף (רעליגיעזע) — פון דער ביבל. יידיש יהואָש . 67
ברכי נפשי... פון תהילים. קאַפּ. ק״ד — יידיש ז. קאַלמאַנאָוויטש. 68
עס דאַנקט... — פון ר׳ יהודה הלוים ים־לידער. יידיש י. שווארץ . 69
גאָט אין הימל — ז. סעגאַלאָוויטש . . . . . . . . 69
די העלדן פון זשיטאָמיר — יהואָש. . . . . . . . . 69
דעבסן — מאני לייב . . . . . . . . . . . 70
יוגנט — אַברהם רייזען . . . . . . . . . . 70
דער אָדלער — ש. פרוג. . . . . . . . . . . 71

## רעליגיעזע מאָטיוון.

פון תהילים — יידיש דוד איינהאָרן. . . . . . . . . 72
" " יהואָש. . . . . . . . . . . 72
זאָל ס׳האַרץ דיינס אין ים זיך ניט שרעקן... — פון ר׳ יהודה הלוי,
יידיש — י. י. שווארץ . . 73
תפילות און סליחות . . . . . . . . . . . . 74

תחינות:

1. די הקדמה פון שרה בת־טובים צו דער תחינה „שלשה שערים“. . . 75
2. אַ תחינה אויף פּרנסה — פון דעם ספר „תחינות ובקשות“ . . . . 76
תפילה צו ליכט־בענטשן — פון „לעבן און וויסנשאַפט“ . . . . 77
המבדיל (גאָט פון אברהם) — " " " . . . . . 78
ישמח משה — פאָלקסליד. פון דער זאַמלונג י. ל. כהן. . . . . 78
ברוך אלהינו — " " " ג--ם . . . . . . . 78

## נאַציאָנאַלע מאָטיוון.

מיין פאָלק — דוד איינהאָרן. . . . . . . . . . 79
גלות־מאַרש — מאָרים ראָזנפעלד . . . . . . . . 79
פון טיפעניש — י. י. שווארץ . . . . . . . . 80
זאָג, מאַראַן — א. רייזען. . . . . . . . . 81
צו מיין פאָלק — לייב ניידוס. . . . . . . . . 81
ווען כ׳צינד די ליכטלעך אָן די אַכט... — אַ. רייזען. . . . . . 82
ליכט — לייב ניידוס . . . . . . . . . . . 82
טרייסט — י. ל. פּרץ. . . . . . . . . . . 82
גלוסט זיך מיר וויינען — ח. נ. ביאַליק . . . . . . . 83

## עלעגיעס.

זכור... — פון קינות לת״ב. . . . . . . . . . . 84
יידישע מאָטיוון I. — י. י. שווארץ. . . . . . . . 84
" " II. — " . . . . . . . . . 85
יידישע עלעגיע — דוד איינהאָרן. . . . . . . . . 85
עלעגיעס — נ. אייזין. . . . . . . . . . . 86
אַמאָליקע טעג — אַברהם רייזען. . . . . . . . . 87
עלעגיע — יצחק קאַצענעלסאָן . . . . . . . . . 87
נע־ונד — ח. שעפּס . . . . . . . . . . . 87
כאָטש אַ טרער — יהואָש. . . . . . . . . . 88
הארבסט־מאָטיוו — ל. לאַנדוי . . . . . . . . . 88
דער אָונטגלאָק — ד. עדלשטאַט . . . . . . . . . 89

## פילאָזאָפישע מאָטיוון.

זייט.
פונם ספר „קהלת“ — יידיש יהואָש. . . . 90
פונם ספר „איוב“ — יידיש יהואָש . . . . 93
די יונגע יאָרן — פאָלקסליד . . . . 96
עס לעשן זיך שטערן — פרץ הירשביין. . . . 96
די וואָלקנס — אַ. ליעסין . . . . 97
עס וויאַנען... — יהואָש . . . . 97


## סאָציאַלע מאָטיוון.

הייב איך מיך אויף — פאָלקסליד. פון דער זאַמלונג „אַרבעט און פרייהייט“ . 98
ווי קום איך — אַ. רייזען. . . . . 99
אָרעמעס לעבן — „ . . . . 99
אין רעגן, אין ווינט און אין קעלט — מאָריס ווינטשעווסקי. . . 99
מיין ניט... — י. ל. פרץ . . . . 100
דאָס געבעט — „ . . . . 101
מיין רוע פלאַץ — מאָריס ראָזנפעלד . . . . 101
צום שקלאַף — יוסף באָוושאָווער . . . . 102
און דו אַקערסט... — ג. הערוועג . . . . 102
נישט תמיד — לייב ניידוס . . . . 102
דער וועכטער — י. ל. פרץ . . . . 103
די וואַנט — אַ. רייזען . . . . 103
פון דער סעריע „אויף די וועגן סיבירער“ — ה. לייוויק.
איבער וועגן... . . . . 104
וואָלט כאָטש ווער געקומען... . . . . 104
איינגעשמידטע זיינען מיר... . . . . 104
ערגעץ — ה. לייוויק . . . . 105
דער העלד — ה. רויזנבלאַט . . . . 105


## נביאיש.

פון עמוס — — יידיש ש. אייזנשטאַט . . . . 106
פון ישעיה א. — „ „ . . . . 107
פון יחזקאל (שיר) — „ י. ל. פרץ . : . . . 109
פון ישעיה ב. — „ יהואָש . . . . 109
אין שחיטה־שטאָט — ח. נ. ביאַליק. . . . . 111
דאָס לעצטע וואָרט — „ . . . . 117


## סאַטירע און איראָניע.

די פרומע קאַץ — י. ל. פרץ . . . . 120
די נאַכטוועכטער — „ . . . . 122
משיחס צייטן — מ. י. בערדיטשעווסקי. . . . . 123


## עפיגראַמען.

שקר און אמת — — י. ל. פרץ. . . . . 124
ווען איך בין אַ גאָט...— „ . . . . 124
טובות — מ. ראָזנפעלד . . . . 124
פרידן — „ . . . . 124